STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12563

# PLASTISHE KUNST BAY IN POYLN

Jozef Sandel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

יוסף סאַנדעל

פלאַסטישע קונסט
ביי יידן אין פוילן

יוסף סאנדעל

# פלאסטישע קונסט
# ביי יידן אין פוילן

פארלאג: יידיש בוך ווארשע

1964

J. SANDEL

# SZTUKA PLASTYCZNA U ŻYDÓW W POLSCE

Red. D. SFARD

רעד. ד. ס פ א ר ד

Okładkę projektował: R. CHWOLES

הילע פּראָיעקטירט: ר. כ וו אָ ל ע ס

Printed in Poland

Wydawnictwo „IDISZ BUCH” Warszawa, Nowogrodzka 5

Ark. druk. 16,5, ark. wyd. 13. Papier rotograw. III kl., 61×86 g
Nr Zam. 312. Nakł. 3000 egz. Druk ukończono w czerwcu 1964 r.
Druk. RSW „Prasa”, Warszawa, ul. Tarczyńska 8. Z-12



פּאָרטרעט פֿון יוסף סאַנדעל (טוש),
אויסגעפֿירט דורך דער מאָלערין לאה גרונדיג אין 1950 יאָר

# פאָרוואָרט*

אינעם פאָרוואָרט צו דעם דאָזיקן בוך איבער יידישער קונסט האַלט איך פאַר נייטיק, כדי צו פאַרמיידן יעדן טעות, שוין אין אָנהייב צו באַטאָנען, אַז מיר קענען דאָ נאָר אין אַ באַגרענעצטער מאָס געבן אַן איבערזיכט איבער דעם וועלטלעכן קונסט־שאַפן ביי די יידן אין פוילן. ביי אונדז נעמט מען אָן, און נישט ווייניק האַלטן עס אַפילו פאַר זיכער, אַז פון דער עפּאָכע פאַר דער עמאַנציפּאַציע זענען נישטאָ קיין באַווייזן פון יידישער קונסט־שאַפונג, אַז ערשט אין 19־טן יאָרהונדערט זענען די יידישע קינסטלער אויפגעשוווּמען אויף דער אַרענע מיט אויסשטעלונגען און בכלל באַקאַנט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט. אָבער אין דער אמתן איז די קונסט־באַדערפעניש צווישן די יידן נישט געווען קיין קלענערע, ווי ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער, און כאָטש פאַר נאָרמאַלער שאַפונג זענען ביי יידן די באַדינגונגען געווען אין אַ סך לענדער און פעריאָדן גאָר שווערע, פונדעסטוועגן האָבן יידישע קינסטלער געשאַפן. טייל פון זיי האָבן זיך אַפילו דערהויבן אין זייער שאַפן צו אַזאַ הויכן ניוואָ, אַז זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף נישט־יידישע קינסטלער. מיר וועלן אָבער אין אונדזער פאָרוואָרט זיך אָפּשטעלן בלויז אויף די ספּעציפישע און כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון אַ טייל יידישע קינסטלער און אויף דעם, וואָס זיי באַדייטן פאַר דער אַלגעמיינער אייראָפּעישער קונסט.

יידן האָבן אין אַלע לענדער, וווּ זיי האָבן געלעבט אַ קורצע אָדער לענגערע צייט, שטענדיק געשאַפן אויפן קינסטלערישן געביט. פאַרשטייט זיך, אַז טעאָרעטיש לאָזט זיך הײַנט פון פיל ווערק נישט אַרויסדרינגען זייער נאַציאָנאַליטעט. צום בולטסטן דערקענט מען די שאַפונגס־קולטור ביי יידן אין דער אַרכיטעקטור, באַצירונגען פון שולן און אין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע בנינים.

מיר ווייסן וואָס פאַר אַ הויכן קינסטלערישן געשמאַק די יידן האָבן אַרויסגעוויזן אין שפּאַניע. אַן אַנדערן כאַראַקטער און פיינגעפיל זעען מיר ביי די האָלענדישע און דייטשישע יידן. און דער געשמאַק פון די פּוילישע יידן טראָגט שוין כמעט אַן אָפּגעשלאָסענעם, יידישלעך־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

---

* וועגן די קינסטלער דערמאָנטע אין פאָרוואָרט קענען מיר געפינען גענויערע פּרטים אין די ביכער פון י. סאַנדעל „יידישע מאָטיוון אין דער פּוילישער קונסט“, וואַרשע 1954, „יידיש בוך“ און אין „יזכור פאַר די אומגעקומענע יידישע קינסטלער אין פוילן“, וואַרשע 1957/8, „יידיש בוך“.

ווען דאָס פֿאָלק לעבט אין געדריקטע פּאָליטישע באַדינגונגען, באַקומט דעם איבערוואָג אין דער קונסט דאָס קאָלעקטיווע. זי איז דעמאָלט רייך און מאָנומענטאַל אַלס געזעלשאַפֿטלעכער אויסדרוק, אַלס ריינע פֿאָלקס=קונסט.

אין די גרויסע ביבליאָטעקן פֿון פֿאַרשידענע לענדער געפֿינען זיך קלענערע זאַכן פֿון יידישע קינסטלער, וועלכע טראָגן נישט די אונטערשריפֿטן פֿון די מחברים, אָבער מען פֿילט זיי אַרויס פֿון די שאַפֿונגען — צי דאָס איז די פּראַגער הגדה פֿון 16=טן י"ה, אָדער די וווּנדערלעכע אָרנאַמענטיק פֿון דער מאָלעריער שול, אָדער אַ קינסטלערישער איינבאַנד=דעקל (טאַוול), אָדער גאָר אַן אָרון=קודש, צי אַן אילומינירטע מגילה. אין זיי אַלע זעט זיך דער כוח פֿון דער שאַפֿונגס=פֿאַנטאַזיע פֿון קינסטלער, אָבער אויך די שטאַרקע באַווירקונג פֿון פֿאָלק, וואָס האָט זיך געניטיקט אין אויסדרוק פֿון זיינע נאַציאָנאַלע געפֿילן.

מיט דער עמאַנציפּאַציע טרעטן אַריבער די יידישע קינסטלער די שטרענגע אָפּגעזונדערטקייט און ענגשאַפֿט פֿון געטאָ, וואָס האָט זיי געהאַמעוועט. דער פֿאַקט, וואָס זיי זענען געווען געצוווּנגען זיך אויסצודריקן נאָר אין באַשטימטע פֿאָרמען, האָט פֿאַר דער עמאַנציפּאַציע געבראַכט צו דער טרויעריקער דערשיינונג, וואָס גאָר פֿעיקע שעפֿערישע כוחות זענען איבערגעגאַנגען צו אַנדערע פֿעלקער. זייער שאַפֿונג האָט דערנאָך באַקומען דעם סטיל און כאַראַקטער פֿון דער געגעבענער סביבה, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט.

אַזוי איז באַקאַנט אין דער קונסט=געשיכטע אַ גאַנצע פֿאַמיליע פֿון גרויסע קינסטלער אין 17=טן און 18=טן י"ה, אָבער גאָר ווייניק ווייסן, אַז זיי זענען געווען יידן. זיי זענען מגולגל געוואָרן אין קעניגלעכע הויף=קינסטלער אין דענעמאַרק, דייטשלאַנד, שפּאַניע און אויך אין רוים ביים פּויפּסט.

דער סעניאָר פֿון דער פֿאַמיליע איז געווען ש מ ו א ל מ ע נ ג ס, וועלכער האָט געשטאַמט פֿון טשעכיען, אָבער ער האָט שוין מיט זיינע געשמדטע עלטערן אויסגעוואַנדערט קיין דענעמאַרק. ער איז געוואָרן אַ זייער באַרימטער מיניאַטור= און פּאָרטרעטן=מאָלער אין אַ סך פֿירשטלעכע הויפֿן אין דייטשלאַנד און אין איטאַליע.

זיין זון אַנטאָן מענגס (1728 — 1779) האָט געהערט צו די גרעסטע קינסטלער פֿון זיין דור. זיין יאָרהונדערט האָט אים פֿאַרגליכן מיט ראַפֿאַעלן, וועמענס נאָמען זיין פֿאָטער האָט אים געגעבן אין פֿאַרערונג פֿון גרויסן רענעסאַנס=קינסטלער. אַנטאָן ראַפֿאַעל מענגס איז געווען דער הויף=קינסטלער אין דרעזדען, געמאָלט האָט ער אויך אין רוים און אין קעניגלעכן הויף אין מאַדריד. מען האָט זיך איבער אים געריסן, און ער איז פֿון פֿיבערהאַפֿטער אַרבעט און אָנגעשטרענגטן שאַפֿן קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

מענגס האָט אַחוץ דעם געהאַט אַ דעצידירנדיקע השפּעה אויף דעם גרויסן פֿאָרשער פֿון אַלטערטום יאָהאַן ווינקעלמאַן (1717 — 1768), וועלכער איז געווען זיין חבר און וועמענס ווערק האָבן געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דער קולטור=פֿאָרשונג פֿון גריכנלאַנד און פֿון דעם אַלטערטום בכלל.

מיר קענען נאָך אויף אַנדערע קינסטלער אָנווייזן. דער גרויסער מיניאַטור־מאָלער אין ענגלאַנד, שמואל קופער, וואָס האָט געלעבט אין די יאָרן 1606 — 1649 און זיין ברודער אַלעקסאַנדער קופער, וואָס האָט געשאַפן אין שטאָקהאָלם, זיינען געווען יידן. אין דייטשלאַנד ווידער איז דאָס אייניקל פון משה מענדעלסאָן, יאָהאַן פייט (1854 — 1890), געווען אַ גאַר פעיקער קינסטלער. זייער הויך ווערן אויך געשאַצט די מיניאַטור־שאַפונגען פון אַלעקסאַנדער פלאָרינא פון יענער צייט. אויך אין איטאַליע און אין האָלאַנד זיינען געווען יידישע קינסטלער און קינסטלערינס.

מיט דער עמאַנציפאַציע, די צייט פון אַ נייעם עקאָנאָמישן אויפבלי און פון אויפקומען פונעם בורזשואַזן קלאַס — האָט זיך אויך פונדאַמענטאַל געענדערט דער צושטאַנד און די ווירקונגען צווישן די יידן אין מערב־אייראָפע. אין דער דאָזיקער תקופה האָט אָנגעהויבן אויך ביי יידן די קונסט־שאַפונג צו וואַקסן. דער יידישער קינסטלער מאַקס אָפענהיים מאָלט שוין געטען און לודוויג בערנען.

אָבער רוסלאַנד און פוילן זיינען געבליבן אַ סך הינטערשטעליק צוליב זייער עקאָנאָמישער אָפגעשטאַנענקייט און פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער. אין דעם קלאַסישן לאַנד פון דער בירגערלעכער רעוואָלוציע — פראַנקרייך, וווּ דער יידישער קיבוץ איז פריער פרייער געוואָרן און גייסטיקער און עקאָנאָמישער היכזיכט, איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקע אַקטיוויזירונג פון דער קינסטלערישער שאַפונג. צו די באַדייטנדיקסטע מאָלער אין פראַנקרייך אין 19־טן י"ה געהערט קאַמיל פיסאַראָ (1840 — 1903), וועמענס מאָלעריי איז פון קאַלאָסאַלער באַדייטונג אין דער קונסט־געשיכטע. ער צוזאַמען מיט זיינע פריינד: מאָנע, סיסלעי, רענואַר און אַנדערע בילדן די ריכטונג פון רעוואָלוציאָנערע אימפרעסיאָניסטן, וועלכע האָבן דורכגעפירט אַן ענדערונג אין באַגריף פון קונסט און זיינען געווען די פראָגרעסיווסטע קינסטלער פון יענער עפאָכע. די אימפרעסיאָניסטישע קונסט באַזירט זיך אויף ליכט־ און שאָטן־פאַרהעלטענישן, געבונדן מיט דער אַטמאָספער, אין וועלכער דאָס בילד איז אַנטשטאַנען. אין קאַמיל פיסאַראָ האָט דאָס יידישע פאָלק אַרויסגעגעבן אַ קינסטלער פון גרויסער וועלט־באַדייטונג.

דאָס קליינע האָלאַנד, דאָס פאָטערלאַנד פון גרעסטן מאָלער־זשעני און אומהערגרייכבאַרן פסיכאָלאָגישן פאָרטרעטן־שאַפער רעמבראַנדט, וועלכן מיר, יידן, האָבן צו פאַרדאַנקען דאָס שאַפן פון בבלישע געשטאַלטן און אין וועלכן מיר פאַרערן דעם פאָטער פון דער יידישער קונסט אין 17־טן י"ה — האָט באַקומען אַ גרויסן שילער פון רעמבראַנדטן אין דעם האָלענדישן ייד י ו ס ף א י ז ר אַ ע ל ס (1824 — 1911). איזראַעלס איז געבליבן אַ טרייער אָנהענגער פון דעם גרויסן מייסטער רעמבראַנדט, אָבער די שפעטערדיקע יאָרן פון זיין שאַפן האָט ער נאָכגעפאָלגט דעם פראָצעס פון די פראַנצויזישע אימפרעסיאָניסטן. ער האָט אַ גרויסע צאָל בילדער געשאַפן אויף יידישע מאָטיוון און פייזאַזשן, וואָס זיינען אָנגעזעטיקט מיט דעם הייסן פאַרב־טאָן פון די אימפרעסיאָניסטן. רעמבראַנדט, איזראַעלס און די פראַנצויזישע אימפרעסיאָ־

ניסטן האָבן ווידער דערצידערנדיק געווירקט אויף דעם ייִד מאַקס ליבערמאַן (1847 — 1935). אין דײַטשלאַנד, וווּ ייִדן זענען לויטן געזעץ געווען גלײַכע בירגער, זענען זיי דאָך אין דער ווירקלעכקייט געווען באַגרענעצט אויף דעם קולטורעלן און קינסטלערישן געביט. גאַנץ באַזונדערס האָט דאָס דערשפּירט ליבערמאַן. מען האָט אים נישט געלאָזן אויפקומען, ער איז נישט געפעלן דעם רעאַקציאָנערן קייזער, די דײַטש־יונקערישע גרויסע גוטס־באַזיצער און די גענעראַלן. טראָץ דעם אַלעם אָבער איז דער אײַנפלוס פון ליבערמאַנען אין די פּראָגרעסיווע קרײַזן שטאַרק געשטיגן. אין אויסלאַנד ווערט ער געשעצט אַלס דער פעיקסטער דײַטשישער קינסטלער.

אין דער צײַט פון דער ווײַמאַרער רעפּובליק איז ער צוועלף יאָר צײַט אַן איבערהויפּט דער פּרעזידענט פון דער פּרייסישער קונסט־אַקאַדעמיע. דאָס קומען פון היטלערן צו דער מאַכט האָט דעם עטלעכע 80־יאָריקן זקן אינגאַנצן איבערגעבראָכן. אין 1935 איז ער פאַרלאָזן און אייניקט געשטאָרבן.

אין רוסלאַנד ווידער האָט געלעבט דער וווּנדערלעכער לירישער פּייזאַזשיסט איזאַק לעוויטאַן (1861 — 1900), וועלכער האָט דעם גאַנצן צויבער פון דער מזרחדיקער לאַנדשאַפט אַרויסגעבראַכט אויפן לייוונט, ווי קיין שום קינסטלער אין רוסלאַנד. ווען מיר קוקן אויף זײַנס אַ בילד, ווערט פאַר אונדז לעבעדיק די נאַטור.

ביים סקולפּטאָר מאַרק אַנטאָקאָלסקין (1843 — 1902) דאַקעגן קומט צום אויסדרוק מאָנומענטאַליטעט און די שיינקייט פון קלאַסיציזם. ער איז געווען דער פּאָפּולערסטער בויער פון דענקמעלער אין צאַרישן רוסלאַנד.

רוסלאַנד האָט אויך אַרויסגעגעבן די צוויי גרויסע קינסטלער, וואָס זייער השפּעה אויף דער קונסט אין דער גאַנצער וועלט איז אַ ביז גאָר טיפע און גרונטיקע. דאָס זענען די קינסטלער מאַרק שאַגאַל און חיים סוטין. די באַדייטונג פון זייער קונסט איז ווײַט אַריבער־געשטיגן די בלויזע ייִדישע ראַמען. זייערע געדאַנקען זענען אַריבערגעוואַקסן די פאָרמען פון זייער צײַט. זיי זענען דורכגעדרונגען פון אַן אומרואיקייט קעגן דער זאַטער בירגערלעכער וועלט פון אַמאָל, ווען ס'האָט באַהערשט די מוחות פונעם רוב קינסטלער אַ זיסע שיינקייט־מאַניר. מאָלן דאָס אַרבעטער־לעבן האָט געהייסן פאַר די עסטעטן — פּאָליטיק. דער קינסטלער, האָבן זיי זיך אײַנגערעדט, שאַפט קונסט אומאָפּהענגיק פון לעבן. שאַגאַלס קונסט איז געווען אַ קאָמפּליצירטער אָנהייב, אַ קריטיש דערקענען, אַז די אויפגאַבע פון קינסטלער איז אָפּצושפּיגלען די פאָלקס־עכטקייט. די קונסט איז באַזירט אויף דער אָביעקטיווער נויטווענדיקייט פון אַ ריכטיקער געשטאַלטיקונג, נאָר מיט דער פרייקייט פון נואַנסן, וועלכע זענען דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר יעדן קינסטלער באַזונדער. ביי מאַרק שאַגאַלן האָט זיך אָנגעהויבן ווי איז אַ מעשהלע באַווייזן די פאָלקס־קונסט. דער ייִדישער סיזשעט פון זײַן בילד האָט דערפרישנדיק געווירקט אויך אין מערב. דאָס איז געווען אין דער תקופה, ווען אין דער וועלט האָט געבראַזט אַ נייע בענקשאַפט, אַ נישט־דעפינירטער וועלט־שמערץ.

קינסטלער זענען געפֿאָרן זיך היילן ביי די פּרימיטיווע פֿעלקער אין אַפֿריקע, ווי אויך אויף די פֿאַרוואָרפֿנסטע אינדזלען. דערמיט האָט שאַגאַל אַנטפּלעקט דאָס אייגנאַרטיקע אין ייִד. זיינע עמפּפֿינדונגען, זיינע חלומות און אילוזיעס. טראָץ דער ביטערער ייִדישער נויט דריקט אויס שאַגאַל דעם עקסטאַז, וואָס האָט זיך פֿאַרוואָרצלט אין חסידישן שטייגער. שאַגאַל איז אַליין געבליבן דער „גוטער ייִד“, דער „צדיק“ אין דער פּלאַסטישער קונסט. אין דער וועלט האָט ער געוווּנען אַ סך פֿרומע פֿאַרערער און באַווירקט אין זיין עקספּרעסיאָניסטישן פּעריאָד די אַלגעמיינע קונסט.

ח ײ ם ס ו ט י ן (1894 — 1943) — דער אַנדערער פֿענאָמענאַלער ייִדישער קינסטלער פֿון רוסלאַנד — איז שוין אַרויסגעגאַנגען פֿון אַן אַנדער הנחה, זיין קונסט־פּראָבלעמאַטיק איז דער איינזאַמער און פֿאַרלאָזענער מענטש. סוטין זעט אויך אין דער נאַטור בושעווען בייזע עלעמענטן, אָבער די הויפּט־זאַך איז ביי אים דער היימלאָז־הילפֿלאָזער מענטש, וואָס קען זיך אין דער ראַפֿינירטער קלוגער וועלט קיין עצה נישט געבן. אַ פּחד פֿאַלט, ווען מען קוקט אויף סוטינס אַ לאַנדשאַפֿט. זיינע קאָלירן, וואָס זענען אָנגעלאָדן מיט דינאַמיק און יעדער טאָן איז אָנגעזאַפּט מיט כוח, זאַמלען זיך ספּאָנטאַן אויף דעם לייוונט, געדיכט ווי אַ גרויזאַמע מאַסע... זיין קאָנצעפּציע פֿאַרוואַנדלט זיך אין ערד, אין ביימער, אין פֿאַלנדיקע הימלען און פֿאַרזינקענדיקע וואַסערן. עס פֿילט זיך ביי אים אַ תוהו־ובוהו פֿון וועלט־אונטערגאַנג; ער טרייסלט אויף אונדזער געוויסן, ווען ער באַווייזט דעם עגאָיזם און די אומגערעכטי־קייטן קעגן אָרעמען מענטש. זיין מאָלעריי איז ווי אַן אָפּשפּיגלונג פֿון באַרבאַ־ריזם פֿון דער היטלער־תקופה פֿאַרן קריג און פֿון דער גלייכגילטיקער באַציונג צו דער מענטשלעכער נויט. היינט ווייסן מיר ווי ממש נביאיש דער קינסטלער סוטין האָט פֿאָרגעפֿילט די דערשטיקונג פֿון דער מענטשלעכער קולטור דורכן היטלעריזם. דער דאָזיקער פֿאָרגעפֿיל האָט זיך אין זיינע בילדער אויסגעדריקט אין דעם גורל פֿון די איינזאַמע, פֿון וועלכע עס בליקט אַרויס אַ שטומער פֿאָר־וווּרף צום מענטש.

## די ייִדישע קונסט אין פּוילן

די ייִדישע קונסט אין פּוילן איז געווען רייך און אייגנאַרטיק. די ייִדישע אַרכיטעקטן האָבן נישט בלויז געבויט שולן, נאָר אויך בריקן און פֿעסטונגען אויף דער באַשטעלונג פֿון די פּוילישע הערשער. פֿאַר דער הערשאַפֿט פֿון זיג־מונט אויגוסט איז אַלס ספּעציאַליסט פֿון געאָדעזיע און אַרכיטעקטור געווען דער רב שמעון גינזבערג און אין די צייטן פֿון סטעפֿאַן באַטאָרי און זיגמונט דעם III איז דער ספּעציאַליסט פֿון בויען בריקן געווען מענדל אייזיק.

ייִדן האָבן זיך פֿאַרנומען מיט פּראָדוצירן געצעלטן פֿאַר די קעניגן און העטמאַנען. הויות די געצעלטן־פּראָדוקציע איז דורך די צענער נישט אַרומגע־נומען געוואָרן, איז די ייִדן דערלויבט געווען דערמיט זיך צו פֿאַרנעמען. צומערסטנס האָבן זיך מיט פּראָדוצירן געצעלטן פֿאַרנומען ייִדן פֿון לוואָוו

און בראָד. בעת דער הערשאַפט פון יאַן סאָביעסקי איז דער מייסטער פון פּראָדוצירן געצעלטן פאַרן קעניג געווען משהקע פון זשאָלקעוו. ווען די שטאָט לוואָוו האָט אין 1659 יאָר געוואָלט דעם קעניג יאַן קאַזשימיעזש שענקען אַ געצעלט, האָט מען אים באַשטעלט ביי די לוואָווער יידן. דאָס געצעלט איז געווען אויסגעהאַפטן מיט פאַרשידענע מוסטערן, נישט בלויז מיט די בילדער פון חיות און געוויקסן, נאָר אויך מיט מענטשלעכע געשטאַלטן (יעגער). דערפון איז געדרונגען, אַז די יידן־געצעלטער זענען געווען אויך פעיקע מאָלער. פון דעם קאָנטראַקט, וועלכער שטאַמט פון דעם 8 מאַי 1754 יאָר, וועלכער האָט זיך איינגעהיט, דרך אגב, ביז הייניקן טאָג, דערוויסן מיר זיך, אַז דער פּוילישער קרוין־העטמאַן וואַצלאַוו זשעוווסקי האָט פאַר זיך באַשטעלט אַ געצעלט ביים ייד הערשקע קוזמאַכאָוויטש פון בראָד. דער פּראָדוצירער האָט דעם דאָזיקן קאָנטראַקט אונטערגעשריבן אויף יידיש. דאָס דאָזיקע געצעלט האָט זיך ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה געפונען אין דעם גוט פון די זשעוווסקים אין דעם שלאָס אין פּאָדהאָרצי.

וואָס שייך יידן — אַרכיטעקטן, האָט דער באַקאַנטער פּוילישער פאָרשער און אַרכיטעקט שישקאָ באָהוש געפונען און אידענטיפיצירט דעם שעפער פון דער פּרעכטיקער שול אין פּשעדבאָזשע, וואָס שטאַמט פון דעם 17־טן יאָרהונדערט. דאָס איז דער אַרכיטעקט יהודה ליב. אויפן סמך פון די פאָרשונגען אין די אַרכיוון פון דער קעלצער וואָיעוואָדשאַפט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז בעת דעם פּעריאָד 1613 — 1630 האָט הערש דער זון פון שפרה איבערגעבויט די שול אין כענטשין. אין דער זעלביקער צייט האָבן אין כענטשין געבויט איטאַליענישע אַרכיטעקטן קאַספּאַר און סעבאַסטיאַן פּאָדיגאָ, דער שאָטלענדער אַטשערטאָן און דער פלאַמאַנדער אויגוסט דע־וויען.

צווישן די יידישע אַרכיטעקטן האָבן זיך אויסגעטיילט שמחה בן שלמה ווייס, דער שעפער פון דער שול אין נאַשעלסק און יצחק יהודה ליב פון יאַריטשעוו, דער שעפער פון דער שול אין גוואָזשדזשעץ, און אויפן ראַנד פון 18־טן און 19־טן י״ה דוד פרידלענדער, דער שעפער פון דער שול אין ווישגאָראָד, אין פּיאָטרקעוו און אַנדערע שולן. וואָס שייך אַנדערע קינסטלערישע שאַפונגען, וועלכע שטאַמען לויט דער אידענטיפיקאַציע פון קינסטלער־יידן — איז באַוווּסט, אַז די באַקאַנטע סקולפּטור, וועלכע שטעלט פאָר דעם ביוסט פון דעם קרוין־מאַרשאַליק בראַניצקי (דעם שוואָגער פון דעם לעצטן פּוילישן קעניג) איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם אַנאָנימען יידן פון ביאַליסטאָק. די דאָזיקע סקולפּטור איז באַשריבן געוואָרן דורך דעם רייזנדער פון 18־טן י״ה יאַן בערנאָולי, נאָך דעם, ווי ער האָט זי באַטראַכט אין דעם שלאָס פון די בראַניצקים אין ביאַליסטאָק.

אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער האָט די קונסט פון קריצן אויף מעשענע בלעכן ביי יידן געבליט. מען האָט געמאַכט פאַרשידענע באַפּוצונגען פאַר די תורות, מינקעטן און אַנדערע קעגנשטאַנדן, וועלכע זענען דעקאָרירט געוואָרן מיט אַ רייכער אָרנאַמענטיק פון געוויקסן, בעלי־חיים, פייגל און טיילמאָל אויך מענטשלעכע געשטאַלטן. אַ געוויסער פּייער פון ווילאַצלאַוועק האָט

אַקעגנדיק זיין פעלד אין 1909 יאָר אין דער ערד אַ קיילעכדיקן קעגנשטאַנד, דאָס איז געווען אַ קיילעכדיקע מעטאַלענע כלי מיט אַ סך אויסגעקריצטע פיגורן.

דאָס דאָזיקע פּלאַסטישע בילד האָט פאַרגעשטעלט די סצענע, ווי גדעון מיט זיין חיל אַטאַקירט די מואבים. דער פּוילישער קונסט=פאָרשער מאַריאַן סאָקאָלאָווסקי, ווי אויך דער וויענער קונסט=היסטאָריקער יוליוס שלאָסער, דער אַנטדעקער פון דער הגדה פון סאַראַיעוואָ, האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די דאָזיקע מעטאַלענע כלי שטאַמט פון דעם 12=טן י"ה און איז געמאַכט געוואָרן דורך יידן. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ מתנה פון די יידן פאַר דעם דעמאָלטיקן קראָקעווער בישוף גידעאָן.

פון די עלטסטע צייטן אָן פאַרנעמען זיך אויך יידן מיט מוניצערײַ — דאָס הייסט, מיט קלאַפּן מטבעות און מעדאַלן פאַר דער מלוכה. די ערשטע פּוילישע מטבעות, וועלכע זענען אויסגעקלאַפּט געוואָרן פון מיעשקאָ דעם צווייטן, אַזוי גערופענע בראַקטעאַטן, האָבן געמאַכט יידן. אויף די דאָזיקע מטבעות געפינט זיך דער פּאָרטרעט פון דעם קעניג, וועלכער איז אַרומגערינגלט מיט אַן אויפשריפט פון העברעישע אותיות. אין דעם 19=טן יאָרהונדערט זענען אין פּוילן באַוווסט געווען די יידן יאַן סאָלאָמאָן מינהיימער, גרילירס און שטיינמאַן אַלס מייסטערס פון פּראָדוצירן מעדאַלן.

וואָס שייך דער דרוקער=קונסט האָבן זיך שוין אין אָנהייב פון איר אַנטשטייונג, דאָס הייסט אין 16=טן יאָרהונדערט, אויסגעטיילט אין קראָקע און אין שלעזיע די יידן פּאַוועל האַליטש און זיינע ברידער, אין לובלין קאַלאָנימוס בן מרדכי יאפּע, אין 17=טן יאָרהונדערט יונה בן ישראל אויסטריאַקוס. אויך אין זשולקעוו האָבן זיך געפונען יידן=דרוקערס און אין אַ ריי אַנדערע שטעט.

נאָך דער פאַנאַנדערטיילונג פון פּוילן צווישן די דריי גרויסמאַכטן האָט זיך פאַר די פּוילישע יידן געשאַפן אַ נייע סיטואַציע. אין יעדער פון די נייע מלוכות האָבן געהערשט אַנדערע געזעצן פאַר יידן, אַ סך שטרענגערע, ווי אין דער געוועזענער פּוילישער מלוכה, און זיי האָבן זיך געדאַרפט צופּאַסן צו די דאָזיקע נייע געזעצן פון די אָקופּאַנטן. אַזוי למשל, האָט מען אין עסטרייך, פאַר דעם קייסער יאָזעף דעם 2=טן געוואָלט שיקן די יידן דורך צוואַנג אין די שולן. אַ סך יידן האָבן זיך געווערט קעגן צוואַנג. דאַקעגן, אין קאָנגרעס=פּוילן גייט אָן צווישן די יידן אַ פרייוויליקע אַסימילאַציע אין דער ריכטונג פון דער פּוילישער קולטור. אַ סך יידן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די פּוילישע קעמפער קעגן דער אונטערדריקונג מצד דעם רוסישן צאַר.

אין פּוילן האָט זיך אין 19=טן יאָרהונדערט צעבליט אַ קונסט, וואָס איז געוואָרן די דערהויבנסטע דערשיינונג אין דער יידישער שאַפונג בכלל.

פון קאָנגרעס=פּוילן שטאַמען אַ ריי אָנערקענטע קינסטלער — יידן, ווי: אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ל ע ס ע ר (1814 — 1884). ער האָט געשטאַמט פון אַ רייכער בירגערלעכער משפחה פון וואַרשע. פון דער פריסטער יוגנט אָן

האט ער געשטעלט פאר זיך דעם ציל אפצושפיגלען אין בילד די וויכטיקסטע היסטארישע געשעענישן פון דער פוילישער מלוכה. לעסער קאן פארעכנט ווערן צו די ערשטע מאלערס פון דער פוילישער געשיכטע. אין משך פון 20 יאר האט ער געזאמלט דאקומענטאציעס, וועלכע האבן געהאט א שייכות מיט דעם אויסזען פון פוילישע קעניגן און פירשטן. שפעטער האט ער די דאזיקע דאקומענטן אויסגענוצט פאר זיין אלבום אונטערן טיטל „די פוילישע קעניגן און פירשטן“.

אויך די באפרייונגס=קאמפן פון דעם פוילישן פאלק האבן געפונען זייער אפשפיגלונג אין די בילדער פון אלעקסאנדער לעסער: אזעלכע בילדער, ווי „די לויה פון די פינף קרבנות“, „א דעמאנסטראציע אויפן אלטן מארק“, „יאאכים לעלעוועל אויף דער עמיגראציע“ און א ריי אנדערע, שטעלן פאר די געשעענישן פון יענעם פעריאד. אויף דער טעמע קאמף פון די פאליאקן מיט די שונאים, האט לעסער געשאפן אזעלכע בילדער, ווי: „די פארטיידיקונג פון טרעמבאוולי“, „סקארבעק“ און אנדערע. לעסער איז געווען ענג פארבונדן מיט דער פוילישער אריסטאקראטיע. ער איז געווען איינער פון די בעסטע קענער פון פוילנס אלטערטימלעכקייט. דאס האט ער ארומגעפירט איבער ווארשע יאן מאטעיקא, באוויזנדיק אים די מערקווירדיקייטן פון דער שטאט.

די לויה פון אלעקסאנדער לעסער אין ווארשע דעם 10 מערץ 1884 יאר איז געווען א גרויסע מאניפעסטאציע פון אנערקענונג און פארערונג פאר די פארדינסטן פון דעם דאזיקן קינסטלער. ער איז מקבר געווארן אויפן בית=עולם אויף דער אקאפאווע=גאס. יוזעף איגנאצי קראשעווסקי האט לעסערן געווידמעט אין זשורנאל „קלאסי“ א גרעסערן נעקראלאג, אונטערשטרייכנדיק די גרויסע פארדינסטן פונעם קינסטלער פאר דער פוילישער קונסט. אלעקסאנדער לעסער איז געווען נישט בלויז א מאלער, נאר אויך א פארשער פון די קונסט=דענקמעלער. ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון דער ווארשעווער געזעלשאפט פריינד פון קונסט, די אזוי גערופענע „ווארשעווער זאכענטא“. לעסער איז געווען דער אפוטרופוס פון דעם יידישן יתומים=הויז אין ווארשע.

אלעקסאנדער סאכאטשאווסקי (1840 — 1923):

אין דער יוגנט האט אלעקסאנדער סאכאטשאווסקי געלערנט אין דער פראגרעסיווער ראבינער=שול אין ווארשע. שפעטער איז ער אריינגעטראטן אין דער ווארשעווער קונסט=שול. אין עלטער פון 18 יאר איז סאכאטשאווסקי אריינגעצויגן געווארן אין דעם אונטערערדישן קאמף פון די פאליאקן קעגן דער צארישער אונטערדריקונג. ער איז פארמישפט געווארן אויף טויט=שטראף. צוליב דעם וואס ער איז געווען יונג האט מען די טויט=שטראף פארביטן אויף 20 יאר קאטארגע אין סיביר. צוזאמען מיט אנדערע פארשיקטע שטייט ער אויס גרויסע צרות. נאך דעם אפקומען די שטראף ווערט ער באפרייט און ווידמעט די לעצטע יארן פון זיין לעבן דעם ציל איבערצוגעבן אין בילד דעם גיהנום פון די פארשיקטע קיין סיביר. אזוי ארום איז אנטשטאנען די גאלעריע פון העכער 120 בילדער פון דעם דאזיקן מאלער, וועלכע אילוסטרירן די מארטירערשאפט פון די פארשיקטע קיין סיביר. צו די הויפט=בילדער פון

דער דאָזיקער סעריע געהערן: „געזעגענונג מיט אייראָפּע“, „צוויי גענעראַציעס“, „דער פאַרשיקטער אַנטלויפט“, „פאַרקאַווערט אין קייטן“, די יסורים פון דער פאַרשיקטער פרוי“. די דאָזיקע בילדער האָבן ביז דער מלחמה געפונען זיך אין דער שטאָט לוואָוו.

די בילדער פון סאָכאַטשאָווסקי זענען נאָך דער צווייטער וועלט=מלחמה אַריבערגעשיקט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער מאַכט פון לוואָוו קיין פוילן. ביזם הײַנטיקן טאָג געפינען זיי זיך אין היסטאָרישן מוזיי אין וואַרשע.

הענריק רעדליך (1838 — 1884), אַ גראַווירער און מאָלער. אַלס קינד האָט אים געדראָט אַרײַנצופאַלן אין די הענט פון דער צאַרישער מאַכט אַלס קאַנטאָניסט, דאָס הייסט, ער האָט געזאָלט צוגערויבט ווערן ביי דער משפחה און אָפּגעגעבן ווערן אין דער צאַרישער אַרמיי אויף 25 יאָר. כדי צו ראַטעווען זייער קינד פון שווערן גורל, האָבן אים די עלטערן ווינטער=צייט 1850 יאָר געבראַכט צו דער פּרייסישער גרענעץ. פון דאַנען איז ער געקומען קיין ברעסלאַו — ווראָצלאַוו, וווּ עס האָט זיך מיט אים פאַרנומען די ייִדישע משפחה באַוער. אַלס זעכצניאָריקער בחור קערט זיך רעדליך אום צוריק קיין וואַרשע, וווּ ער הייבט אָן צו שטודירן פּלאַסטיק אין דער וואַרשעווער קונסט=שול. ווי אַ טאַלאַנטירטער שילער באַקומט ער אַ סטיפּענדיע און ווערט דורך דער געזעלשאַפט „זאַכענטאַ“ אַרויסגעשיקט שטודירן גראַוויר=קונסט קיין דרעזדען און מינכען. הענריק רעדליך איז געווען איינער פון די טאַלאַנטפולסטע קופּער=שטעכערס אין אייראָפּע. אויף דער אויסשטעלונג אין פּאַריז אין 1878 יאָר ווערט ער אויסגעצייכנט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל (גראַן פּרי) פאַר דעם אויסגעקריצטן בילד פון יאַן מאַטעיקאָ „אוניאַ לובעלסקאַ“. רעדליך האָט גראַווירט די שאַפונגען פון די גרויסע פּוילישע מאָלערס, ווי מאַטעיקאָ, גערסאָן, גערימסקי, ער האָט אויך געשאַפן בילדער אייגענע: פּייזאַזשן, בילדער מיט ייִדישער טעמאַטיק, ווי למשל, „צוויי ייִדן באַטראַכטן אַ גראַוויור“. פאַר די פאַרדינסטן אויפן געביט פון גראַווירן האָט די אַקאַדעמיע אין פּעטערבורג אים דערקלערט אַלס אַקאַדעמיקער און אָנגעגעבן דעם טיטל פּראָפעסאָר. הענריק רעדליך האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם דירעקטאָר פון דער פּראָגרעסיווער ראַבינער=שול י. טוגענדהאָלד אין וואַרשע. רעדליך איז געשטאָרבן אין בערלין.

דער קלאַסיקער פון דער ייִדישער קונסט מאַוריצי גאָטליב האָט דעם פאָלק געשענקט ווערק, וועלכע פאַרמאָגן אַלע וואַלאָרן. דערביי זענען זיי אוניווערסאַל און אַלגעמיין מענטשלעכע. זיינע בילדער האָבן אַרויסגעבראַכט די פאַרבאָרגנסטע געפילן ביי ייִדן און פאַרמאָגט אַ טיפן אויסדרוק. אַ סך פון זיינע בילדער באַזיצן אויך די אייגנשאַפט פון געשיכטלעכע דאָקומענטן אין ענגן זין, פונקט ווי די בילדער פון זיין לערער און פריינד יאַן מאַטעיקאָ. גאָטליב האָט געחלומט מיט זיין קונסט צו דינען נישט נאָר ייִדן, נאָר אויך זיין לאַנד, פוילן. צוליב זיין פריצייטיקן טויט אין עלטער פון 23 יאָר, האָט ער נישט באַוויזן צו קאָנקרעטיזירן אַלע זיינע פּלענער.

דער גענייאַלער ייִדישער קינסטלער האָט אין די יונגט=יאָרן שטודירט ביי

מאַטעיקאָן, צו אַכצן יאָר האָט ער שוין פאַר זיך אַנטדעקט רעמבראַנדטן אין מינכען. לויט זייער אויסדרוק און פאַרנעם זענען זיינע פאָרטרעטן אויסערגעוויינלעך רייך, ווי ער וואָלט געווען אין גייסט אַ ברודער פון דעם וועלט-באַרימטן האָלענדער. אויך גאָטליב האָט ליב געהאַט צו מאָלן זיך אַליין אין פאַרשידענע פּאָזעס און איז אינערלעך זייער דינאַמיש. מען פילט אין זיינע שאַפונגען אַן אינערלעכע דערשיטערונג. ווי ער זאָל זיך אָן אויפהער פילן פאַרפאָלגט פון טויט, וואָס ער טראָגט אַריבער אויף די מענטשן אין זיינע בילדער. ער שאַפט אין אַ סך שטעט, ווי רוים, מינכען און אין זיין היימשטאָט דראָהאָביטש.

אין ווין מאָלט ער דאָס גרויסע בילד: „די יידן אין דער שול“. דאָס איז אַ מערקווירדיקע שאַפונג מיט אַלע כאַראַקטעריסטישע פּרטים פון די דעמלטיקע מנהגים און סימבאָליק. זיין פאַמיליע דינט אים אין דעם בילד אַלס מאָדעל און זיך אַליין קאָמפּאָנירט ער אַריין אין בילד. אין זייט פּנים פאַרדעקט מיט דער רעכטער האַנט און די אַנדערע אָנגעשפּאַרט אין דער תורה, איז ער פאַרטיפט אין מיסטישן עקסטאַז. אויפן מענטעלע פון דער ספר-תורה האָט ער אָנגעשריבן — צדקה תציל נשמה מאוריצי גאָטליב.

צו די פּערל פון גאָטליבס קונסט ווערן פאַררעכנט „דער אויפשטאַנד פון די מכבייער“, „כריסטוס אין שול“, „אוריאל אַקאָסטאַ“, „אחשורוש“, „דאָקטאָר קאַראַנדאַ“, דאָס באַרימטע ווערק „שיילאָק און דזשעסיקאַ“, וועלכע איז געוואָרן דער סינאָנים פון שעקספּירס העלדן-פיגור אין דער פּלאַסטישער קונסט.

גאָטליב איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן אין קראָקע און צוליב פאַרנאַכלעסיקטער באַהאַנדלונג — געשטאָרבן.

אין דעם פּראָלעטאַרישן לאָדזש איז אין מיטן פון די אָרעמע יידישע אַרבעטער-געסלעך געבוירן געוואָרן אין 1865 יאָר דער גרויסער נאַציאָנאַלער קינסטלער ש מ ו א ל ה י ר ש נ ב ע ר ג (געשטאָרבן אין 1908). הירשנבערגס שאַפונגען האָבן שוין אַ בולט יידיש-געזעלשאַפטלעכע סטרוקטור. ער האָט געמאָלט בילדער פון פּראָסטן און שווער-פאַרהאָרעוועטן פאָלקס-מענטש. אויך בילדער אויף יידישע פאָלקס-טעמעס, ווי „אוריאל אַקאָסטאַ“, „די לויה פון צדיק“, „גלות“ א״א. ביים פאָלק האָט אויסגענומען זיין „גלות“ — דאָס גרויסע מאָנומענטאַלע ווערק, ווו די אָריגינעלע קינסטלערישע לייזונג דריקט אויס די שרעקלעכע אומגערעכטיקייט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן די יידן אין צאַרישן רוסלאַנד. הירשנבערג איז געווען געשלאָגן מיט דער פּראָלעטאַרישער קרענק. ער איז יונג געשטאָרבן אין ירושלים, ווו ער איז געווען פּראָפעסאָר אין „בצלאל“.

אין קראָקע לעבט אויף שריט און טריט דער רייכסטער געפילן-אויסדרוק פון פּוילנס שאַפונגס-זשעני. דאָרטן האָבן אויך געבליט שטאַרקע יידישע שעפערישע כוחות. גאָרנישט ווייט פון וואַוועל שטייען פּנים אל פּנים מאָנומענטאַלע באַווייזן פון יידישער שאַפונג.

אָבער אויך אין דער מאָדערנער קונסט האָבן אַ גרויסע צאָל יידישע קינסטלער אין קראָקע זייערע ווערק געשאַפן.

**אַרטור מאַרקאָוויטש** (1872 — 1934), וועלכער שטאַמט פון אַ משכילישער משפחה פון פּאָדגוזשע ביי קראָקע, האָט זיך געלערנט ביי יאַן מאַטעיקאָ. ער האָט אין אָנהייב געמאָלן נאָר אויף אַלגעמיינע טעמעס. שפּעטער האָט ער זיך אינטענסיוו אָפּגעגעבן מיט דער יידישער פּראָבלעמאַטיק און ער האָט געשאַפן אַ רייע צאָל בילדער פון דער יידישער מיליע אין קראָקע. עס איז כמעט נישטאָ קיין איין פאַרבאָרגן ווינקל פון קראָקעווער יידישן לעבן און פון אַנדערע שטעטלעך אין גאַליציע, וועלכע מאַרקאָוויטש זאָל נישט האָבן אויפגענאַפּט אין קאָלירן און, באַזונדערס, מיט דער רייכקייט פון פּאַרטיקע פּאַסטעל־שטיפטן. זיין קונסט־שפּראַך איז ווייך, ליריש, ער טראָגט אַריין אין אינהאַלט פיינע שטימונגען פון דעם ספּעציפיש יידיש־גאַליציאַנער לעבן פון אַמאָל.

**מאַוריצי טרעמבאַטש** (1861 — 1941), געבוירן געוואָרן אין וואַרשע. האָט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון ניִע שטרעמונגען אין דער קונסט: פון נאַטוראַליזם און פאָלקלאָריזם. צוערשט האָט ער שטודירט קונסט אין וואַרשע, שפּעטער אין קראָקע און אין מינכען. ער האָט געשאַפן בילדער סיי אויף פּוילישע, סיי אויף יידישע טעמעס. צו די באַוווּסטע בילדער פון מ. טרעמבאַטש געהערט „יאַנקל צימבאַליסט“, געשטיצט אויף מיצקעוויטשעס עפּאָפּייע „פּאַן טאַדעוש“, און אויך דער פּאָרטרעט פון מיצקעוויטשן. פון די יידישע מאָטיוון איז זייער פּאָפּולער דער טריפּטיק אויף דער טעמע פונעם חורבן בית־המקדש „תשעה־באב“. מאַוריצי טרעמבאַטש איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פּאָרטרעטיסט. ער האָט אויך געשאַפן אַ סך קאָמפּאָזיציאָנעלע בילדער. פאַר דעם בילד „סאַמאַריטאַנין“ האָט טרעמבאַטש באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל אין סאַן־פראַנציסקאָ. צו די מער וואַרטפולע בילדער געהערט אויך דאָס בילד „רעקאָנוואַלעסצענטין“ און „אַ יינגעלע, וואָס דראַטעוועט טעפּ“. מאַוריצי טרעמבאַטש איז געשטאָרבן ווינטער 1941 יאָר פון הונגער און אויסשעפּונג אין לאָדזשער געטאָ.

**מאַוריצי מינקאָווסקי**, איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע (1881 — 1930). צוליב אַן אומגליקס־פאַל אין דער פריער קינדהייט איז מינקאָווסקי פאַרבליבן אַ טויב־שטומער אויפן גאַנצן לעבן. מאָלעריי האָט ער זיך געלערנט אין דער קראָקעווער קונסט־שול. זיין שאַפונג איז פולשטענדיק געווידמעט דער יידישער טעמאַטיק. באַקענענדיק זיך מיט די רעזולטאַטן פון די פּאָגראָמען אין ביאַליסטאָק און שעדלץ, איז ער אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך דעם בילד פון יסורים און ליידן פון די דאָרטיקע יידן און ער האָט זיינע איינדרוקן פאַראייביקט אין אַ ריי בילדער. ער האָט אויך געמאָלט שטויגער־בילדער פון דעם יידישן לעבן אין די קליינע שטעטלעך; ער איז אויך געווען אַ גוטער פּייזאַזשיסט און פּאָרטרעטיסט. צו די וואַרטפולסטע בילדער פון מאַוריצי מינקאָווסקי דאַרף מען פאַררעכענען: „יידן אויפן וואָקזאַל נאָכן פּאָגראָם“, „יתומים“, „אין דער ווייבערישער שול“.

מינקאָווסקי איז אומגעקומען בעת אַן אויטאָמאָביל־קאַטאַסטראָפע אין בוענאָס־איירעס אין 1930 יאָר.

**אברהם נײמאַן** (1872 — 1942). געבוירן געוואָרן אין שערפּץ לעבן פּלאָצק. די שאַפונגען פון נײמאַנען זענען אַ פּועל־יוצא פון זײַן גרויסער עמפּינדלעכקײט אויף דער שײנקײט פון דער פּוילישער נאַטור. די פּײזאַזשן פון דעם דאָזיקן קינסטלער אָטעמען מיט אַן אײגנאַרטיקער ראָמאַנטיק. ער האָט שטודירט אין דער קראָקעווער קונסט־שול אונטער דער אָנפירונג פון דעם באַוווסטן פּײזאַזשיסט יאַן סטאַניסלאַווסקי. די פּײזאַזשן פון נײמאַנען האָבן אָבער אַ גאָר אַנדער אויסקלאַנג, ווי די פּײזאַזשן פון זײַן לערער. נײמאַן האָט געוואַנדערט איבער אַ רײ לענדער, ער האָט באַזוכט די פּאַראײניקטע שטאַטן, ארץ־ישראל, צומשטאַרקסטן אָבער האָט ליב געהאַט ער די פּוילישע נאַטור. אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט ער אויך געמאָלט פּאָרטרעטן. זײַן אויטאָפּאָרטרעט, וועלכן ער האָט אָנגעמאָלט פאַר דער אויסזידלונג פון קראָקעווער געטאָ, מאַכט אַ דערשיטערנדיקן אײַנדרוק. נײמאַן איז אומגעקומען בעת דער ליקווידאַציע פון דעם קראָקעווער געטאָ.

**משה אַפּפּעלבוים** (אַפּעלבוים) (1887 — 1931) האָט געשטאַמט פון דעם קלײנעם שטעטעלע משטשאָנוו אויף מאַזאָוויע. פון דער פריער יוגנט אָן וואַנדערט ער איבערן לאַנד, זוכט אַרבעט, אַ געוויסע צײַט האָט ער געוווינט אין קאַליש, געמאָלט שילדן, דערנאָך שאַפט ער מוסטערן פאַר די טעקסטיל־פאַבריקן. פון קאַליש פאָרט ער אַרויס שטודירן קײן ווין. ער פאַרהאַלט זיך דאָ אָבער נישט לאַנג און לאָזט זיך דורך דײַטשלאַנד און האָלאַנד קײן ענגלאַנד. ערשט אין ליווערפּול געלינגט אים זיך צו באַזעצן. ער טרעט אַרײַן דאָ אין דער קונסט־אַקאַדעמיע, אײַנצײַטיק אַרבעט ער פיזיש. פאַר דער שאַפונג פון אַפּעלבוים איז כאַראַקטעריסטיש די אָריגינעלע אויפפאַסונג פון דער טעמע און וואַרעמע קאָלאָריסטיק. ער מאָלט גערן געשטאַלטן פון אומגליקלעכע, באַעוולטע מענטשן. אין 1920 קערט ער זיך אום צוריק קײן פּוילן. ער האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן יידישן טעאַטער אין וואַרשע, פאַר וועלכן ער האָט געשאַפן פּרעכטיקע דעקאָראַציעס. עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען זײַן אַרבעט איבער די פרעסקן־בילדער, וועלכע באַצירן די ווענט פון די שולן אין בענדין און לווויטש. אין פּוילן האָט ער אויך געמאָלט שטײגער־בילדער, ווי דאָס בילד „יידישע קלעזמער", „אויפן יידישן בית־עולם" און אַנדערע. משה אַפּעלבוים איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט אין קאַטאָוויץ אין יאַנואַר 1931 יאָר.

**רעגינאַ מונדלאַק** (1887 — 1942) — אַ מאָלערין און גראַפיקערין. געבוירן געוואָרן אין אַ קלײן שטעטל בײַ לאָמזשע. זי האָט געהערט צו די הומאַניטאַרסטע קינסטלער. אַלס טעמע פאַר אירע שאַפונגען, דער עיקר פאַר די גראַפישע, האָט זי אויסגעוויילט אָרעמע, פאַרהאָרעוועטע, אומגליקלעכע מענטשן, זקנים, קראַנקע, יידישע יתומים, מיט אײן וואָרט — טיפּן פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין גרויסער נויט. איר גאַנצע שאַפונג איז דורכגעדרונגען מיט רחמנות און גרויס ליבע צום מענטש. זי האָט אויך געשאַפן אַ רײ קאָלירטע צײכענונגען און אײלבילדער. אין 1942 יאָר איז רעגינאַ מונדלאַק אַרויסגעפירט געוואָרן אין טויטן־לאַגער קײן טרעבלינקע, וווּ זי איז דערמאָרדעט געוואָרן.

ראָמאַן קראַמשטיק (1942 — 1865) איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע. די שאַפונג פון דעם דאָזיקן קינסטלער איז פאַרבונדן מיט די מאָדערנסטע שטרעמונגען אין דער אייראָפּעישער קונסט. ער האָט שטודירט אין בערלין, שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין פּאַריז. ער האָט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון די פראַנצויזישע קאָלאָריסטן, באַזונדערס פון סעזאַן. די קאָנסטרוקטיווע אינטערפּרעטאַציע פון סעזאַנס סטיל האָט זייער שטאַרק געווירקט אויף דער שאַפונג פון קראַמשטיק. ער האָט געמאָלט פּייזאַזשן, פּאָרטרעטן, אַקטן, קאָמפּאָזיציאָנעלע בילדער. צו די מער באַקאַנטע בילדער פון קראַמשטיקן געהערן „דער קלעזמער“, „דער נעגער“, „דער קוכער“, „מען רייסט פייגן“ און אַנדערע.

האַרט פאַר דער מלחמה איז ער געקומען קיין וואַרשע, כדי צו באַזוכן זיין אַלטע מוטער. ווי אַלע איז ער אויך פאַריאָגט געוואָרן אין געטאָ, וווּ ער איז געווען איינער פון דער קליינער צאָל קינסטלער, וועלכע האָבן געוואַגט צו שאַפן בילדער־דאָקומענטן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ, בעת דער אויסזידלונג.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט די אַנאָנימע סקולפּטאָרן, וועלכע האָבן געשאַפן מצבות פאַר די יידישע בית־עלמנים. מיר האָבן אויך דערמאָנט וועגן דעם אַנאָנימען וועלטלעכן סקולפּטאָר, דעם שעפער פון דעם ביוסט פון בראַניצקין. דער אמתער אויפבלי פון דער סקולפּטור־קונסט הייבט זיך אָן צווישן יידן אין פּוילן ערשט אין דער צווייטער העלפט פון דעם XIX יאָרהונדערט. איינער פון די עלטסטע יידישע סקולפּטאָרן איז געווען יוסף גאַבאָוויטש (1938 — 1862). ער איז געבוירן געוואָרן אין קאָלנע נישט ווייט פון לאָמזשע. די סקולפּטורן פון גאַבאָוויטשן פאַרמאָגן קלאַסישע און נאַטוראַליסטישע שטריכן. געוויסע פּאָרטרעטן טראָגן אַ פּסיכאָלאָגישן און אַפילו דראַמאַטישן אַקצענט. צו איינע פון די שענסטע סקולפּטורן געהערט „דער לעצטער טראָפּן“.

הענריק האָכמאַן (1942 — 1881). ער שטאַמט פון לובלין. שטודירט אין קראָקעווער קונסט־שול און שפּעטער אין פּאַריז ביי ראָדען. פאַר דער סקולפּטור פון האָכמאַנען איז כאַראַקטעריסטיש די אידעלע קלאַסישע פאָרם. ער האָט געשאַפן אַ ריי פּאָרטרעטן מיט אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן אויסדרוק. צווישן די שאַפונגען אויף יידישער טעמאַטיק דאַרף דערמאָנט ווערן דער באַרעליעף, וואָס איז איינגעמויערט געוואָרן אין דעם אַלטן קראָקעווער ראָטהויז. דאָס בילד האָט פאַרגעשטעלט די סצענע, ווי קאַזשימיעזש דער גרויסער נעמט אויף די יידן אין פּוילן.

ראָמאַן קראַמשטיק, רעגינאַ מונדלאַק, אַברהם נײמאַן, הענריק האָכמאַן, דאָס זענען קינסטלער, וועלכע האָבן שוין פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרמאָגט אַ הויכן קינסטלערישן סטאַזש און יעדער פון זיי האָט אויך געהאַט זיין ספּעציפישן אויסדרוק. נישט געקוקט דערויף, וואָס די דאָזיקע קינסטלער זענען בעתן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה שוין געווען נישט יונג, וואָלטן זיי געקאָנט נאָך זייער אַ סך שאַפן, ווען די היטלעריסטישע בעס=

טיע וואָלט נישט אַרויסגעריסן דעם פּענדזל פון זייערע הענט, צוזאַמען מיטן לעבן. צוזאַמען מיט זיי האָט דער היטלעריסטישער אָקופּאַנט דערמאָרדעט צענדליקער אַנדערע טאַלאַנטירטע קינסטלער, וועלכע האָבן זיך שוין פאַר דער מלחמה אויסגעצייכנט אויף אַ רײַ אויסשטעלונגען אין לאַנד און אין אויסלאַנד. עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז די דאָזיקע קינסטלער וואָלטן געוואָרן די פלעגער פון די בעסטע טראַדיציעס פון דער יידישער פּלאַסטישער קונסט אין פּוילן. זייער אָנדענק האָבן מיר באַערט אין דעם „יזכור-בוך“ וועגן די דערמאָרדעטע יידישע קינסטלער און פּלאַסטיקער בעת דער אָקופּאַציע אין פּוילן. דער „יזכור-בוך“ פאַרמאָגט אויך רעפּראָדוקציעס פון באַזונדערע שאַפונגען פון די דערמאָנטע קינסטלער-מאַרטירער. די דאָזיקע שאַפונגען זענען אַ דאָקומענט וועגן דער הויכער קונסט פון די דערמאָנטע פּלאַסטיקער, און אויך אַ באַשטעטיקונג, אַז די דאָזיקע מענטשן זענען געשטאַנען אין דעם אַוואַנגאַרד פון דער הומאַניטאַרער פּוילישער קולטור.

דריי מיליאָן פּוילישע יידן זענען אַכזריותדיק אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע מערדערס און צוזאַמען מיט זיי איז אויך פאַרניכטעט געוואָרן דער גרויסער אַלטער מערקווירדיקער אוצר פון יידישער קונסט. די רעשטלעך, וועלכע זענען נאָכן גרויסן חורבן געבליבן, זאָגן עדות וועגן דעם הויכן ניוואָ פון דער פּלאַסטישער קונסט פון די פּוילישע יידן ביז דער מלחמה.

# דוד פרידלענדער

דער אַרכיטעקט דוד פרידלענדער האָט געלעבט אויפן ראַנד פון 18=טן און 19=טן יאָרהונדערט. ער האָט פאַרמאָגט גרויס טעאָרעטיש וויסן אויפן געביט פון בוי=קונסט. ער איז געווען נישט בלויז אַרכיטעקט, נאָר אויך סקולפּטאָר און מאָלער אין אייראָפּעישן מאַסשטאַב. איינע פון זיינע גרעסערע שאַפונגען איז געווען די פּרעכטיקע שול אין ווישגאָראָד. מיט דער האָזיקער געביידע האָט מען זיך געריִמט אין פּוילן אויך אין 20=טן יאָרהונדערט, ביז דער היטלער=אָקופּאַציע.

די שול אין ווישגאָראָד האָט פרידלענדער פּראָיעקטירט צו בויען אין ראָקאָקאָ=סטיל, דאָס הייסט אין הסכם מיט די קונסט=פּרינציפּן פונעם 18=טן יאָרהונדערט. דערביי האָט ער גענומען אין אַכט די יידישע אָרנאַמענטיק און אויך די וויכטיקסטע יידישע עמבלעמען.

דוד פרידלענדער ווערט פאַררעכנט צו די געבילדעטסטע יידן פון יענער צייט. די צייט אין וועלכער ער האָט געלעבט האָט געטראָגן מיט זיך די אידעען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. נישט געקוקט אויף דער נאַפּאָלעאָנישער דעגרעסיע, האָט זיך דער פרייהייטס=גייסט ברייט פאַרשפּרייט און איז אַריינגעדרונגען אויך אין די ווייטסטע ווינקלעך פון פּוילן. דאָ האָט דער גייסט פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן און בכלל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. דער פּוילישער רענעסאַנס האָט אין פאַרשידענע טיילן פונעם לאַנד באַקומען אַ פאַרשידענעם קאָלאָריט. די שאַפונגען פון דוד פרידלענדער קאָנען דינען אַלס ביישפּיל פון דעם, ווי דער גייסט פון מערב איז אַריינגעדרונגען צווישן די פּוילישע יידן. די אידעען, וועלכע זענען רעאַליזירט געוואָרן דורך פרידלענדערן, קאָן מען באַצייכענען אַלס דעם באַגינען פון נייעם גייסט אין דער קונסט. די שאַפונגען פון פרידלענדער זענען פאַר יענער צייט לויט זייער אויספאַסונג געווען זייער דרייסט. צווישן די דייטשישע יידן האָט דעמלט שטאַרק געווירקט דער רעפאָרמאַ=

טאָרישער גייסט פון משה מענדעלסאָן, וועלכער האָט אויך אין פוילן געהאַט זיינע אָנהענגער. די יידישע מאַסן אין פוילן אָבער זענען נאָך אַלץ געבליבן אונטער דער ווירקונגס־קראַפט פונעם חסידיזם, אָדער פון טרוקענעם סכאָלאַסטישן תלמוד. דער יידישער קלער איז געשטאַנען אויף דער וואַך און האָט נישט דערלאָזט, אַז דער פרייהייטס־גייסט זאָל אַריינדרינגען צווישן די יידן. הערביי איז דער פשוטער ייד צו שטאַרק פאַרנומען געווען מיט די טאָג־טעגלעכע דאגות. אין לאַנד איז אויך געווען נישט אַלץ בשלום. די הערשאַפט פון די סאַסן האָט אויסגעשעפט די כוחות פונעם פאָלק, אין לאַנד זענען פאָרגעקומען ערנסטע אומרוען. דער לעצטער פוילישער קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פאָניאַטאָווסקי, וועלכער האָט די ירושה איבערגענומען, האָט ווייניק וואָס געקאָנט העלפן. דער דאָזיקער קעניג האָט געהאַט גרויס פאַרשטענדעניש פאַר דער פוילישער קולטור און האָט געשאַפן די ערשטע קונסט־שול אין דעם קעניגלעכן שלאָס. ער האָט אַהער אַראָפּגעבראַכט די גרעסטע מייסטערס פון אויסלאַנד, ווי למשל, מאַרצעלי באַטשיאַרעלי פון איטאַליע.

כמעט וועגן אַלע אויסלענדישע קינסטלער, וועלכע האָבן אין יענעם פעריאָד געאַרבעט אין פוילן, זענען פאַראַן מער אָדער ווייניקער אויספירלעכע אָנגאַבן פון וואַנען און ווען זיי זענען געקומען, וואָס זיי האָבן געשאַפן. דעריבער האָט מען זייערע שאַפונגען געקאָנט פאַרצייכענען אין דער געשיכטע פון דער פוילישער און אויך פון דער אַלגעמיינער קונסט. וואָס שייך דוד פרידלענדער און זיין פילזייטיקער טעטיקייט, זענען פאַראַן זייער פראַגמענטאַרישע ידיעות. עס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז אין דער עווידענץ איז די דאָזיקע מערקווירדיקע קינסטלערישע געשטאַלט ווי אויסגעמיטן געוואָרן. צו דוד פרידלענדער איז פּאַסיק די סענטענץ: „דערקענט דעם מענטש לויט זיינע אויפטוען". אַלץ, וואָס דוד פרידלענדער האָט געשאַפן און איבערגעלאָזט נאָך זיך איז אַזוי אימפּאָנירנדיק, אַז עס רעדט פאַר זיך אַליין. עס איז קלאָר, אַז די הויפּט־באַשטעלער פון פרידלענדערן זענען געווען יידן, עס איז אָבער אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט אויך געשאַפן אויף באַשטעלונגען פון דעם פוילישן אדל. ווי מיר האָבן דערמאָנט, איז דוד פרידלענדער געווען איינער פון די דריי־סטסטע יידישע שעפער פון יענער צייט. עס לאָזט זיך אַרויספילן, אַז אין דעם דאָזיקן קינסטלער האָט זיך צונויפגעשמאָלצן די אַלטע יידישע קולטור מיט די עיקרדיקע עלעמענטן פון די גייסטע דערגרייכונגען פון דעם 18־טן יאָרהונדערט. עס אַנשטייט די פראַגע, צי די שאַפונגען

פון דוד פרידלענדער דאַרף מען האַלטן פאַר אַ געוויסן מין נייע ריכטונג אין דער שאַפונג פון יידן אין פוילן, צי דאָס איז געווען בלויז אַ ספּעציפישער אויסדרוק פון אַ מערקווירדיקער שעפערישער אינדיווידואַליטעט. די פוילישע היסטאָריקער האָבן זיך דער עיקר פאַרנומען מיט דער מאָנומענטאַלער שאַפונג פון פרידלענדער, דאָס הייסט מיט דער שול אין ווישגראָד. דאָס דאָזיקע ווערק איז ווירקלעך דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פאַר דער שאַפונג פון דעם דאָזיקן קינסטלער. עס באַווייזט מיט וועלכע פאַרשידנאַרטיקע מיטלען דער שעפער האָט זיך באַנוצט. די שול איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע אָביעקטן פון דעם מין אין פוילן. די עלעוואַציעס פון דער דאָזיקער געביידע זענען געווען ניוועלירט אויסערגעוויינלעך האַרמאָניש אין פראָפאָרץ און, נישט געקוקט אויף דער פאַרשידנאַרטיקייט פון באַזונדערע טיילן, האָט זי פאַרגעשטעלט מיט זיך איין מאָנאָליטע גאַנצקייט. ערשט אַריינגייענדיק אין דער שול, האָט מען אין דער פולער מאָס געקאָנט באַנעמען די מאָנומענטאַלקייט, די מאַיעסטעטישקייט פון דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן טעמפּל. וויפל שעפערישע אינוועניץ מצד דעם קינסטלער. בלויז דער אַריינגאַנג אין דער שול, די געוועלבן און די טונקעלע ליכט האָט געווירקט אויסערגעוויינלעך פייערלעך. דער זאַל איז געהאַלטן אין ריטמישע פראָפאָרצן. די אַטמאָספער אין דער שול איז אַ דערהויבענע. דוד פרידלענדער האָט אָנגעגעבן דער געביידע סיי אויסנווייניק, סיי אינעווייניק א היינטצייטיקן אויסדרוק. די ווישגראָדער שול האָט זיך אונטערשיידט פולשטענדיק פון די דעמאָלטיקע שולן און דערביי זענען איינגעהאַלטן און אונטערגעשטראָכן געוואָרן אַלע ספּעציפישע עלעמענטן פון דעם יידישן רעליגיעזן קולט. זייער אינטערעסאַנט איז דער ארון קדוש. ער פאַרנעמט די גאַנצע מזרח-וואַנט און באַשטייט פון דריי קאָנדיגנאַציעס. דער ארון-קדוש איז אַ מייסטערשטיק. דער קינסטלער האָט אים באַצירט מיט געמאָלטע בילדער און אויך מיט פרעכטיקע האָלץ-שניצעריי. פרידלענדערס ארון-קדוש איז באַפּוצט מיט פאַרשידענע עמבלעמעס און סימבאָלישע בעלי-חיים. מען קאָן אונטערשיידן אויף אים געשטאַלטן פון מלאכים, פון עקזאָטישע בעלי-חיים, וואָס פאַשען זיך אויף אַ לאָנקע. געוויסע בעלי-חיים האָבן דינען אַלס סימבאָלן פון מענטשלעכע געשטאַלטן. ווו נישט ווו באַווייזט זיך אויף דער וואַנט אַ באַשעפעניש, וואָס שטאַמט פון אַלטע לעגענדעס, אָבער דער קינסטלער לאָדט אים נישט איבער מיט די באַפּוצונגען.

דוד פרידלענדער איז געווען אַ קינסטלער מיט טיפן וועלטלעכן וויסן

און איינצייטיק איז ער געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער יידישער קולטור. מען דאַרף געדענקען, אַז די יידישע קהילה אין ווישגאָראָד, האָט נישט געהערט צו די גרעסערע און אויך נישט צו די רייכסטע יידישע ישובים. און דאָך האָט פרידלענדער מיט די דאָזיקע באַשיידענע געלטמיטלען אויסגעבויט אַ מייסטער־שטיק סיי אין אַרכיטעקטאָנישן זין, סיי אין דעקאָראַטיוון. אין אונדזער באַשרייבונג פון דעם דאָזיקן דענקמאָל, איז נישט פאַראַן די מעגלעכקייט צו פאַרטיפן זיך אין פרטים פון דעם בוי פון דער שול. פרידלענדער האָט אויסער דער שול אין ווישגאָראָד אויך אויסגעבויט די שול אין פיאָטרקוו טריבונאַלסקי און האָט דעקאָרירט די שול אין גרויעץ מיט פאָליכראָמיעס, וועלכע שטעלן פאָר די יידן אין געפאַנגענשאַפט אין בבל.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז וועגן דוד פרידלענדער קיין קאָנקרעטע ביאָגראַפישע אָנגאַבן נישט פאַראַן. עס איז אָבער זיכער באַוווסט, אַז דער קינסטלער איז פאַרבונדן געווען מיט שמואל זביטקאָווער, דעם באַנקיר און ליפעראַנט פון דעם קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פאָניאַטאָווסקי (זביטקאָווער האָט אויך געהאַט פריווילעגיעס פון דעם פרייסישן קעניג ווילהעלם (1744 — 1797). שמואל זביטקאָווער האָט דריי מאָל חתונה געהאַט. זיין דריטע פרוי יהודית האָט געשטאַמט פון פראַנקפורט ביי דער אָדער. די דאָזיקע פרוי האָט געקאָנט עטלעכע אייראָפעישע שפראַכן און איז אויך באַשאָנקען געווען מיט פאָעטישע פעיקייטן. יהודית איז געווען וואַרשיינלעך אַ קרובה פון דוד פרידלענדער און האָט אים אין דער פריער יוגנט אַראָפגעבראַכט קיין פוילן. דוד פרידלענדער האָט געשאַפן צווישן אַנדערן אויך דער אוהל פאַר שמואל זביטקאָווער אויפן וואַרשעווער בית־עולם ברודנאָ, וועלכער איז געמאַכט געוואָרן אויפן פעלד, וואָס שמואל זביטקאָווער האָט פאַר זיין לעבן באַקומען צו דעם צוועק אויף אייביק פונעם קעניג פאַר דער יידישער קהילה. נאָך אַ שענערע מצבה האָט דוד פרידלענדער געשטעלט דעם זון פון שמואל זביטקאָווער, בער זאָנענבערג (1746 — 1829), אויפן יידישן בית־עולם אויף אָקאָפאָווע גאַס. דער דאָזיקער אוהל איז אַן אוניקאַט אויפן געביט פון מצבה־קונסט. דאָס איז אַ קלאַסישער סאַרקאָפאַג, געשטיצט אויף זיילן און געשניצטע קאַרניזן, אויף דער הינטערשטער וואַנט געפינט זיך אַ טאָוול מיט העברעישע אויפשריפטן. צומערסטן זענען אינטערעסאַנט די זייטיקע ווענט פון דעם אוהל. אין זיי זענען אויסגעקריצט בילדער, וועלכע שטעלן פאָר די רייכטימער, וועלכע דער פאַרשטאָרבענער האָט פאַרמאָגט

ביים לעבן. דאָס זענען פּלאַסטישע בילדער פון וועלדער, פעלדער, מילן און אויך פון אַ טייך מיט שווימענדיקע שיפלעך. אין איין ווינקל איז אויסגעשניצט אַ טיפּיש יידישער בית־עולם מיט אַ געמויערטער צוים. צום אַריינגאַנג פון דעם אוהל האָט געפירט אַ גרויסער טויער אויסגעשניצט אין מעטאַל. בער זאָנענבערג, דער זיידע פון דעם באַוווסטן פילאָזאָף הענרי בערגסאָן, איז געווען אַ שטאַרק פרומער ייד און דער ראש־הקהל פון דער וואַרשעווער יידישער קהילה. ער האָט געקעמפט קעגן די נייע שטרעמונגען, וועלכע האָבן שוין אין זיינע צייטן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען צווישן די וואַרשעווער יידן. אויך זאָנענבערג, ווי זיין פאָטער, האָט איבערגעלאָזט גרויסע פונדאַציעס אויף רעליגיעזע צוועקן.

# סאַלאָמאָן יאַן מינהיימער

## (1897 — 1808)

אין דעם 16־טן באַנד פון דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער ענציקלאָפּעדיע פון קינסטלער־פּלאַסטיקער — די אַזוי גערופענע Thieme-Becker איז דער נאָמען פון דעם דאָזיקן קינסטלער נישט אַריינגענומען. שטעלט זיך די פראַגע: צי סאָלאָמאָן מינהיימער איז געווען אַזוי ווייניק געשעצט, אַז מ'האָט געהאַלטן, דאָס ער איז נישט זוכה צו פיגורירן אין דעם דאָזיקן ווערק, צי זיין פאַרשוויגן איז געווען נאָר אַ צופאַל. מע קאָן דאָס אויסטייטשן מיט דעם, וואָס דער קינסטלער איז שוין געווען אַ האַלבן יאָרהונדערט אויפן עולם־האמת, ווען מ'האָט געאַרבעט אויפן בוכשטאַב „מ“ (M). אָבער די הויפּט־סיבה שטעקט אַפּנים אין דעם, וואָס פוילן האָט דעמלט נישט פאַרמאָגט קיין קוואַליפיצירטע ביבליאָגראַפן. מינהיימערן האָט געטראָפן דער זעלבער גורל, וואָס פיל פוילישע פּלאַסטיקער פון אַמאָל און אַפילו פון 19־טן יאָרהונדערט. מ'האָט פאַראייביקט דעמלט נאָר די, וועמען מען האָט איינגעאָרדנט אויסשטעלונגען אין דער „זאַכענטאַ“, אין קראָקע אָדער אין פויזן און וועלכע מ'האָט צוליב זייערע אויסשטעלונגען דערמאָנט אין די דעמלטיקע ליטעראַריש־קינסטלערישע צייטשריפטן, ווי „קלאָסי“, „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני“, „ביעסיאַדאַ אַרטיסטיטשנאַ“ און אַנדערע.

פאַר דעם פאָרשער פון דער פוילישער קונסט־געשיכטע פון 18 — 19 יאָרהונדערט גיבן זייער וואָגיקן מאַטעריאַל צוויי אויסשטעלונגען, וואָס

זענען אײנגעאָרדנט געװאָרן אין דער צװײטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. געמעלד, „די ערשטע גרױסע אױסשטעלונג פון פױלישער קונסט פון 1764 — 1886“, אײנגעאָרדנט אין 1894 יאָר אין לװאָװ. דעם קאַטאַלאָג פון דער דאָזיקער אױסשטעלונג האָט צונױפגעשטעלט ד״ר יאַן באָלאָז — אַנטאָניעװיטש. אױף דער זײט 190 פון דעם קאַטאַלאָג געפינען מיר טיטלען פון יאַן מינהײמערס 2 װערק, װאָס זענען געװען אױף דער דאָזיקער אױסשטעלונג: אונטערן נום. 944 — אַ ביוסט פון דעם יוסטיץ־מיניסטער פון װאַרשעװער פירשטנטום — דעם גראַף פעליקס לוביענסקי — און אונטערן װײטערדיקן נומער (945) — אַ מעדאַליאָן אין בראָנז פון דער גראַפין לוביענסקאַ (דער דאָזיקער מעדאַליאָן איז געװען דאָס אײגנטום פון ד״ר כלאָפּאָװסקי). אין דער קורצער ביאָגראַפישער אַנאָטאַציע, װאָס מיר געפינען אין דעם דאָזיקן קאַטאַלאָג, איז אָנגעגעבן, אַז יאַן מינהײמער איז געבױרן געװאָרן אין 1810 און געשטאָרבן אין 1850 יאָר. אָבער ד״ר עמאַנועל שװײקאָװסקי גיט אָן אַן אַנדערע דאַטע: אין זײן בוך „זכרונות פון דער געזעלשאַפט פרײנד פון קונסט אין קראָקע 1854 — 1904“, װאָס איז אַרױסגעגעבן אין 1905 יאָר אין קראָקע, גיט דער מחבר אָן, אַז מינהײמער איז געבױרן געװאָרן אַרום 1810 און געשטאָרבן אַרום 1860. „ער איז געװען אַ מעדאַליסט (מעדאַלין־מאַכער), אַ סקולפּטאָר, אַ שניצער פון דער פּױלישער באַנק אין װאַרשע. אין יאָר 1854 האָט ער אױסגעשטעלט אַ מעדאַל. נאָך פּאַר מײנערטן איז ער געװען דער מעדאַליסט פון דער אַמאָליקער װאַרשעװער מינצערײ“.

סאַלאָמאָן יאַן מינהײמער איז געבױרן געװאָרן דעם 13 יאַנואַר 1808 אין װאַרשע און אין װאַרשע איז ער געשטאָרבן אין יאָר 1879 אין עלטער פון 71 יאָר. די משפּחה מינהײמער האָט געשטאַמט פון שלעזיע. אין 18־טן יאָרהונדערט האָט זי זיך באַזעצט אין װאַרשע. דער עלטסטער אין דער משפּחה איז געװען אברהם מינהײמער — אַ גראַװירער און שטעמפּל־מאַכער. ער האָט געהאַט צװײ זין: סאַלאָמאָן און סאַמועל. אַזױ װי זײער פאָטער, זענען אױך בײדע זין געװען גראַװירער און שטעמפּל־מאַכער. סאַלאָמאָן־יאַן מינהײמער איז געװען סאַמועלס זון. װעגן דעם פאָטער פון יאַנען זענען שױן פאַראַן געװיסע ביאָגראַפישע ידיעות. ער איז געבױרן געװאָרן אין װאַרשע אין 1760 יאָר און געשטאָרבן דעם 3 יאַנואַר 1844. ער האָט געהערט צו די 26 װאַרשעװער אױפגעקלערטע יידן, װאָס האָבן זיך געװענדט צו ניקאָלאַי נאָװאָסילצאָװ — דעם דעמאָלטיקן באַפולמעכטיקטן פון רוסישן צאַר בײ דער Rada Stanu Królewstwa

מיט אַ פּעטיציע, אַז מ'זאָל זיי דערלויבן צו וווינען אין די נישט־יידישע ראַיאָנען פון וואַרשע און אויך וועגן אַ ריי אַנדערע פּריווילעגיעס, פון וועלכע די יידן האָבן אין יענער צייט נישט גענאָסן.

דער צווייטער זון פון אברהם מינהיימער — סאַלאָמאָן — איז געוועזן דער מאַן פון צעציליאַ הערשקאָוויטש, העכסט־וואַרשיינלעך די טאָכטער פון הערשקאָ לייבאָוויטש, דעם באַרימטן שטיך־מייסטער פון די פירשטן ראַדזיוויל. זייער אייניקל איז געווען דער באַרימטער מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר אַדאָם מינהיימער.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז עס איז פאַראַן זייער ווייניק געגעבענע וועגן סאַלאָמאָן־יאַן מינהיימער. ער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ שטעמפּל־מאַכער און מעדאַלן־מאַכער. בעת איך האָב דורכגעקוקט די בריוו, געשריבענע צו אַלעקסאַנדער לעסער, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ בריוו פון מינהיימערן, אין וועלכן ער שרייבט לעסערן, אַז ער האָט אים איבערגעשיקט אַ ווערק געשניצט אין האָלץ, און אויב עס געפעלט אים, בעט ער אים שיקן פאַר דעם 20 זלאָטעס. דאָס האָט מיך פאַרוווּנדערט, ווייל כ'האָב נישט געוווּסט, אַז מינהיימער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט האָלץ־שניצעריי. אין מיינע ווייטערדיקע פאָרשונגען האָב איך געפונען געגעבענע, אַז יאַן סאַלאָמאָן מינהיימער איז דער גרונטלייגער פון דער 1־טער וואַרשעווער שול פאַר האָלץ־שניצעריי. יאַן סאַלאָמאָן האָט ביי זיין פאָטער אַדורכגעמאַכט אַ גוטע שול. ער האָט געמוזט זיין זייער אַ פּעיקער מענטש, אויב דער דעמאָלטיקער דירעקטאָר פון דער פּוילישער באַנק האָט אים נאָמינירט (אין 1829 יאָר) אַלס גראַווירער (ריטאָווניק) פון דער פּוילישער באַנק, פאַר וועלכער ער שאַפט אַלערליי אָרנאַמענטן צו די שטעמפּלען און אַסיגנאַציעס. אגב, די אַסיגנאַציעס אין דער ווערט פון איין זלאָטע פון יאָר 1830 טראָגן זיין נאָמען, זיי רופט מען מינהיימערישע זלאָטעס.

סאַלאָמאָן מינהיימער האָט אָבער געהאַט העכערע אַמביציעס, ער האָט געשטרעבט צו ווערן אַ קינסטלער פון אייראָפּעישן מאַסשטאַב. זיינע טרוימען זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן. אין 1836 שיקט אים דער גראַף לוביענסקי שטודירן אויפן חשבון פון דער פּוילישער באַנק קיין פּאַריז. ער לערנט זיך דאָרטן ביים מעדאַל־מייסטער פון דער פּאַריזער מינצעריי Tedieur. מיט דער צייט בינדט מינהיימער אָן קאָנטאַקטן מיט די באַרימטסטע אין יענער צייט פראַנצויזישע קינסטלער:

מיטן סקולפּטאָר און מעדאַלירער האַוויד דע אַנזשער (דעם פריינד פון געטע און מיצקעוויטש).

מינהיימערס אַרבעטן האָבן זיך געשטיצט אויף דעם פּרינציפּ פון פּינקטלעכער קאָנקרעטקייט און געוויסנהאַפטיקייט. מחמת דעם געפינען מיר אין זיי ווייניק פינעזיע און אַקצעסואַרן. זיי צייכענען זיך אָבער אויס מיט גרויס געשמאַק און הויכן ניוואָ פון דער באַצירונגס־קונסט. ער האָט זיך אַ סך אויסגעלערנט אין זיין פאָטערס שול, ווו וועגן דער נוצלעכקייט פון דעם אויסגעאַרבעטן קעגנשטאַנד האָבן דער עיקר דעצידירט די פּראַקטישע דערפאַרונג און די קונסט פון פּרעציזקייט.

אין יאָר 1852 באַשטימט די פּוילישע באַנק מינהיימערן אַן עמעריטור־פּענסיע אין ראַנג פון אַ קאָלעגיאַלן ראַטגעבער (ראַדצאַ קאָלעגיאַלני). אגב, דאַרף מען דאָ באַמערקן, אַז דאָס איז גראַד געווען די צייט פון גרויסער דיסקרימינאַציע לגבי דער יידישער אינטעליגענץ אין פּוילן. אירע איניציאַטאָרן זענען געווען דער רעדאַקטאָר לעשניעווסקי און יוזעף קעניג. נאָך דעם, ווי מינהיימער איז אַריבער אויף עמעריטור, קערט ער זיך צוריק אום צו דעם פאַך פון זיינע זיידעס און פאָטערס: ער עפנט אויף אַ וואַרשטאַט פון שטעמפּלען און האָלץ־שניצעריי. זייענדיק אין פראַנקרייך האָט ער זיך באַקענט מיט די יסודות פון האָלץ־שניצעריי־קונסט. אין דער צייט, ווען דאָס דאָזיקע געביט איז אין פּוילן געווען כמעט אינגאַנצן נישט פּאָפּולער, זענען גראָד אין פראַנקרייך (טאַקע דעמלט, ווען מינהיימער האָט דאָרט געלעבט) פאַרעפנטלעכט געוואָרן ווערק, אילוסטרירטע מיט האָלץ־שניצעריי, ווי צום ביישפּיל: „Gil Blas” מיט אילוסטראַציעס פון Jean Gigoux (1804 — 1894), „דאָן קישאָט“ מיט האָלץ־שניצערייען פון Tony Johannot (1803 — 1852), וויקטאָר הוגאָס „נאָטר דאַם“ מיט אילוסטראַציעס פון Francois Dubigny. און אויך די ווערק פון באַרימטן אילוסטראַטאָר און קאַריקאַטוריסט, דעם האָלץ־שניצער Gustav Dové. מינהיימער איז געווען אַן ענטוזיאַסט פון דער דאָזיקער טעכניק און האָט אין וואַרשע געגרינדעט אַ שול פון האָלץ־שניצעריי. פון דער דאָזיקער שול זענען אַרויס אַ סך גוטע קינסטלער — האָלץ־שניצער, צווישן זיי יאַן סטיפּי, וואָס האָט אילוסטרירט אויף האָלץ קראַשעווסקים ווערק און האָט געשאַפן דעם רב מייזעלס פּאָרטרעט. מינהיימער האָט אויך פאַרעפנטלעכט זיינע אַרבעטן אויף האָלץ אין די צייטשריפטן: „קלאָסי“, טיגאָדניק אילוסטראָוואַני“. סאַלאָמאָן מינ=

היימער איז אויך געווען דער גרינדער פון אַ צייטשריפט פאַר קינדער א. נ. „דער פריינד פון קינדער". דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער אָפּגע־געבן אַ סך ענערגיע און האַרץ.

ער האָט אויסגעגלעט און געמאַכט פּרעציזער יעדע צייכענונג אין דעם דאָזיקן זשורנאַל, כדי זי צו מאַכן פאַר די קינדער לייענבאַר, אינטערעסאַנט און וועקן ביי זיי עמאָציעס.

פון מינהיימערס וואַרשטאַט איז אַרויס זייער אַן אינטערעסאַנטער היסטאָרישער דאָקומענט פון יענער צייט — אַ האַלץ־שניט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער קולטור־געשיכטע פון וואַרשע. אין דער צייטשריפט „קלאָסי" פאַרן 1866 יאָר האָט זיך באַוויזן אויף אַ גאַנצער זייט (פון גרויסן פאָרמאַט) אַ זאַמלונג פאָרטרעטן פון זינגערינס פון דער וואַר־שעווער אָפּערע: פון האַנאַראַטאַ מאַיעראָנאָווסקאַ, בראָניסלאַוואַ דאָ־וויאַקאָווסקאַ, קאָרנעליאַ קוואַטריני, טעאָדאָזיאַ יאַקאָוויצקאַ, מאַריאַ גרושטשינסקאַ, מאַריאַ קוויעטשינסקאַ, און יוזעפאַ העססע. די גע־שטאַלטן פון די זינגערינס זענען געצייכנט געוואָרן מיט דער גרעסטער פיינעזיע.

דעם זעלבן יאָר באַווייזט זיך אין „קלאָסי" אַ רעפּראָדוקציע, וואָס ווייזט אַ קאָנצערט פון באַרימטן אין יענער צייט פידלער באַלסקי. דער קאָנצערט איז געגעבן געוואָרן לטובת דער נישט פאַרמעגלעכער שטו־דירנדיקער יוגנט. מינהיימער האָט אויך געשאַפן אין האָלץ אַ פּאָר־טרעט פון אַנדזשעי גורקאַ, אויפן סמך פון אַ צייכענונג אויף האָלץ, וועלכן ס'האָט געשאַפן יאַן מאַטעיקאָ. אייגער פון די אינטערעסאַנטסטע פּאָרטרעטן אין האָלץ, וואָס מינהיימער האָט געשאַפן, איז דער פּאָר־טרעט פון מאַטיאַס ראָזען — דעם פּרעזעס פון דער וואַרשעווער ייִדי־שער גמינע און גלייכצייטיק פּרעזעס פון דער פילאַנטראָפּישער גע־זעלשאַפט אין וואַרשע.

אין מינהיימערס וואַרשטאַט איז אויך געמאַכט געוואָרן אַן אַטלאַס פון 300 פּאָרטרעטן פון די באַרימטסטע פּאָליאַקן. די דאָזיקע אַרבעט שטייט אָבער נישט אויף קיין הויכן קינסטלערישן ניוואָ, ווייל די אויס־פירער פון די צייכענונגען צו די דאָזיקע פּאָרטרעטן (וולאַדיסלאַוו באַ־קאַלאָוויטש און קאַזשימיעזש גורניצקי) האָבן זיך צו דער דאָזיקער באַשטעלונג באַצויגן נישט ערנסט. וועגן מינהיימערס פאַרדינסטן פאַר דער פּוילישער גראַפישער קונסט, שרייבט טאַדעוש יאַראָשינסקי אין זיין ווערק „ווי אַזוי קוקן אויף קונסט־ווערק", פאָלגנדיקס:

„ביי אונדז איז די דאָזיקע געשיכטע קירצער ווי אַנדערשוואו. יאַן מינהיימער, דער מעדאַלן־מאַכער פון דער פּוילישער באַנק, גרינדעט אַ האַלץ־שניצעריי און דערנאָך ברענגט ער אַראָפּ פון בעלגיע אַלס אינסטרוקטאָר דעם דאָרט גוט־באַקאַנטן שניצער De la Haye

אין 1879 יאָר האָט זיך אין „קלאָסי" באַוויזן אַ גרויסער נעקראָ־לאָג וועגן סאַלאָמאָן יאַן מינהיימער (וואַרשעווער געשריבן פון ווי־טשיצקי (דעם דעמלטיקן באַוווסטן קולטור־טוער). אין דעם זעלבן נו־מער געפינען מיר אויך דאָס בילד פון מינהיימערן געשניצט אין האָלץ. פון דעם דאָזיקן בילד איז צו זען, אַז געקליידט האָט ער זיך אַזוי ווי די אינטעליגענץ פון יענער צייט — לויט דער ווינער מאָדע, גע־טראָגן באַקנבאַרדן, ווי דער קייסער פראַנץ־יאָזעף. זיין פּנים איז מילד און זייער אָנציענד. אין נעקראָלאָג רעדט זיך וועגן מינהיימערס פאַר־דינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון האָלץ־שניצעריי אין פּוילן.

## מאַקסימיליאַן פאַיאַנס

אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט קומט פאָר אין פּוילישן יידנטום אַן איבערבראָך.

פּוילן איז דעמלט געווען צעריסן צווישן דריי מלוכות און צוזאַמען מיט פּוילן זענען אויך די יידן געווען אונטערגעוואָרפן דריי ספערן: דער עסטרייכישער, פּרייסישער און רוסישער.

אין קרוין־פּוילן האָבן די יידן גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל ביים פאַרטיידיקן פּראַגע קעגן דעם צאַרישן מיליטער. בערעק יאָסעלעוויטש — דער שעפער און אָנפירער פון יידישן עסקאַדראָן — איז געוואָרן אַ לעגענדאַרע פּערזענלעכקייט נישט נאָר ביי די יידן, נאָר אויך ביי די פּאָליאַקן. פון דאַנען שטאַמט אויך די אַלץ מער אָפטע טענדענץ צו שאַפן אַ האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן צווישן די פּאָליאַקן און יידן, נישט אָפּזאָגנדיק זיך דערביי פון די אַלט־יידישע טראַדיציאָנעלע פאָרמען.

מאַקסימיליאַן פאַיאַנס שטאַמט טאַקע פון אַזאַ פאָרגעשריטענער יידישער פאַמיליע. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 5 מאַי 1827 אין שעראַדז נעבן קאַליש. זיין פאָטער, הערמאַן, איז געווען אַ סוחר און די מוטער, לעאָנטינע, פון דער היים קאָן, האָט אויך געשטאַמט פון

אַן אָרטיקער סוהרישער משפּחה. נאָכן פאַרענדיקן זיין שטודיום אין לאַנד און דערנאָך אין אויסלאַנד, באַזעצט ער זיך אין וואַרשע און עפנט דאָ אַ ליטאָגראַפיע — די ערשטע אין פּוילן. מאַקסימיליאַנס ברו־דער, מאַוריצי (1825 — 1897), איז געווען דער שעפער פון דער דאַמף־נאַוויגאַציע אויף דער ווייסל און דער אייגנטימער פון די ערשטע שיפן, וואָס האָבן קורסירט אויף דעם האָזיקן טייך. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער יידישער גמינע. מאַוריציס טאָכטער, העלענע, האָט חתונה געהאַט מיטן האָקטאָר יוליאַן קראַמשטיק — דעם פאָטער פון באַרימטן פלאַסטיקער ראָמאַן קראַמשטיק. די משפּחה פאַיאַנס איז געשטאַנען אין קרובהשאַפט מיט די אָנגעזעענסטע יידישע וואַרשעווער פאַמיליעס, ווי די בערנסאָנס, ראָטוואַנדס, וואַוועלבערגס. פון דער משפּחה שטאַמען אויך פיל באַגאַבטע געלערנטע, צווישן זיי דער באַוווסטער כעמיקער קאַזשימיעזש פאַיאַנס (1887), וואָס איז ביז היטלערס קומען צו דער מאַכט געווען פּראָפעסאָר פון פיזישער כעמיע אין מינכענער אוניווערסיטעט. פון האָרט האָט ער עמיגרירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו ער איז היינט אַ געשעצטער ספּעציאַליסט אין דעם געביט.

ווען מאַקסימיליאַן איז אַלט געוואָרן 17 יאָר, איז ער פון שראַדז אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע שטודירן די גראַפישע קונסט. אין זיין היימ־שטאָט האָט ער באַזוכט די אַלגעמיינע שול, געלערנט העברעיש און חומש. פון די פריסטע יאָרן ציט דעם יינגל צו אילוסטרירונג פון ביכער, צו אַלערליי וויניעטן און רעפּראָדוקציעס.

אין דער וואַרשעווער קונסט־שול, וווהין ער איז אַריינגעטראָטן אין 1842 יאָר, האָט מאַקסימיליאַן געלערנט ביי די באַוווסטע קינסטלער: קאָקולאַר, כאָדזשעוויטש, פּיוואַרסקי. אין די פיר יאָר פון זיין שטודיום האָט דער יונגער פאַיאַנס באַקומען אַלע ידיעות און קענטעניש אויפן געביט פון גראַפיק, וועלכע עס האָט אים געקענט געבן די האָזיקע שול. דער גרויסער דורשט צו וויסן שטויסט אים אָבער זיין בילדונג פאָר־צוזעצן. פון מערב טראָגן זיך פרייהייט־ווינטן, פון דעם אַזוי גערופענעם „פעלקער־פרילינג“. עס ברעכן אויס רעוואָלוציעס אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד. פאַר דער יידישער יוגנט ווערט לייכטער צו שטודירן אין אויסלאַנד און אין לאַנד גופא. דער יונגער פאַיאַנס טראָגט זיך אַרום מיט פּלענער, וועלכע ער האָט געקאָנט פאַרווירקלעכן אויסשליסלעך אין אויסלאַנד. ער באַוווּנדערט די גראַפישע קונסט אין די ביכער, וואָס גייען צו יענער צייט אַרויס אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און דייטשלאַנד

און ער שטרעבט צו העכערן זיינע אייגענע קענטעניִשן אין דער פּאָליגראַפישער קונסט, כדי זי איינצופלאַנצן אין פּוילן. ספּעציעל אינטערעסירט אים די טעכניק פון ליטאָגראַפיע און דער פּראָצעס פון שאַפן רעפּראָדוקציעס פון שטיין־פּליטעס.

דער דערפינדער פון דער דאָזיקער קונסט, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין אייראָפּע אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט, איז געווען אַלאָיז זענעפעלד (1771 — 1834). פּאַיאַנס האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ גרויסע צוקונפט עס דערוואַרט די ליטאָגראַפיע. מיט איר הילף קען יעדער קינסטלער אָן שוועריקייטן פאָרמירן דעם אָריגינאַל אין פילצאָליקע קאָפּיעס און איבערגעבן אויפן פּאַפּיר סיי טעמאַטישע סצענעס, סיי די שיינקייט פון פּאָרטרעט און פּייזאַזש. פּאַיאַנס האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז וויכטיק איז ניט אַזוי די פאָטאָגראַפישע אויטענטישקייט פון קעגנשטאַנד, ווי זיין אַרטיסטישע טראַנסקריפּציע — דאָס שאַפן פאַר דעם ליטעראַרישן ווערק די געהעריקע אַסאָציאַציע. אויף זיין וועג קיין פראַנקרייך פאַרהאַלט ער זיך אין קראָקע און אין פּויזן, כדי זיך באַקענען מיטן צושטאַנד פון דער רעפּראָדוקציע־קונסט אין לאַנד. פּאַיאַנס זאַמלט אויך מאַטעריאַל, וועלכן ער פּלאַנירט שפּעטער אין פראַנקרייך צו באַאַרבעטן ליטאָגראַפיש. אין פּאַריז קומט ער אָן אויף פּראַקטיק אין דער אונטערנעמונג פון לאַסאַל, וועלכער האָט געשעמט אַלס סאָלידער ליטאָגראַפישער אַנשטאַלט.

פּאַיאַנס רעזיגנירט אָבער ניט פון מאָלעריי־שטודיום. ער לערנט ביי דעם באַוווסטן פראַנצויזישן מאָלער אַרי שעפּפער (1795 — 1858), וועלכער איז געשטאַנען נאָענט צו דער פּוילישער עמיגראַנטישער עליטע אין פראַנקרייך. זיינע פּאָרטרעטן פון זיגמונט קראַשינסקיס פאַמיליע, פון שאָפּענען און אַנדערע זענען גוט באַקאַנט. וואַרשיינלעך איז אויך פּאַיאַנס געווען אין קאָנטאַקט מיט די דאָזיקע קרייזן פון דער פּוילישער עמיגראַציע.

ער האָט ליטאָגראַפירט די פּאָרטרעטן פון מיצקעוויטשן און שאָפּענען לויט די בילדער פון אַרי שעפּפער.

נאָך פיר אַרבעטזאַמע יאָר אין פּאַריז קערט זיך מאַקסימיליאַן פּאַיאַנס צוריק אום קיין פּוילן און פאַרלייגט אין וואַרשע די ערשטע כראָמאָליטאָגראַפישע אונטערנעמונג אויף דער מיאָדאָווער גאַס. אַדאַנק דער אַרבעט פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג דערהייבט זיך די פּאָליגראַפישע אויספאָרמירונג פון די די פּוילישע אויסגאַבן צום ניוואָ פון די אייראָפּעישע פאַרלאַגן.

צו די טרעפלעכע ארבעטן פון פאַיאַנס אונטערנעמונג קען מען פאַררעכענען די „מוסטערן פון מיטלאַלטערלעכער קונסט“, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער דייטשישער שפּראַך:

Beispiele der mittelalterlicher Kunst herausgegeben durch Baron Rastawiecki und Graf Przeździecki.

אין די דאָזיקע העפטן געפינען מיר, אַחוץ רעפּראָדוקציעס פון קלאַסישע ווערק, אויך צייכענונגען פון פאַיאַנסן גופא.

פון פאַיאַנס אונטערנעמונג איז אויך אַרויס דער אינטערעסאַנטער אַלבום Album wizerunków polskich, מיט פּאָרטרעטן פון די באַקאַנטסטע דעמלטיקע פּערזענלעכקייטן: אַלעקסאַנדער פרעדראָ, איגנאַצי יוזעף קראַשעווסקי, ווינצענטי פּאָל, סיראָקאָמלאַ. אין דעם דאָזיקן אַלבום געפינען מיר אויך פאַיאַנסעס אַרבעטן: ליטאָגראַפיעס פון פּאָרטרעטן פון קאָמפּאָזיטאָר עלסנער — שאָפּענס לערער, פון דער דיכטערין דעאָטימאַ (1834 — 1908), פון מיצקעוויטשעס פריינד אָדיניעץ און טאָמאַש זאַן, פון אַרכיטעקטאָר הענריק מאַרקאָני און פיל אַנדערע. אין דער דאָזיקער סעריע איז אויך איינגעשלאָסן אַ גרופּע פּאָרטרעטן פון מלוכה־מענער, ווי פירשט גאָליצין, אַנדזשעי זאַמאָיסקי א. א. יידישע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט געפינען מיר דאָ אויך. דאָס זענען די געצייכנטע פּאָרטרעטן פון אַלעקסאַנדער לעססער און פון אַנטאָני אייזענבאַום — דעם ערשטן דירעקטאָר פון דער פאַרגעשריטענער ראַבינער־שול אין וואַרשע. פאַיאַנס האָט אויך אַרויסגעגעבן קינסטלעריש באַצירטע קאַלענדאַרן. פון פאַיאַנסעס אונטערנעמונג איז אויך אַרויס דער קינסטלערישער אַלבום „ווּיסלאַ“. ער אַנטהאַלט פּייזאַזשן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער לאַנדשאַפט פון דער ווייסל. אויך פאַרשידענע תפילות, קירכלעכע ווענדונגען און אויפרופן זענען געדרוקט געוואָרן ביי פאַיאַנסן.

דער נאַציאָנאַלער מוזיי אין וואַרשע פאַרמאָגט אין דעם גראַווירן־אָפּטייל עטלעכע גרויסע טעקעס מיט פּוילישע אַלבומען און בילדער, וואָס שטאַמען פון פאַיאַנסעס פּאָליגראַפישער אונטערנעמונג. דאָ געפינען מיר אויך די רייכע קינסטלערישע ירושה פון פאַיאַנסן — דעם קינסטלערס זיינע סקיצן פון פּייזאַזשן און פּאָרטרעטן־סטודיעס. ווי אויך זיינע ליטאָגראַפיעס אויף אַנדערע טעמעס. אין זיי פילט זיך דער סובטעלער און ראָמאַנטישער קינסטלער, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך פראַנצויזישע קולטור. מיר געפינען דאָ לאַנדשאַפטן פון קאַליש. וולאָצלאַוועק, קזשעמעניעץ און פון אַנדערע מאָלערישע ווינקלעך פון לאַנד. זיינע וואַרשעווער פּיי־

זאַזשן באַוויזן די ראָמאַנטישע געסלעך, קליינע פּלעצער, ווייטע געסלעך און אויך באַזונדערס פיל שקיצן פון דער „לאַזיענקעס"-טעמאַטיק.

מאַקסימיליאַן פּאיאַנס האָט אָנגעפירט מיט זיין אונטערנעמונג ביז צו זיין טויט. ער איז געשטאָרבן אין טאַרגוועק ביי וואַרשע דעם 26 יולי 1897 יאָר.

פיל שער-בלעטלעך צו באַרימטע ווערק פון יענער צייט האָט פּראָ-יעקטירט מ. פּאיאַנס, זיינע פּאָרטרעטן געפינען מיר אויך אין וויסנשאַפט-לעכע ביכער, אין ביכער וועגן מוזיק און ליטעראַטור. נישט געקוקט אויף זיין דערפינדערישקייט און אונטערנעמערישקייט איז מ. פּאיאַנס פאַר-בליבן אַ באַשיידענער מענטש. ער האָט געהערט צום קרייז פון פּאָרגע-שריטענע וואַרשעווער יידן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער רעפאָר-מירטער שול אויף דאַנילאָוויטשאָווסקאַ גאַס, וואָס האָט זיך געפונען צווישן דער ביעלאַנסקער, סענאַטאָרסקער און טעאַטראַלנער גאַס.

אין 29-טן באַנד, זייט 979 פון דער גרויסער אַלגעמיינער אילוסטריר-טער ענציקלאָפּעדיע *) איז אָפּגעדרוקט אַ קורצע ביאָגראַפיע וועגן פּאַ-יאַנסן. ער ווערט דאָרט באַצייכנט פאַר אַ פּאָליאַק פון משה'ס גלויבן, און צו זיין לויב ווערט דערמאָנט צווישן אַנדערן: „אין אַלגעמיין פאַר-דאַנקט די שיינע ליטאָגראַפישע קונסט אין וואַרשע איר אַנטוויקלונג פּאַיאַנסן. ער האָט זי געשטעלט אויף דער מדרגה, ווי ענלעכע אינסטיטו-ציעס אין אויסלאַנד".

## לעאָפּאָלד האָראָוויץ

**(1917 — 1838)**

לעאָפּאָלד האָראָוויץ שפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער מיטל-אייראָפּעישער קולטור-געשיכטע, אָנהייבנדיק פון די 70-ער יאָרן פון פאַ-ריקן יאָרהונדערט ביז צו דער ערשטער וועלט-מלחמה. די קאַריערע פון דעם דאָזיקן קינסטלער איז געווען נישט קיין געוויינלעכע. ער האָט גע-שאַפן פּאָרטרעטן פון די איינפלוסרייכסטע פּערזאָנען פון יענער צייט, פון דער טיטולירטער מאַגנאַטעריע, אָנגעהויבן פון באַראָנען, גראַפן און

*) Wielka Encyklopedia Powszechna Ilustrowana, t. 29, str. 979, 1897 rok, Warszawa.

פירשטן ביז צום קייסער פון עסטרייך־אונגאַרן — פראַנץ־יאָזעף, וועלכער האָט אים פאַרזירט צו זיינע דריי פּאָרטרעטן.

דער דאָזיקער יידישער מאָלער האָט געשטאַמט פון דעם פּאַרוואָר־פענעם דאָרף ראַזגאָנוו, נעבן קאַשיץ, וואָס האָט דעמלט געהערט צו אונ־גאַרן. געבוירן געוואָרן איז ער אין ראַזגאָנוו דעם 11־טן יאַנואַר 1838 יאָר אין אַ משפחה פון למדנים און רבנים, וואָס האָבן געלעבט דער עיקר אין גאַליציע און אין וואַרשע. דער פאָטער פון ל. האָראָוויץ האָט אין ראַזגאָנוו געהאַלטן אַ וויינשענק און אין די פרייע מינוטן איז ער געזעסן איבער דער גמרא און אַנדערע ספרים. ער איז אָבער שוין געווען אויף אַזוי וויט פּראָגרעסיוו, אַז ער האָט געשטרעבט דערצו, אַז זיין זון זאָל שטודירן און ווערן אַן אַדוואָקאַט, אָדער אַ דאָקטער צי אַן אינזשיניער. אָבער קומענדיק איינמאָל אַהיים אויף פעריען, האָט לעאָפּאָלד געמאָלדן זיינע עלטערן, אַז ער שטרעבט זיך אָפּצוגעבן דער קונסט. וועלנדיק דעם זון אָפּוועגדן פון אַזאַ אומפּראַקטישן באַשלוס, גיט אים דער פאָטער אָפּ אויף אויפּזיכט צו עמעריך ראָט, וועלכער איז מיט אַ שטיקל צייט צוריק געקומען קיין קאַשיץ פון זיין קינסטלערישער וואַנדערונג איבער דער וועלט. ער האָט געהאָפט, אַז דער שלימזלדיקער זוכער פון רום, וואָס האָט זיך אַזוי פיל אָנגעליטן — וועט אַרויסשלאָגן פון לעאָפּאָלדס קאָפּ דעם חשק צו פאַרנעמען זיך מיט קונסט. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן. וואָס מער דער לערער האָט געשראָקן דעם שילער, אַלץ מער האָט יענעם געצויגן צו מאָלעריי. אַלס 16־יאָריקער יינגל פאָרט לעאָפּאָלד קיין ווין, וווּ ער ווערט תיכף צוגענומען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. זיינע ווינער לערער האָבן געשטוינט פון דער דורכזיכטיקייט פון זיין מאָלן, פון זיין במעט מאַטעמאַטישער צייכענונג און דרייסטקייט פון זיינע פאָרטרעטן־קאָמפּאָזיציעס. האָראָוויץ האָט נישט געזוכט אין דער אַקאַדעמיע קיין מיטלען צום טעכנישן פאַרפולקאָמען זיין מאָלעריי, נאָר גיכער פון אַלץ — אימפּולסן פאַר זיינע קינסטלערישע ליידנשאַפטן.

זיינע ביידע פּראָפעסאָרן: קאַרל פאָן בלאַאַס (1815 — 1892) און קאַרל וורצבערגער (1817 — 1883) זענען געווען היסטאָרישע מאָלער. אָבער לעאָפּאָלד האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין סך פאַראינטערעסירונג פאַר דעם זשאַנר מאָלעריי. מער פון אַלץ האָט אים אינטערעסירט דער מענטש. אויב ער האָט אָבער זיך אונטערגענומען צו מאָלן טעמאַטישע בילדער, דאַן ער זיי געמאָלט מיט גרויס פּאַטאָס. אזוי ווי זיין בילד „Rastel- ndev" פאַר וועלכן ער האָט באַקומען דעם פּריז אין דער אַקאַדעמיע.

די ווינער אַקאַדעמיע באַקומט פאַר האָראָוויצן אַ באַפרייונג פון מיליטערדינסט. נאָכן פאַרענדיקן זיינע שטודיעס אין ווין פּלאַנירט האָראָוויץ צו פאָרן קיין פאַריז מיטן צוועק צו באַקענען זיך האָרט מיט דער פראַנצויזישער מאָלעריי. נאָר אָנשטאָט קיין פראַנקרייך, פאָרט ער קיין וואַרשע, וווּ ער האָט געהאַט רייכע קרובים. און טאַקע אין פּוילן הייבט זיך אָן פאַר האָראָוויצן פשוט אַ פאַנטאַסטישע קאַריערע. ער ווערט דער צו מערסטן געשעצטער און פּאָפּולערער פּאָרטרעטיסט פון דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע. אַלס פּאָרטרעטיסט האָט ער נישט קיין סך קאָנקורענטן אין פּוילן. יאַן מאַטעיקאָ, וועלכער האָט געוווינט אין קליינפּוילן, האָט זיך נישט געיאָגט צו שאַפן קיין פּאָרטרעטן, הענריק ראָדאַקאָווסקי האָט לאַנג און אָפט פאַרבראַכט אין אויסלאַנד און יוזעף סימלער (1868 — 1828), וואָס האָט געהאַט אַ טיפן חוש פאַר פּאָרטרעטן־קונסט און האָט אָנגעהויבן צו שאַפן זייער אינטערעסאַנטע בילדער אויף דעם געביט — איז יונג געשטאָרבן.

די קונסט פון מאָלן פּאָרטרעטן האָט צו יענער צייט אין פּוילן שוין געהאַט צו פאַרצייכענען באַדייטנדיקע דערפאָלגן. אָבער אין די 60־קער יאָרן, ווען האָראָוויץ איז געקומען קיין פּוילן, האָט זיך דאָ די דאָזיקע קונסט געפונען אין אַ געוויסן טעמפּ ווינקל. שוין די ערשטע פּאָרטרעטן, וואָס ער האָט געמאָלט אין וואַרשע, האָבן אים תיכף געמאַכט אַ נאָמען. ווי גרויס עס איז געווען זיין רום, באַווייזט דער פאַקט, אַז דער דעמאָלטיקער וואַרשעווער גובערנאַטאָר בערג האָט האָראָוויצן געגעבן צו זיין דיספּאָזיציע די אַטעליע, וואָס האָט זיך געפונען אין וואַרשעווער קעניגלעכן שלאָס, אין וועלכער עס האָט אַמאָל געאַרבעט דער באַרימטער מאָלער מאַרצעל באַטשאַרעללי (1818 — 1731). ווי באַוווּסט, האָט דעם דאָזיקן איטאַליענישן קינסטלער אַראָפּגעבראַכט קיין פּוילן דער קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, און ווען עס האָבן שטענדיק געבן זיך, האָט ער פאַר אים איינגעאָרדנט אַן אַטעליע אין זיין שלאָס, וווּ עס איז טאַקע אין 1765 יאָר אַנטשטאַנען די קונסט־שול אונטער דער אָנפירונג פון דעם זעלבן באַטשאַרעללי.

אינגיכן נאָך זיין אָנקומען קיין וואַרשע, האָט האָראָוויץ חתונה געהאַט מיט דער שוועסטער פון באַנקאַבטן מאָלער אַלעקסאַנדער לעססער. האָראָוויץ איז געווען אַ קינסטלער מיט אַ גאַנץ אַנדערן טעמפּעראַמענט ווי דער הויף־מאָלער פון סטאַניסלאַוו אויגוסט. ער האָט זיך נישט פאַר־

לאָזט אויסשליסלעך נאָר אויף דעם טעמפּעראַמענט זיינעם און אויף דער ווירטואָזישקייט פון זיין פּענדזל, ווי דאָס האָט האָט געוויינלעך געטאָן באַטשאַרעללי. די ספּעציפיק פון האָראָוויצעס מאָלעריי באַשטייט אין קאָנקרעטקייט און לאָגיק, צוגלייך מיט אַ מייסטערהאַפטער באַהערשונג פון דער קאָנסטרוקציע פון גוטן קאָנטראַפּונקט. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַ געוויסער קונסט-פילאָזאָף האָט האָראָוויצן כאַראַקטעריזירט אַלס מאָלער, וואָס לויט זיין כאַראַקטער שטייט ער אין קרובהשאַפט מיט טיציאַנען — וואָלט מען גיים דאָך באַדאַרפט גיכער אָפּשאַצן ווי אַ קינסט-לער, וואָס שטאַמט אַרויס פון רעמבראַנדטס גייסט. באַטשאַרעללי אָבער האָט, אפילו אין פּוילן, געשטעקט אין דער מאַניער פון איטאַליענישן ראָקאָקאָ.

אויף דער אַלפּוילישער אויסשטעלונג אין קראָקע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1887 יאָר אונטער מאַטעיקאָס אָנפירונג, האָבן זיך באַוויזן האָראָוויצעס אַכט פּאָרטרעטן. זיבן פון זיי זענען געווען פּאָרטרעטן פון דער העכסטער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע, דער אַכטער האָט פּאָרגעשטעלט דעם יידישן עושר — יאַן בערסאָן. די זיבן פּאָרטרעטן האָבן פּאָרגעשטעלט: די סאַפּיעהאַס, דעם גראַף וואַלעווסקי, דעם גראַף טישקעוויטש, די גראַפן אַנדזשעי און אַלפרעד פּאָטאָצקי. ס'איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז אויף דער זעלבער אויסשטעלונג איז געוויזן געוואָרן דער פּאָרטרעט פון גראַף אַלפרעד פּאָטאָצקי, וועלכן עס האָט געמאָלט יאַן מאַטעיקאָ. אין דער ראָזיקער I אַלפּוילישער קונסט-אויסשטעלונג האָבן אָנטיילגענומען, אחוץ מאַטעיקאָן, אַלע גרויסע פּוילישע מאָלער פון יענער צייט: יוזעף בעלמאָנסקי, וואָיטשעך גערסאָן, ווילהעלם לעאָפּאָלסקי, יוזעף בראַנדט, אַננאַ בילינסקאַ. עס זענען געווען אויסגעשטעלט אויך צוויי בילדער פון דעם שוין דעמלט פאַרשטאָרבענעם מאַוריצי גאָטליב.

וועגן דער נישט געוויינלעכער אויסשטעלונג זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן צוויי בראָשורן: איינע האָט אָנגעשריבן וולאַדיסלאַוו לושטשקעוויטש (דער ערשטער פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע צו פּאָרשן קונסט אונטערן נאָמען „נאָך דעם שליסן די פּוילישע קונסט-אויסשטעלונג". די צווייטע בראָשור איז אַרויס אונטערן נאָמען „אַ גענויער קריטישער איבערזיכט פון דער I אַלגעמיינער אויסשטעלונג פון דער פּוילישער קונסט", רעדאַגירט פון סטאַניסלאַוו טאָמקעוויטש, מיט אַ פּאָררעדע פון וואָיטשעך גערסאָן.

אויף דער 46 זייט פון דער ערשטער בראָשור שרייבט דער אויטאָר:

„מיט גרויס פרייד האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט די פּאָרטרעטן פון לעאָפּאָלד האָראָוויץ פון וואַרשע. אין באָטש דער קינסטלער שטאַמט פון אונגאַרן, האָט ער, אַדאַנק זיין לאַנגיאָריקן צוזאַמענזיין מיט אונדז אין פּוילן באַוויזן זיך צונויפגיסן מיט אונדז. און באַזיצנדיק די קונסט חנעוודיק צו אינטערפּרעטירן מיטן פּענדזל די עלעגאַנטע פּוילישע דיסטינקציע אין איר טאָג־טעגלעכער אויסערלעכקייט — האָט ער זיך דערוואָרבן פריינדשאַפט אין די העכערע ספערן“.

אין דער צווייטער בראָשור לייענען מיר אויף דער זייט 26 די פּאָלגנדיקע שורות וועגן האָראָוויצעס מאָלעריי:

„דעם הער האָראָוויצעס פּאָרטרעטן זאָגן עדות, אַז מ׳קאָן מיט זייער באַשיידענע טעכנישע מיטלען אַרויסרופן אַן איינדרוק פון אמת. נישטאָ ביי אים קיין גרויסע בראַוווּר אין לייגן די פאַרבן, און דער אויטאָר שטרענגט זיך נישט אָן דאָס צו טאָן, און דאָס ווירקט פּאָזיטיוו אויף זיין אַרבעט. דער פּאָרטרעט פון גראַף אַלפרעד פּאָטאָצקי, וואָס רופט אַרויס שטאַרקע פאַרוווּנדערונג מיט זיין ענלעכקייט, איז פול מיט לעבן אין דער באַוועגונג און אין דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט. פאַרוואַרפן וואָלט מען אים געקאָנט נאָר די צו מאָנאָטאָנע קאַרנאַציע פון קערפּער“.

דער רום פון לעאָפּאָלד האָראָוויץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז די אונגאַרישע אינטעליגענץ, וואָס האָט אים געהאַלטן פאַר איר אייגענעם, האָט געפאָדערט, אַז ער זאָל זיך אומקערן קיין אונגאַרן. אין בודאַפּעשט האָט האָראָוויץ געשאַפן פּאָרטרעטן פון יאַנאָס אַראַני און פון גרויסן אונגאַרישן שרייבער מ. יאָקאַי. ווי הויך מ׳האָט געשעצט האָראָוויצעס טאַלאַנט אין אונגאַרן באַווייזט דער פאַקט, אַז אין 1888 יאָר האָט די בודאַפּעשטער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אים נאָמינירט אַלס דירעקטאָר פון דער האָרטיקער קונסט־אַקאַדעמיע. אין די זעלבע יאָרן שאַפט האָראָוויץ דעם ערשטן פּאָרטרעט פון קייסער פראַנץ־יאָזעף. נאָך פון מיינע קינדער־יאָרן געדענק איך, ווי מ׳האָט אין איינעם אַ טאָג אין אונדזער קלאַס

אַראָפּגענומען פון דער וואַנט אַ סטערעאָטיפּישן דרוק, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעם קיסר, און אויף זיין אָרט האָט מען אויפגעהאָנגען אַ פאַרביקן און רייכן אין אַקצעסאָריעס פּאָרטרעט פון דעם עסטרייך-אונגאַרישן מאָנאַרך. דאָס איז געווען אַ רעפּראָדוקציע פון דעם זעלבן פּאָרטרעט, וואָס עס האָט געמאָלט לעאָפּאָלד האָראָוויץ. אין דעם דאָזיקן בילד פילט זיך דרייסטקייט. אין זיין קינסטלערישער וויזיע האָט האָראָוויץ גוט געוויזן די גאַנצע מאַיעסטעטישקייט פון גרויסן סווערען.

האָראָוויצן האָט מען (ווי מיר האָבן דאָס שוין דערמאָנט) אויפגענומען אין די הויפן און פּאַלאַצן מיט גרויס כבוד. אחוץ די שוין דערמאָנטע פּוילישע מאַגנאַטן, האָט ער אויך געמאָלט אַנדזשעי זאַמאָיסקין, דעם גראַף לאַנצקאָראָנסקי און אַנדערע. אין אונגאַרן האָט ער אויך געשאַפן די פּאָרטרעטן פון פּאָרזיצער פון מיניסטאָרן-ראַט קאָלאָמאַן גראַף טיסאַ. האָראָוויץ איז אויך פאַרבעטן געוואָרן קיין בערלין, וווּ ער האָט געמאָלט די פּאָרטרעטן פון גראַף גרעבען מיט זיין פרוי און אויך פון דער פרוי פון באַנקיר מענדעלסאָן. אין ווין האָט ער געשאַפן דעם פּאָרטרעט פון רוסישן אַמבאַסאַדאָר אין עסטרייך-אונגאַרן. די פּאָרטרעטן פון עגלים קינדער, וועלכע האָראָוויץ האָט אויסגעשטעלט אין פּאַריז, האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די גרעסטע פּאַריזער קריטיקער.

ווען ער איז געווען אין וואַרשע, האָט ער זיין פרייע צייט אָפּגעגעבן אויף באַזוכן קליינע שולעכלעך מיטן ציל צו שאַפן שטודיומס צו זיין בילד „תשעה-באב“. דאָס דאָזיקע בילד, וואָס צייכנט זיך אויס מיט שטאַרקער עקספּרעסיע, האָט זיך אין 1873 יאָר באַוויזן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין ווין און האָט דאָרט באַקומען אַן אויסצייכענונג. אויך דעמלט, ווען די פּוילישע מאַגנאַטן פלעגן פאַרבעטן האָראָוויצן צו זיך אין זייערע גיטער — פלעגט דער קינסטלער אַריינקומען אין די יידישע קרעטשמעס און פירן שמועסן מיט די אַרענדאַרן. וואַרשיינלעך, אַז טאַקע נאָך אַזעלכע באַזוכן איז אַנטשטאַנען זיין בילד „דער חדר“, רעפּראָדוצירט אין 1870 יאָר אין דער צייטשריפט „קלאָסי“ אונטערן נאָמען „באַקאַלאַזש“. דאָס דאָזיקע בילד ווייזט אַ יידישע שטוב, וווּ אַן אַלטער מלמד מיט אַ באָרד און פּאות לערנט קליינע קינדער דעם אלף-בית. אין דעם ווערק אַנטפּלעקט דער קינסטלער די גאַנצע אַטמאָספער פון דער יידישער דאָרפישער אָרעמשאַפט. האָראָוויץ האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט יידישע קינסטלער — אָנפאַנגער. צווישן אַנדערע האָט ער געפּועלט, אַז פּאַר מאַוריצי טרעמבאַטשן זאָל באַשטימט

ווערן אַ סטיפּענדיע, אַדאַנק וועלכער ער זאָל קאָנען פאָרן שטודירן קיין קראָקע.

אין דער צייט, ווען האָראָוויץ האָט געוווינט אין פּוילן, איז ער אויך געווען דער ראַטגעבער פון וואַרשעווער „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני" אין ענינים פון קונסט. ווען די דאָזיקע צייטשריפט האָט דערקלערט אַ קאָנקורס אויף אַ טעמאַטישער צייכענונג, און אַלס פּאָרזיצער פון דער זשורי־קאָמיסיע איז באַשטימט געוואָרן לעאָפּאָלד האָראָוויץ, האָט די קאָמיסיע צווישן אַנדערע, אויך פּרעמירט איינע אַ צייכענונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אברבנאלן, וועלכער שטייט דעם 30 מערץ 1494 פאַרן קעניג פערדינאַנד און בעט עס זאָל צוריקגעצויגן ווערן דער עדיקט וועגן אַרויסטרייבן די יידן פון שפּאַניע.

דער אויטאָר פון דער צייכענונג האָט דאָ אַריינגעפירט די געשטאַלט פון דער שפּאַנישער קעניגין און אויך פון די גראַנדן, וועלכע האָבן זיך קאַלט באַצויגן צו דער ביטע פון אברבנאלן.

מ׳וואָלט באַדאַרפט דערמאָנען אויך וועגן איינער פון די גאָר אַמאָליקע אַרבעטן, וואָס האָראָוויץ האָט געשאַפן אין פּוילן. דאָס איז דער באַקאַנטער פּאָרטרעט פון אַדאַם מיצקעוויטש. איידער ער האָט געשאַפן דאָס בילד, האָט האָראָוויץ אַ סך יאָרן געזאַמלט מאַטעריאַלן וועגן די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון מיצקעוויטשעס געשטאַלט. אין די אויסגאַבן וועגן אַדאַם מיצקעוויטש ווערט ביז גאָר אָפט געגעבן דער פּאָרטרעט פון פּאָעט אין דער אויספירונג פון האָראָוויצן, וואָס שטעלט פאָר צומבעסטן און צומריכטיקסטן דעם אָנבליק פון געניאַלן דיכטער.

לעאָפּאָלד האָראָוויץ האָט מיט ראָמאַנטישער סטיליזאַציע און ווירטואָזישקייט אויסמאָדעלירט דעם פּאָרטרעט פון דעם קייסער פראַנץ־יאָזעפס פרוי — עליזשביעטע. און הגם דער קינסטלער האָט זיין מאָדעל טראַקטירט גענוג רעאַליסטיש, האָט ער דאָך אין אַ גרויסער מאָס אונטערגעשטראָכן דעם קאָמפּליצירטן כאַראַקטער פון דער קייסערין. שאַפנדיק דעם פּאָרטרעט פון דעם אומגעבראַכטן אין 1863 יאָר אויפשטענדלער ז. ראַוויטש, טראָגט ל. האָראָוויץ אַריין אויך זיין בייטראָג אין פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די העלדן פון אויפשטאַנד אין 1863 יאָר (דאָס דאָזיקע בילד געפינט זיך אין וואַרשעווער נאַציאָנאַלן מוזיי). אין פּאָרטרעט פון געאָרג בראַנדעס (1842—1927) האָט האָראָוויץ געגעבן אַ טיפע דורכדרינגלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דעם דאָזיקן וועלט־באַרימטן ליטעראַטור־היסטאָריקער.

אין זײַנע לעצטע לעבנס-יאָרן האָט האָראָוויץ געוווינט אין ווין. זײַן אַטעליע פֿלעגן באַזוכן פֿיל מענטשן פֿון די רײַכסטע ספֿערן פֿון דער הויפּטשטאָט. זײַן אַטעליע איז געווען באַצירט מיט די פּרעכטיקסטע מעבל און מיט זייער ווערטפֿולע קונסט-זאַכן. אויף דער וויסנשאַפֿטלעכער סעסיע פֿון דער פּוילישער קאָמיסיע פֿאַר געשיכטע פֿון קונסט, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 10 אָקטאָבער 1936 יאָר, האָט דער פּראָפֿעסאָר טאַדעוש מאַנקאָווסקי געלייענט אַ רעפֿעראַט אויף דער טעמע „פּערסישע טעפּיכער פֿון פּוילישן טיפּ". בעת דער דיסקוסיע איבער דעם פֿאָרטראַג, האָט דער פּראָפֿעסאָר יאַן פּוגאַטשעווסקי צווישן אַנדערע דערמאָנט, אַז אין דער ווינער אַטעליע פֿון באַוווּסטן קינסטלער לעאָפּאָלד האָראָוויץ געפֿינען זיך פֿיל אַזוי גערופֿענע פּוילישע טעפּיכער פֿון גרויסן פֿאָרמאַט און אַ סך פֿון זיי מיט אַ גאָלדענער פֿאָן (אַנדערע האַלטן 6 מעטער די לענג).

לעאָפּאָלד האָראָוויץ איז נישט געווען קיין נאָוואַטאָר — נישט אין דער הינזיכט, ווי עס זענען געווען זײַנע מיטצײַטלער, די קאָלאָריסטן סעזאַן, וואַן גאָג, אָדער רענואַר, און אויך נישט אין דער הינזיכט, ווי עס זענען געווען אַזעלכע מאָלער, ווי פּיססאַראָ, ליבערמאַן אָדער לעססער אורי. ער איז געווען אַ מײַסטער פֿון פּאָרטרעט, וואָס שטייט מיט גאָר נישט אָפּ פֿון דעם באַרימטן לענבאַך (וועלכער האָט געמאָלט ביסמאַרקן, דעם קייסער ווילהעלם און אַנדערע) אָדער העקאָמער, לאַשלאָ און אַנדערע פּאָרטרעטיסטן מיט אַ גרויסן רום.

וועגן לעאָפּאָלד האָראָוויץ האָבן מיט גרויס אָנערקענונג געשריבן אין פּוילן אַזעלכע קונסט-קענער, ווי וואָיטשעך גערסאָן, הענריק סטרוווע, מיכאַל באַליצקי, אַנטאָני סיגעטינסקי. זיי אַלע האָבן אונטערגעשטראָכן זײַנע גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער פּוילישער קולטור. האָראָוויץ האָט שטענדיק אויסגעשטעלט זײַנע ווערק אין וואַרשע, און וווינענדיק אין אויסלאַנד, האָט ער גערן אָנטיילגענומען אין אויסשטעלונגען פֿון פּוילישע קינסטלער, וואָס פֿלעגן פֿאָרקומען אין אויסלאַנד. ער איז געווען באַפֿרײַנדעט מיט די באַרימטע פּוילישע מאָלער. אַלעקסאַנדער גערימסקי האָט געשאַפֿן אַ פּאָרטרעט-צייכענונג פֿון האָראָוויץ. די רעפּראָדוקציע פֿון דאָזיקן פּאָרטרעט איז גענומען געוואָרן ווי אַ שער-בלאַט צו דער צײַטשריפֿט „קלאָסי" אין 1889 יאָר. האָראָוויץ איז געשטאָרבן אין ווין דעם 16 יאַנואַר 1917 יאָר.

# שמעון בוכבינדער

מיט דער צייט זענען די שפּורן פון שמעון בוכבינדערס אָפּשטאַמונג, די דאַטעס פון זיין געבוירן און טויט געוואָרן אַלץ מער פאַרווישט. מיר זענען דעריבער געצוווּנגען צו באַגרענעצן זיך דער עיקר צו זיין שאַפן און אַרויספירן די דאָזיקע אינטערעסאַנטע געשטאַלט בלויז אין אַ באַשטימטן פעריאָד.

אָבער שוין אין אָנהייב דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס די פוילישע פרעסע שרייבט וועגן זיין קינסטלערישער טעטיקייט זייער קורץ, האָט ער פאַר דער פוילישער קונסט גרויסע פאַרדינסטן.

שמעון בוכבינדער האָט געהאַט אַן עלטערן ברודער יוסף — געבוירן געוואָרן אין 1839 יאָר. דער לעבנס־וועג פון יוספן איז פאַרבליבן אַ רעטעניש.

דער פאָטער פון ביידע בוכבינדערס איז געווען אַ פשוטער אָרטאָדאָקסישער ייד פון דעם קליינעם שטעטל מאָרדי, וואָס איז צו יענער צייט געווען דאָס אייגנטום פון דער משפחה זעמבזשוסקי. דער אַלטער בוכבינדער איז געווען אַן איינבינדער. ער האָט אויך פון צייט צו צייט געמאָלט בילדער אויף באַשטעלונגען. דער עלטערער זון יוסף פלעגט דעם פאָטער העלפן אין דער אַרבעט. ער פלעגט מאָלן בילדער מיט אַ רעליגיעזער טעמאַטיק, אויף וועלכע עס איז געווען אין יענער צייט אַ גרויסער נאָכפרעג.

דאָס דאָזיקע פעיקע ייִנגל האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס צו זיך מצד די גלחים. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן „פאַרנעמען" מיט אים און אין עלטער פון 20 יאָר האָט ער זיך געשמדט. די גלחים האָבן אים געהאָלפן אַריינטרעטן אין דער וואַרשעווער קונסט־שול, וווּ ער האָט שטודירט אונטער דער אָנפירונג פון ראַפאַל האָדזיעוויטש. שפּעטער פאָרט ער אַרויס קיין דייטשלאַנד, וווּ ער שטודירט אין דיסעלדאָרף און אין מינכען. לסוף פאָרט ער אַריבער קיין רוים, וווּ ער ווערט אַ טרוקענער „נאַזאַרעטאַנער". נאָכן אומקערן זיך צוריק קיין פוילן פאַרנעמט ער זיך אויסשליסלעך מיט מאָלן רעליגיעזע און קירכע־בילדער. אויסער דעם, אַרבעט ער אַלס גראַפיקער אין דעם „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני", וווּ ער האָט געשאַפן הונדערטער פּאָרטרעטן פון אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן דעמלט געשפּילט אַ געוויסע ראָל אין דעם געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און פּאָליטישן לעבן. צווישן אַנדערע שאַפט ער די פּאָרטרעטן

פון אַלעקסאַנדער לעססער, יעקב נאַטאַנסאָן, העגריק רעדליך, משה ביי=
סער א. א. די טאָכטער פון יוסף בוכבינדער האָט חתונה געהאַט מיט
דעם שפּעטערדיקן פּראָפעסאָר באָגדאַן וואַסיוטינסקי. דאָס אייניקל זיי=
ערס האָט בעת דעם טראַגישן פּעריאָד פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייִ=
טער וועלט=מלחמה אָנגעשריבן אין דעם זשורנאַל „יוטראָ", אַז אפילו
אַ געשמדטער ייד דאַרף נישט באַקומען די רעכט פון אַ פּוילישן בירגער.
דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז געווען די סיבה פון דעם דראַסטישן פּראָצעס
מיט דעם דעמלטיקן רעדאַקטאָר פון די זשורנאַלן „וויאַדאָמאָשטשי לי=
טעראַצקיע" און „שפּילקי".

אין קעגנזאַץ צו זיין ברודער רייסט זיך דער יונגער שמעון אַרויס
פון דעם קליינעם שטעטל און קומט קיין וואַרשע. דאָ האָט איבער אים
די אַפּוטרופּסות איבערגענומען דער קינסטלער סטאַניסלאַוו הייטאַן. וועל=
כער האָט געשטאַמט פון יידן. סטאַניסלאַוו הייטאַן האָט אַ לענגערע צייט
געאַרבעט אין דער אַטעליע פון דעם באַוווסטן פּאָרטרעטיסט לעאָפּאָלד
האָראָוויץ.

די דאַטע פון שמעון בוכבינדערס געבוירן איז גענוי נישט פעסט=
געשטעלט געוואָרן. פאַרשידענע דאָקומענטן גיבן אָן פאַרשידענע דאַטעס.
שווייקאָווסקי גיט אָן דאָס יאָר 1850, די ענציקלאָפּעדיע פון טהימע=בע=
קער גיט אָן דאָס יאָר 1853. שמעון האָט זיך משך פון אַ געוויסער צייט
שטודירט אין וואַרשע ביי גערסאָנען און האָדזיעוויטשן. ווען עס איז גע=
קומען די צייט צו שטעלן זיך אין צאַרישן מיליטער פאַר אַ סאָלדאַט,
אַנטלויפט שמעון קיין ווין, וווּ ער ווערט אָנגענומען אין דער קונסט=
אַקאַדעמיע. אויסער דעם אַרבעט ער אַלס דעקאָראַטאָר אין דער באַרימ=
טער קייזערלעכער אָפּערע. מען איז פון בוכבינדערן אַזוי ווייט צופרידן,
אַז ער באַקומט דעם טיטל פון סטאַבילן דעקאָראַטאָר פון דער וויגער
אָפּערע ביזן סוף פון זיין לעבן. אינטערעסאַנט איז, אַז פּונקט ווי מאַוריצי
גאָטליב, בענקט אויך שמעון אין ווין שטאַרק נאָך דער פּוילישער קולטור,
גאַרט צו זיין נאָענט צו מאַטעיקאָ. נישט געקוקט אויפן גרויסן דערפאָלג,
וועלכן בוכבינדער האָט געהאַט אין ווין, פאַרלאָזט ער די שטאָט און פאָרט אַוועק
קיין קראָקע צו מאַטעיקאָ. קיין קראָקע קומט ער אין 1879 יאָר, אין דעם
זעלבן יאָר, ווען גאָטליב קומט אַהער פון רוים.

אין דעם מאַטעיקאָ=מוזיי אין קראָקע געפינט זיך אַן אינטערעסאַנ=
טער עקספּאָנאַט. דאָס איז אַ פּאַלעטע פון אַ קינסטלער, אויף וועלכער
עס זענען אָנגעמאָלן פינף אויטאָפּאָרטרעטן פון מאָלער — די נאָענטסטע

שילער פון מאַטעיקאָ: פראַנצישעק זשמורקאַ, וולאַדיסלאַוו ראַטאָוווסקי, ע. הערנציש, שמעון בוכבינדער און אַלעקסאַנדער מראָטשקאָוווסקי. אַלע זענען געמאָלט אין אָוואַל. שמעון בוכבינדער טראָגט אַ קליינע אונטערגעשוירענע באָרד און אַ היטעלע אויפן קאָפּ.

שמעון בוכבינדער האָט נישט פאַרמאָגט קיין גרויסע נייגונג צו היסטאָרישער מאָלעריי, וועלכע איז צו יענער צייט מאָדערן געווען נישט בלויז אין פּוילן, נאָר אויך אין אויסלאַנד. צו די היסטאָרישע בילדער קאָן מען פאַררעכענען בוכבינדערס בילד „דער קעניג זיגמונט דער III אין דעם גאָלדשמיד־וואַרשטאַט“. די דאָזיקע ווערטפולע שאַפונג ווייזט אַרויס די שטריכן פון אַ שעפער, וועלכער פאַרמאָגט זיין אייגן קינסטלעריש פּנים. אין קעגנזאַץ צו אַ סך דעמאָלטיקע קינסטלער, וועלכע האָבן אָפט געוואָלט אימפּאָנירן מיט דעם פאַרנעם פון זייערע לייוונטן, זענען די בילדער פון שמעון בוכבינדער געווען געמאָלט אין אַ מיניאַטורן־פאָרמאַט. דער דאָזיקער קינסטלער האָט אויף אַן אויבערפלאַך, וואָס איז נישט געווען גרעסער, ווי אַ געוויינלעך פּאָסט־קאַרטל, פאָרגעשטעלט סצענעס, וואָס זענען געווען מער אויסדריקלעך איידער יענע, וועלכע אַנדערע קינסטלער האָבן געוויינלעך געוויזן אויף גרויסע לייוונטן. אַ קענער האָט צווישן טויזנטער גרויסע לייוונטן שטענדיק דערקענט די שאַפונגען פון בוכבינדערן, וועלכע האָבן זיך צווישן אַנדערע אַרבעטן אַזוי אויסגעטיילט, ווי טייערע דימענטן. אין לאָדזשער שטאָטישן קונסט־מוזיי געפינט זיך אַ פּרעכטיק בילד פון שמעון בוכבינדער אונטער דעם טיטל „דער גאָלד־שמיד“. דאָס ברעטל, אויף וועלכן דאָס בילד איז אָנגעמאָלט האַלט 33 × 26 צענטימעטער. דאָס דאָזיקע בילד האָט דער קינסטלער אָנגעמאָלט אין 1880 יאָר אין קראָקע. עס איז באַקאַנט, אַז די קראָקעווער יידישע גאָלדשמידער זענען באַוווסט געווען מיט זייער מייסטערשאַפט נאָך אין מיטלאַלטער. אויפן פאָן פון אַן אַלטפרענקישן צימער, וווּ די פענצטער זענען באַצירט מיט קאָלירטע וויטראַזשן, זיצט אַן אַלטער יידישער גאָלדשמיד ביים טיש, אויף וועלכן עס ליגן גאָלדענע און זילבערנע חפצים, אויסגעזעצטע מיט טייערע דימענטן. אין דער רעכטער האַנט האַלט דער גאָלדשמיד אַ פאַרגרעסערונגס־גלאָז, מיט וועלכן ער באַטראַכט אַ טייערן רינג, וואָס ער האַלט אין די פינגער פון דער לינקער האַנט. דאָס דאָזיקע בילד אָטעמט מיט האַרמאָניע און פּאָעטישער מעלאָדיע. בוכבינדערן איז געלונגען אין דעם דאָזיקן קליינעם בילד פאַרצושטעלן דעם פאָרשטייער פון יענעם פאַך, מיט וועלכן עס האָבן זיך אין יענער צייט אַ סך יידן

פאַרנומען. מיר באַוווּנדערן די גרויסע מייסטערשאַפט פֿינעם קינסטלער איבערצופלעכטן פאַנטאַזיע מיט רעאַליטעט, אַרויסהייבנדיק דערביי די טעמע אין אַ סימפאָניע פון פראַכט.

די מאָלערישע פאָעזיע פון שמעון בוכבינדער בינדט אָן אין די פאָלקס-לעגענדעס, וועלכע גלאָריפיצירן סיי די היסטאָרישע געשעענישן, סיי די היסטאָרישע געשטאַלטן. אַ באַדייטנדיק אָרט אין בוכבינדערס שאַפונג פאַרנעמט די טעמאַטיק פון דעם לעבן פון אַמאָליקע בעל-מלאכות-צעכן און אויך פון קעניגלעכן הויף. ער גיט זייער גוט איבער אין זיינע בילדער באַזונדערע שטריכן פון דער פאַרגאַנגענער קולטור, דערביי איז יעדער פרט דורכגעדרונגען מיט עמאָציאָנעלער איבערלעבונג און איז באַהויכט מיט יום-טובדיקער שטימונג. איינער פון די אָנגעזעענסטע מינכענער קריטיקער פרידריך פעכט האָט, אָפּשאַצנדיק דאָס בילד פון בוכבינדער „דער דענקער", אַזוי געזאָגט (1887): „פון דעם רויש, וואָס עס שאַפט אַ מאַרשירנדיקע אַרמיי פירט אונדז בוכבינדער אַריין אין אַ שטילן צימער פון אַ וויסנשאַפטלער — אַ דענקער, וו יעדע איינצלהייט איז פרעציז באַאַרבעט, אַזוי ווי עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער האָלענדישער קונסט. בעת די אימיטאַציעס, וועלכע באַווייזן זיך ביי אונדז אָפט, רופן געוויינלעך אַרויס אַ קאַלטע באַציונג, רופט ביי אונדז אַרויס די דאָזיקע שאַפונג, וועלכע דער קינסטלער האָט אויסגעצערטלט און באַהויכט מיט רוחניות, וואַרעמע געפילן". (די רעפּראָדוקציע פון דעם דאָזיקן בילד געפינט זיך אין „קונסט פאַר אַלע", 1887).

דאָס בילד, וועגן וועלכן פעכט דערמאָנט, שטעלט מיט זיך פאָר אַ ייד איבער דער גמרא.

דאָס בילד „דער ליץ" שטעלט פאָר מיט זיך אַ פרעכטיקן פאַיאַץ אין קעניגלעכן הויף. אויך דאָס דאָזיקע בילד איז באַהויכט מיט פאָעזיע פון מיטלאַלטער.

פון ווין און קראָקע קערט זיך אום שמעון בוכבינדער קיין וואַרשע. דאָ וווינט זיין לערער, דער הויך-געשעצטער קינסטלער וואָיטשעך גערסאָן. ער שטיצט זייער זיין שילער. שמעון בוכבינדער פאַרנעמט דעם פאָסטן פון קינסטלערישן לייטער פון דעם „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני". אַדאַנק דעם, באַפרייט ער זיך אויף אַ געוויסער צייט פון מאַטעריעלע זאָרגן. דאָס דעמאָלטיקע וואַרשע האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויס פאַרשטענדעניש פאַר אַזאַ עמפינדלעכן קינסטלער, ווי שמעון בוכבינדער איז געווען.

זיין ברודער יוסף, אויך אַ טאַלאַנטירטער קינסטלער, האָט שלום געמאַכט מיט דער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך דעמלט געפונען. דער איינציקער ערנסטער און איינציזיטיק מעכטיקער מעצענאַט איז אין יענער צייט געווען די קירכע. האָט זיך טאַקע יוסף בוכבינדער פאַרנומען דער עיקר מיט מאָלן בילדער אויף רעליגיעזע טעמעס, וועלכע עס פלעגן באַשטעלן ביי אים סיי גייסטלעכע, סיי פריוואַטע מענטשן. עס פלעגט טרעפן, אַז קינסטלער פון יידישן אָפּשטאַם, ווי למשל לעסער, מאַקסימיליאַן פּאַיאַנס, וועלכע האָבן זיך נישט געשמדט, האָבן אויך געשאַפן בילדער אויף רעליגיעזע טעמעס לויט באַשטעלונגען. שמעון בוכבינדער דאַקעגן האָט זיך מיט מאָלן בילדער אויף דער דאָזיקער טעמאַטיק נישט פאַרנומען. ער האָט אויך נישט דערלאָזט, אַז אין דעם וואָכנזשורנאַל, ווו ער האָט געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער קינסטלערישער זייט, זאָלן געדרוקט ווערן רעפּראָדוקציעס פון שוואַכע בילדער. די אָנפירונג מיט דעם „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני" האָט פאַרנומען ביים קינסטלער זייער אַ סך צייט און האָט געשטערט זיין שעפערישע טעטיקייט. אָן ערך אין יענעם פעריאָד האָט בוכבינדער געאַרבעט איבערן פּרעכטיקן פּאָרטרעט פון דעם לובלינער ביסקופּ.

עס ווערט פאַר אים ענג אין וואַרשע, ווו די קאָנווענציאָנעלע סטערעאָטיפּישע מאָלערייקונסט איז געשטאַנען אויפן ערשטן אָרט. וואָס מער דאָס בילד איז ענלעך געווען צו אַ פאָטאָגראַפיע, אַלץ העכער איז דאָס אָפּגעשאַצט געוואָרן.

אין 1885 יאָר האָט בוכבינדער פאַרלאָזט וואַרשע און איז אַרויסגעפאָרן קיין מינכען. דאָ פילט ער זיך אַלס פּוילישער קינסטלער. אין דעם זשורנאַל „יעדנאָדניוווקאַ", וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער פּוילישער קאָלאָניע אין מינכען (צו איר האָבן באַלאַנגט אויך אַ ריי קינסטלער פון יידישער אָפּשטאַמונג), האָבן זיך דעמלט געדרוקט אַזעלכע שרייבער ווי אַלעקסאַנדער גערימסקי, אָלגאַ באָזנאַנסקאַ, יוזעף בראַנדט, פון די יידישע קינסטלער לעאָן קאַמיר, אַרטור מאַרקאָוויטש און שמעון בוכבינדער.

כדי צו באַקענען זיך נעענטער מיט דער שאַפונג פון שמעון בוכבינדער, וועלן מיר באַהאַנדלען 2—3 פון זיינע קליינע, אָבער אויסדריקלעכע בילדער.

ד"ר סעווערין גאָטליב — דער באַוווסטער קאָלעקציאָנער און קונסטמעצענאַט — איז געווען דער אייגנטימער פון בוכבינדערס קליין בילד

18×13 צענטימעטער, וואָס האָט פֿאָרגעשטעלט די פּאַנאָראַמע פֿון דער שטאָט. אַלץ איז באַוויזן געוואָרן אויפֿן פּאָן פֿון באַרג. דאָס דאָזיקע מיניאַטור-בילד וויברירט מיט אויסערגעוויינלעכער האַרמאָנישקייט און שיינקייט. אויך ד״ר הענריק יאָרדאַן (דער שעפֿער פֿון די יאָרדאַן-גערטנדלעך) איז געווען אַ הייסער פֿאַרערער פֿון דעם קינסטלער בוכבינדער. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ בילדל פֿון אים, וואָס איז געווען קלענער פֿון אַ פּאָסט-קאַרטל (11×9 צענטימעטער). דאָס דאָזיקע מיניאַטור-בילד, געמאָלט אויף האָלץ, האָט פֿאָרגעשטעלט אַ קאָפּ פֿון אַ מאַן פֿון יאַן סאָביעסקיס צייטן.

דער סטיל פֿון ש. בוכבינדערס בילדער איז כּמעט אַן אַראַבעסקן-סטיל און פֿאַרנעמט אין דער קונסט אַ ספּעציעל אָרט.

עס איז באמת שווער, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, רעקאָנסטרוירן און דערגענצן דעם גאַנצן לעבנס-וועג פֿון שמעון בוכבינדער. ביזן 1912 יאָר קאָן מען נאָך געפֿינען געוויסע שפּורן פֿון לעבן פֿון דעם דאָזיקן קינסטלער. אין דעם יאָר האָט דער וואַרשעווער זשורנאַל „שוויאַט" געבראַכט די ידיעה, אַז שמעון בוכבינדער האָט אויסגעשטעלט זיינע בילדער אין בערלינער „סעצעסיע". שפּעטער איז שוין שווער צו געפֿינען וועלכע נישט איז שפּורן וועגן אים. לויט די אָנגאַבן פֿונעם באַקאַנטן קונסט-קריטיקער ראָמאַן זרעמבאָוויטש (דעם היינטיקן קוסטאָש פֿון לאָדזשער היסטאָרישן קונסט-מוזיי) — איז ש. בוכבינדער געשטאָרבן אין 1908 יאָר אין בערלין. מיר דוכט זיך, אַז די דאָזיקע אָנגאַבן זענען נישט קיין גענויע. איך האַלט, אַז שמעון בוכבינדער האָט געלעבט ביזן אָנהייב פֿון דער ערשטער וועלט-מלחמה.

אומקערנדיק זיך צו די נישט גענויע ידיעות וועגן בוכבינדערס אָפּשטאַמונג, איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז אין די „מאַטעריאַלן" וועגן דעם לעבן און שאַפֿונג פֿון וואָיטשעך גערסאָן, וועלכע עס זענען באַאַרבעט געוואָרן דורך דעם קונסט-היסטאָריקער אַרמאַנד וועטולאַני און אַנדזשעי רישקאָוויטש, ווערט אויף דער זייט 46 געזאָגט, אַז וו. גערסאָן באַשטעטיקט, אַז בעת זיין רייזע איבערן לאַנד האָט ער אויך באַזוכט דאָס שטעטל מאָרדע, וווּ עס זענען געבוירן געוואָרן די ברידער בוכבינדער, די זין פֿון דעם יידישן איינבינדער.

נישט פֿאַרשטענדלעך איז, פֿאַרוואָס אין דעם באַנד 3 פֿון דעם פּוילישן ביאָגראַפֿישן ווערטער-בוך פֿונעם 1937 יאָר געפֿינט זיך נישט קיין שום ידיעה וועגן שמעון בוכבינדער. דאַקעגן געפֿינט זיך דאָרט אַן אַרטיקל פֿון העלענע דיאַוואַנקור וועגן שמעונס ברודער יוסף בוכבינדער

(1839—1909), עס ווערט אָבער דאָרט גישט דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט, אַז ער איז דער ברודער פון דעם קינסטלער שמעון בוכבינדער.

די שאַפונגען פון שמעון בוכבינדער זענען צעזייט איבער אַ סך לענדער פון אייראָפּע און געווים אויך פון אַמעריקע. אין פּוילן געפינען זיי זיך סיי אין די קונסט־גאַלעריעס, סיי ביי פּריוואַטע מענטשן. דאָס באַוווסטע בילד „דער גאָלדשמיד" געפינט זיך אין דער לאָדזשער קונסט־גאַלעריע, דער „קאָפּ פון אַ מאנאך" און דער פּאָרטרעט פון דעם קינסטלער מאַלינאָווסקי געהערן צו דער ווארשעווער זאַכענטאַ. צוויי בילדער פון קלייגעם פאָרמאַט „דער ייד מיט דער געלער באָרד" און „דער פּראָצענטניק" האָט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געקויפט די יידישע געזעלשאַפט פאַר פאַרשפּרייטן קונסט אין וואַרשע.

* *
*

היות ביי אונדז אין לאַנד איז שווער צו געפינען מאַטעריאַלן וועגן שמעון בוכבינדער און וואַרשיינלעך וועלן מיט דער צייט פאַרווישט ווערן אויך די קאַרגע שפּורן, וועלכע זענען היינט פאַראַן, האַלטן מיר פאַר נייטיק אָנצומערקן געוויסע כראָנאָלאָגישע אָנגאַבן וועגן קינסטלער.

ש. בוכבינדער האָט ווייניק געזאָרגט וועגן רעקלאַמירן זיינע ווערק און האָט זייער זעלטן זיך באַטייליקט מיט זיינע שאַפונגען אין אויסשטעלונגען. עס איז דעריבער כדאי אָנצורופן יענע בילדער, וועלכע האָבן זיך יאָ באַוויזן אויף באַזונדערע אויסשטעלונגען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

1877 יאָר: האָט זיך בוכבינדער באַטייליקט אין דעם קאָנקורס*, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער וואַרשעווער זאַכענטאַ. אויף דעם דאָזיקן קאָנקורס האָט ער באַקומען אַן אויסצייכענונג פאַר זיין דעקאָראַציע־פּראָיעקט פון פלאַפאָן (איינציייטיק איז אויסגעצייכנט געוואָרן דער סקולפּטאָר ג. וועלאַנסקי פאַרן פּראָיעקט פון דענקמאָל דעם פּאָעט מאַלטשעווסקי און אויך דער אַרכיטעקטאָנישער פּראָיעקט פון ב. ביזאם); (ביעשאַדאַ ליטעראַצקאַ, ערשטע האַלביאָר, נר. 55, זייט 35, וואַרשע 1877).

---

* דאָס איז וואַרשיינלעך שייך דער דעקאָראַציע פונעם סופיט פון דער פּירמע ע. וועדעל אין וואַרשע, אויף דער שפּיטאַלנע־גאַס נר. 8. „רעקלאַמאַ", זענאָן זאַקשעווסקי, וואַרשע 1942 יאָר.

1883 יאָר: אין שייכות מיט דער אויסשטעלונג, וועלכע איז אָרגאַני־זירט געוואָרן אין דעם קונסט־סאַלאָן פון גראַציאַן אונגאַר אינעם פּאַלאַץ פון גראַף סטאַניסלאַוו פּאָטאָצקי אין וואַרשע מיטן צוועק צו שאַפן אַן אויפבוי־פאָנד פאַר אַן אייגענער געביידע פאַר דער וואַרשעווער זאַכענטאַ, איז אויך אויסגעשטעלט געוואָרן דאָס בילד פון שמעון בוכבינדער „זיגמונט דער III מיט זיינע הויף־לייט אין דער גאָלדשמידעריי". אויף דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָט זיך אויך געפונען דאָס בילד פון מאַטעיקאָ „די שלאַכט אונטער גרונוואַלד" (קוריער וואַרשאַווסקי, נר. 33, פון 1833 יאָר).

1884 — די באַשרייבונג פון ש. בוכבינדערס בילד „זיגמונט דער III מיט זיינע הויפלייט אין דער גאָלדשמידעריי" („טיגאָדניק אילוסטראָוואַני", 1 האַלביאָר, זייט 337, 1884 יאָר).

1886 — די רעפּראָדוקציע פונעם בילד „דער פאָרשער" (טיגאָדניק אילוסטראָוואַני, 2 האַלביאָר, זייט 48).

די רעפּראָדוקציע פון דעם בילד „דער ליץ" (ווסעמירנאַיאַ אילוסטר. זייט 361).

די רעפּראָדוקציע פון דעם בילד „דער גריבלער" (פאָרשער) און דער טעקסט („קונסט פאַר אַלע", זייט 147 און 157, מינכען 1887 יאָר).

דער דאָזיקער טעקסט איז וועגן דער „1־טער גרויסער אויסשטעלונג פון פּוילישער קונסט" אין קראָקע, וועגן דעם בילד פון ש. בוכבינדער „דער הויף־מאַן" (קלאָסי, 45 באַנד, זייט 234, 1887 יאָר).

1891 — די רעפּראָדוקציע פון דעם בילד „די באָבע" (שוויאַט, קראָקע, זייט 518).

1895 — אַן אינפאָרמאַציע וועגן דעם, אַז ש. בוכבינדער אַרבעט אַ יאָר צייט איבער דעם בילד „שאַכיסטן" (טיגאָדניק אילוסטראָוואַני, 2 האַלביאָר, זייט 79).

1895 — אינפאָרמאַציע, אַז אויף דער סטאַבילער אויסשטעלונג אין פּעשט האָבן זיך געפונען די בילדער פון בוכבינדער (טיגאָדניק אילוסטראָווני, 2 האַלביאָר, זייט 135).

1897 — בראָניק: ש. בוכבינדער האָט צוגעשיקט איינס פון זיינע בילדער אויף דער אויסשטעלונג פון דעם קונסט־סאַלאָן, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן מיטן צוועק צו שאַפן הילף פאַר דעם סקולפּטאָר אַנטאָני קורזשאַווא (1843—1898). דער דאָזיקער קינסטלער איז צוליב דעם, וואָס מען האָט אָפּגעוואָרפן זיין פּראָיעקט פאַר דעם מיצקעוויטש־דענק־

מאָל, אַרייַנגעפֿאַלן אין אַ פּסיכישער קראַנקהייט און מען האָט געהאַט בדעה אייַנצואָרדענען אים אין דעם אַנשטאַלט פֿון די העלצל אין קראָקע (טיגאָדניק אילוסטראָוואַני, 1 האַלביאָר, זייט 278).

אַן אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם, אַז ש. בוכבינדער איז אַריין אַלס מיטגליד פֿון קאָנקורס=זשורי אויף אַ טעאַטער=אַפֿיש, אייַנגעאָרדנט דורך דער פּוילישער קאָלאָניע אין מינכען (טיגאָדניק אילוסטראָוואַני, זייט 318).

1898 — אינפֿאָרמאַציע וועגן אויסווילן ש. בוכבינדער (געווינט שוין דעמלט אין בערלין) אַלס מיטגליד פֿון דער פּאָלאָניע=קאָלאָניע אין אויסלאַנד, וועלכע האָט געדאַרפֿט פֿאַרנעמען זיך מיט זאַמלען בילדער פֿון פּוילישע קינסטלער אויף דער אַלגעמיינער אויסשטעלונג אין פּאַריז. בוכבינדער האָט געדאַרפֿט אויסווילן די בילדער פֿון פּוילישע קינסטלער אין בערלין (טיגאָדניק אילוסטראָוואַני, 2 האַלביאָר, זייט 779).

אַן אינפֿאָרמאַציע וועגן די בילדער פֿון ש. בוכבינדער אויף דער אויסשטעלונג אין מינכען (קראַי, נר. 12, זייט 134, פּעטערבורג).

1902 — אַן אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם, אַז עס האָט זיך אויף דער בערלינער אויסשטעלונג באַוויזן דאָס בילד „דער הענדלער מיט צירונג" * (אָדער „דער מלוה"), (זשיטשע אי שטוקאַ, זייט 400, פּעטערבורג).

1909 — דער אַרטיקל פֿון הענריק פּיאַטקאָווסקי „קינסטלערישער טייל, טיגאָדניק אילוסטראָוואַני, 50 יאָר טיגאָדניק אילוסטר." (טיגאָדניק אילוסטראָוואַני 50, זייט 1056).

1951 — מאַטעריאַלן וועגן לעבן און שאַפֿן פֿון וואָיטשעך גערסאָן. פּוילישער קונסט=אינסטיטוט (פּ. י. ס.), קוואַלן צו דער געשיכטע פֿון פּוילישער קונסט, באַנד 2, באַאַרבעט דורך ארמאַנד וועטולאַני און אַנדזשעי רישקעוויטש, וראָצלאַוו 1951, זייט 46, 96.

קאַטאַלאָגן, לעקסיקאָנען אד"גל:

באַמערקונגען וועגן די בילדער פֿון ש. בוכבינדער אויף דער אויסשטעלונג אין די קראָקעווער סוקעניצעס (ביבליאָטעק אין וואַרשע, באַנד 3, זייט 906, 107; 1883 יאָר).

קאַטאַלאָג פֿון דער ערשטער גרויסער פּוילישער קונסט=אויסשטעלונג אין קראָקע אין סעפּטעמבער 1887 יאָר, קראָקע 1887 יאָר.

אַן אויספֿירלעכער קריטישער איבערזיכט פֿון דער ערשטער אַלגע=

---

* זע דעם קאַטאַלאָג אַבע גוטנאַיער, 1924 יאָר.

מיינער אויסשטעלונג פון פּוילישער קונסט, אונטער דער רעדאַקציע פון סטאַניסלאַוו טאַמקעוויטש, זייט 19—20, קראָקע 1887 יאָר.

די גרויסע אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, באַנד 10, 1893 יאָר.

קאַטאַלאָג פון דער אַלגעמיינער לאַנד=אויסשטעלונג (אילוסטרירטער קאַטאַלאָג פון דער אויסשטעלונג פון פּוילישער קונסט, 1764—1886, לוואָוו, 1894 יאָר).

„יעדנאָדניוווקאַ“, מינכען, 1897 יאָר.

שווייקאָווסקי, טאָגבוך פון דער געזעלשאַפט פריינד פון קונסט אין קראָקע. קראָקע, 1905 יאָר.

קאַטאַלאָג פון דעם נאַציאָנאַלן מוזיי אין קראָקע, 1907 יאָר. הונדערט יאָר פּוילישע מאָלעריי (פון די פּריוואַטע קאָלעקציעס אין לאַזשענקע=פּאַלאַץ אין וואַרשע), וואַרשע 1919 יאָר.

אַלבום פון בילדער=רעפּראָדוקציעס פון דער אויסשטעלונג „הונדערט יאָר פּוילישע מאָלעריי“ (פון די פּריוואַטע קאָלעקציעס אין לאַזשענקע=פּאַלאַץ), וואַרשע 1919 יאָר.

קאַטאַלאָג פון די זאַמלונגען אין דער וואַרשעווער קונסט=גאַלעריע, וואַרשע, 1925 יאָר.

אַ קאַטאַלאָג פון דער אויסשטעלונג „הונדערט יאָר פּוילישע מאָלעריי“ 1880—1900 יאָר. באַאַרבעט דורך ד״ר פראַנטישעק קליין, קראָקע, 1929 יאָר (אילוסטרירט).

יידישער לעקסיקאָן, בערלין, 1927 יאָר. באַנד 1, זייט 1198 (מיט אַ פאָררעדע פון וואַצלאַוו הוסאַרסקי), טאַספּאַ 1932.

קאַטאַלאָג פון 75 יאָר פון וואַרשעווער זאַכענטע, 1861—1900, יוני — סעפּטעמבער 1939 יאָר.

קאַטאַלאָג פון דער אויסשטעלונג: „אָפּגעראַטעוועטע קונסט=ווערק פון יידישע קינסטלער. יידישע געזעלשאַפט פאַר פאַרשפּרייטן קונסט, וואַרשע, 1949 יאָר.

קאַטאַלאָג פון דער אויסשטעלונג: „יאַן מאַטעיקאָ און זיין שול“, יוני—אויגוסט 1950, קראָקע, טפּספּ.

ראָמאַן זרעמבאָוויטש, „פּוילישע מאָלעריי אין דעם קונסט=מוזיי אין לאָדזש“, וואַרשע, 1957 יאָר.

# יאַן באָגומיל ראָזען

שוין אין אָנהייב פון דער צווייטער העלפט 19 יאָרהונדערט האָט די משפחה ראָזען געשפילט אין וואַרשעווער פינאַנס־עקאָנאָמישן לעבן אַ וויכטיקע ראָל. איינער פון די ראָזענס איז געווען אַ באַנקיר און דער פרעזעס פון דער וואַרשעווער קהלה. ער איז געווען אַ פילאַנטראָפּ און אַ פייערלעכער פוילישער פּאַטריאָט. ער האָט אָנטייל גענומען אין דער דעמאָנסטראַטיווער לוויה פון די 5 קרבנות, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן אויף די וואַרשעווער גאַסן אין 1861 יאָר. זיין בילד האָט פאַראייביקט דער מאָלער אַלקעסאַנדער לעססער אין היסטאָרישן בילד, וואָס באַווייזט די לוויה, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 2 מערץ 1861. דעם ביוסט פון דעם דאָזיקן באַדייטנדיקן טוער האָט געמאַכט דער סקולפּטאָר יאַקוב טאַטאַרקאָוויטש.

די ראָזענס זענען געווען אימפּאָרטירער, באַנקירן, אייגנטימער פון גרויסע ערד־מאַסיוון. זיי זענען געווען אין קרובהשאַפט מיט די קראָנענבערגס, לעאָנס, לעססערס. אין צווייטן־דריטן דור האָבן זיך אין דער דאָזיקער משפחה אָנגעהויבן באַווייזן קינסטלערישע טאַלאַנטן. די עלטערן פון יאַן באָגומיל ראָזען האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט פינאַנס־אָפּעראַציעס און זאַמלען רייכטימער. די מוטער פון דעם קינסטלער האָט געשטאַמט פון דער משפחה לעאָ, וואָס איז אַריבערגעקומען פון פרייסישע קרולעוויעץ קיין וואַרשע אין 18 יאָרהונדערט. דער סעניאָר פון די לעאָס — לעאָפּאָלד איז געווען זייער אַ געבילדעטער מענטש — אַ מעדיקער און וויסנשאַפטלער. צום סוף פון זיין לעבן האָט ער זיך געשמדט צוזאַמען מיט זיין פרוי (פון דער היים לעוו). די עלטערע טאָכטער זייערע יוזעפאַ־אַמאַליאַ האָט חתונה געהאַט מיט שמעון ראָזען, דעם אַרטיסטס פאָטער. דאָס איז געווען זייער אַ מוזיקאַלישע פרוי און איר הויז איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע וואַרשעווער סאַלאָנען. געסט פון דעם דאָזיקן סאַלאָן זענען געווען סטאַניסלאַוו מאָניושקאָ, אַנטאָני רובינשטיין, די ברידער העניריק און יוזעף וויעניאַווסקי. ראָזענס סאַלאָן האָבן באַזוכט פיל ליטעראַטן, קינסטלער און אַקטיאָרן.

יאַן באָגומיל ראָזען איז געבוירן געוואָרן אין 1854 יאָר. אונטער דעם איינפלוס פון דער מוטער האָט ער זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט מוזיק. ער האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרבלייבן נאָר אַ פּאַסיווער פאַרערער פון מוזיק. ער זוכט אַן אויסלאָדונג פאַר זיין שעפערישער

ענערגיע און האָט אַמביציעס אויסצוצייכענען זיך אין איינע פון די פּאָר־
מען פון קונסט. ער האָט פעיקייטן צו צייכענען. שוין אין די יונגע יאָרן
שלאָגט ער זיך מיט די געדאַנקען, צי ער וועט זיין אימשטאַנד זיך צו
פאַרפולקאָמען אין אָט דער קונסט. אין יענע יאָרן האָט מאַטעיקאָ דער־
גרייכט דעם זעניט פון רום. מאַטעיקאָס בילדער אויף די וואַרשעווער אויס־
שטעלונגען האָבן דעמאָלט אַרויסגערופן אַנטציקונג. אויך אַלעקסאַנדער
לעססער — אַ ווייטער קרוב פון די ראָזענס איז שוין דעמאָלט אַ געשעצ־
טער קינסטלער. יאַן באַגומיל ראָזען איז אָבער געווען אַ מענטש זייער
אַ פּאָרזיכטיקער. ער פּרוווט פריער פאַרטיפערן זיך אין די פּראָבלעמען
פון דער פּלאַסטישער קונסט. צום אָנהייב טרויט ער אפּנים נישט שטאַרק
זיין טאַלאַנט. ער גיט פיל צייט אָפּ דעם ספּעציעלן שטודיום, פאַרבינדנ־
דיק אים גלייכצייטיק מיט אַן אַלגעמיינעם הומאַניסטישן שטודיום. צום
גליק האָט זיך צו יענער צייט אומגעקערט קיין וואַרשע העניריק רעד־
ליך — שוין דעמאָלט אַ ברייט־באַקאַנטער קופּער־שטעכער. רעדליך (וואָס
האָט געהאַט פאַר אַ פרוי די טאָכטער פון דעם דירעקטאָר פון דער וואַר־
שעווער ראַבינער־שול י. טוגענדהאָלד) איז נישט אימשטאַנד געווען מפרנס
צו זיין זיין פרוי מיט די דריי קינדער. האָט ער זיך דעריבער באַשעפ־
טיקט אויך מיט פּעדאַגאָגישער אַרבעט. ראָזען האָט זיך געלערנט ביי
דעם דאָזיקן גלענצנדיקן קינסטלער. ער האָט זיך אויך געלערנט ביי דעם
באַרימטן מאָלער־קאַריקאַטוריסט פראַנציסעק קאָסטזשעווסקי. צו 18 יאָר
באַשליסט ראָזען צו שטודירן מאָלעריי און ער פאָרט קיין מינכען אין דער
קונסט־אַקאַדעמיע. נאָך אַ געוויסער צייט פאָרט ער אַריבער קיין פּאַריז
פאָרזעצן זיין שטודיום. ער לערנט ביי דעם באַקאַנטן מאָלער זשעראָם.
אַזוי הייבט אָן זיין קינסטלערישע קאַריערע יאַן באַגומיל ראָזען.

ער באַשליסט אָפּצוגעבן זיך דער באַטאַליסטישער מאָלעריי. אין
יענער צייט האָט די דאָזיקע קונסט געהאַט גרויס דערפאָלג, דער עיקר
אין די רייכע און הערשנדיקע ספערן. ס'האָט זיך נישט געפאָדערט פון
קינסטלער־באַטאַליסט גרויסע מאָלערישע פעיקייטן. ס'איז געווען גענוג,
אויב ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פּינקטלעכקייט און פּרעציזקייט.
אַזעלכע בילדער האָבן אין יענער צייט געפאָדערט בלויז געניטקייט, באַ־
זונדערס דורך איבונג, אָדער מאָלערישער אינגווענץ. אַן אויסנאַם האָבן
מיט זיך פאָרגעשטעלט מאַטעיקאָס בילדער. די באַטאַליסטישע בילדער פון
ראָזענען זענען געווען „אויסגעצייכנט“, אויסשליסלעך מיט זייער אָביעק־
טיווקייט ביים אויפפּאַסן די טעמע, זיי זענען געווען גלאַטיק, כמעט פאָ־

טאָגראַפֿיש פּינקטלעך. גייסטיק זענען אים געווען נאָענט וואָיטשעך קאָס=
סאַק, יאַן סטיקאַ, ביליגאַ — קינסטלער, וואָס האָבן פֿאַרגעשטעלט אויפֿ=
גרויסע פֿלאַכקייטן גאַנצע שלאַכט=סצענעס. ווען מען קוקט זיך אָבער
נענטער צו צו זיי, מאַכן זיי גיכער פֿון אַלץ אַן איינדרוק פֿון טעאַטראַלע
דעקאָראַציעס. י. ב. ראָזען האָט אָן ספֿק געהאַט אַן אינערלעכע קולטור,
ס'האָט אים אָבער געפֿעלט די וויזיאָנערישע שעפֿערישע קראַפֿט, וועלכע
ס'האָט פֿאַרמאָגט נישט נאָר מאַטעייקאָ אָדער גראָטגער און הענריק ראָד=
קאָווסקי, נאָר אפֿילו סימלער, וועלכער האָט, וואָס אַז אמת, אויך אָנגע=
ווענדט ענלעכע אַקאַדעמישע מיטלען, אָבער דאָך לעבן זיינע בילדער מיט
אַן אייגענעם, אייגנאַרטיקן לעבן און צייכענען זיך אויס מיט הויכער
מאָלערישער קולטור.

ראָזענס בילדער האָבן אַ גרונט=חסרון. זיי פֿאַרמאָגן נישט קיין הינ=
טערגרונט, וואָס זאָל עמאָציאָנירן, ווי דאָס איז ביי די פֿריער דערמאָנטע
קינסטלער. זיינע בילדער זענען, וואָלט איך געזאָגט, טרוקענער, ווי לעס=
טערס. ראָזען האָט אין זיינע בילדער געוויינלעך אריינגעפֿירט זייער
אַ גרויסן פּערסאָנאַזש, ווייזנדיק אין יעדן בילד זיינעם אַ מין ספּעקטאַקל
אויפֿן פּאָן פֿון געשעענישן אין די פֿאַרגאַנגענע צייטן. אין פּוילן איז ראָ=
זען געווען, זעט אויס, דער איינציקער מאָלער, וואָס האָט געוויזן היסטאָ=
רישע געשעענישן מיט אַזאַ פּעדאַנטישער סקרופּולאַרקייט. ס'איז כדאי
אָנצווייזן, אַז אין דער עפּאָכע פֿון קעניגלעכער הערשאַפֿט, האָבן מאָלער,
וואָס האָבן געמאָלט אויף אַ „גלאַנץ“, געהאַט דעם גרעסטן דערפֿאָלג,
האָבן באַקומען הויכע טיטלען און פֿלעגן באַלוינט ווערן מיט די העכסטע
אָרדנס. זעט אויס, אַז דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן זענען ראָזענס
בילדער געפֿעלן געוואָרן, ווייל ער האָט געקויפֿט ביי אים זייער אַ גרויס
בילד א. נ. „רעוויו פֿון פּוילישן מיליטער אויף דעם זאַקסישן פּלאַץ“ אין
האָט עם אויפֿגעהאָנגען אין זיין שלאָס אין סקערניעוויץ און דעם קינסט=
לער האָט ער פֿאַרבעטן קיין פּעטערבורג און נאָמינירט אַלס פּראָפֿעסאָר
פֿון דער דאָרטיקער קונסט=אַקאַדעמיע. אחוץ דעם האָט ער באַשטעלט
ביי ראָזענען אַ ציקל בילדער וועגן סוואָראָווס היסטאָרישע מיליטערישע
אָפּעראַציעס (ווי באַוווסט, האָט סוואָראָוו אין דער צייט פֿון פּוילנס פּאַ=
נאַדערטיילונג פֿאַרנומען וואַרשע). צו די וויכטיקסטע שאַפֿונגען פֿון
י. ראָזען דאַרף מען אויך צורעכענען זיין בילד וועגן פּוילישן אויפֿשטאַנד
אין 1863 יאָר.

כדי צו קענען מאָלן היסטאָרישע בילדער, האָט ראָזען, אַזוי ווי אַלע

באַטאַליסטן געמוזט שטודירן קאָסטיומאָלאָגיע און אַלערליי מינים געווער. ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע זאַמלונג פון פאַרשידענע מינים מונדירן, קאַסקעס, שווערדן און אַנדער געווער, און ס'פלעגט טרעפן, אַז זיין גאַנצע איינקונפט פון אַ בילד, האָט ער געהאַט אויסגעגעבן אויף איינקויפן רעקוויזיטן פאַר דעם דאָזיקן בילד.

ראָזען האָט געשאַפן אַ ריי בילדער וועגן די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות: „נאַפּאָלעאָן אין סמאָרגאָן“, „דער צוריקקער פון נאַפּאָלעאָנען פון אונטער מאָסקווע“ און פיל אַנדערע. צו די מער אינטערעסאַנטע בילדער אויף דער טעמע פון פוילנס געשיכטע געהערן: „די שלאַכט אונטער סטאָטשעק“, „די קיראַסירן פון וואַרשעווער פירשטנטום“, „דער איבערזיכט פון דער פוילישער קאַוואַלעריע אין 1821 יאָר“, „גענעראַל דאָמבראָווסקי“, „מחשבות וועגן ע. זשעוווסקי“ א. א. ראָזענס קונסט האָט ביי זיין לעבן געהאַט פיל פאַרערער, דער עיקר, פאַרשטייט זיך, צווישן פאָליאַקן. ס'האָבן זיך אָבער געפונען אויך קעגנער. זיי האָבן פאָרגעוואָרפן ראָזענען, אַז די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן טראָגט ער צו אין אַ שלעכטער מאָלערישער פאָרם.

יאַן באָגומיל ראָזען האָט פיל גערייזט איבער פראַנקרייך, שפּאַניע, שווייצאַריע (די שווייץ) אָבער זייער ווייניק בילדער האָט ער געשאַפן אויפן פאָן פון יענע פייזאַזשן. אין פּאַריז האָט ראָזען אָנגעמאָלן „בילדער אויפן בולוואַר“, „דער סטודענטן=באַל“. אין איטאַליע — „די נעאַפּאָליטאַנער פישער“. ראָזען האָט אויך גערן געמאָלט בילדער אויף יאַגד=טעמעס.

צום סוף פון 19=טן יאָרהונדערט האָט ראָזענס שאַפונג אַרויסגערופן אַ שאַרפע פּאָלעמיק צווישן דעם קונסט=קריטיקער יאַן וויטקעוויטש און פיל פוילישע מאָלער, וואָס האָבן זיך אָנגענומען פאַר ראָזענען נאָך דעם, ווי וויטקעוויטש האָט אים שאַרף קריטיקירט אין דער פוילישער פרעסע. ראָזענען האָט גענומען אין שוץ אַ גרופע פוילישע קינסטלער פון מינכען אין דער שפּיץ מיט יוזעף בראַנדט, וויערוש קאָוואַלסקי און יוליאַן פאַלאַט. זיי אַלע האָבן אונטערגעשטראָכן אין ראָזענס בילדער דעם פּאַטריאָטישן עלעמענט, אין דער צייט ווען וויטקעוויטש האָט זיך געהאַלטן ביים שטאַנדפּונקט, אַז אידעישע טעמעס דאַרף מען נישט און מע טאָר נישט ווייזן מיט דער הילף פון שלעכטער מאָלעריי. דער קריטיקער מוז, לויט דער מיינונג פון וויטקעוויטשן, קודם כל נעמען אין אַכט די קינסטלערישע זייט און נישט לאָזן זיך באַווירקן פון דער טעמאַטיק. אַ שלעכט אָנגע=

מאָלט בילד מוז אויף אַ געהעריקן אופן און אינגאַנצן אָפּן קריטי־קירט ווערן.

יאַן באָגומיל ראָזען האָט אויך אָנגעשריבן זיינע זכרונות, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל צו דער קולטור־געשיכטע פון זיין צייט.

דער זון פון יאַן באָגומיל ראָזען איז אויך געווען אַ מאָלער, זיין נאָמען איז געווען יאַן העגריק ראָזען. ער איז אַנטלאָפן פון פוילן פון די היטלעריסטן און איצט וווינט ער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע. די ריכטונג פון זיין קונסט איז אָבער אַן אַנדערע, ווי ביי זיין פאָטער. ער פאַרנעמט זיך מיט מאָלעריי אויף רעליגיעזער טעמאַטיק.

# סאַול וואָהל

ס׳טרעפט זעלטן, ווען בעתן פאָרשן די טעטיקייט פון אַ קינסטלער זאָל איך אזוי געגוי זיך פאַרנעמען מיט די ענינים פון זיין פּריוואַטן לעבן. דער לייענער וועט מיר מוחל זיין אַזאַ מין דיגרעסיע. דאָ גייט אָבער וועגן אַ זעלטענער דערשיינונג. דער קינסטלער, וועלכן איך וויל דאָ פאָר־שטעלן — סאַול וואהל — איז טאַקע באַהערשט געווען פון אַ פּאַסיע, וואָס האָט אים פאַר אים פאַרשטעלט אַלץ אין דער וועלט. דער דאָזיקער מענטש האָט זיך איינגערעדט, אַז ער שטאַמט פון קעניגלעכע אבות — פון דעם לעגענדאַרן פּוילישן קעניג, וואָס האָט געהערשט 24 שעה און זיין נאָמען און פאַמיליע זענען געווען די זעלבע, וואָס דעם קינסט־לערס — שאול וואהל. ער האָט געהאַלטן, אַז מע גיט אים — דעם יורש פון קעניג — נישט אָפּ געהער כבוד.

די צווייטע לײַדנשאַפט וואהלס איז געווען — מאָלעריי. סאַול וואהל איז געבוירן געוואָרן אין לוואָוו אין 1864 יאָר. ער האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער יידישער משפחה. שוין אין דער היים האָט ער זיך אָנ־געהערט וועגן זיין קעניגלעכן אָפּשטאַם. מ׳האָט דאָ שטאַלצירט דערמיט. אָבער די טאָג־טעגלעכע דאגות־פרנסה האָבן צו שטאַרק פאַרנומען דעם מוח פון זיין פאָטער, ער זאָל דאָס ערנסט טראַקטירן.

אָבער ביי סאַול וואהל האָט די דאָזיקע לעגענדע וועגן זיין גרויס־אַרטיקער אָפּשטאַמונג זיך צעפּלאַקערט מיטן גאַנצן כוח און אים אָנגע־פילט מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ. פול מיט פאַנטאַסטישע אילוזיעס טרעט

ער אין 1880 יאָר אַריין אין דער קראָקעווער קונסט־שול, וועמענס דירעקטאָר ס'איז צו יענער צייט געווען יאַן מאַטעיקאָ. דער רום פֿון יאַן מאַטעיקאָ האָט צו יענער צייט דערגרייכט זיין אַפּאָגיי. מ'האָט אים אָנערקענט פֿאַרן קעניג פֿון די קינסטלער און געקרוינט אַלס הערשער פֿון דער פּוילישער קונסט. מאַטעיקאָ איז געווען אַ מענטש זייער אַן אימפּולסיווער, מיט אַ שטורעמדיקן כאַראַקטער, געניגט צו פֿאַרשידענע אַבערגלויבנס, דערהויפּט אין באַציונג צו יידן. און כאָטש די הויפּט־אָפּנעמער פֿון זיינע בילדער זענען געווען יידן, האָט אים צומאָל אויפֿגערעגט זייער גרויסע פּינקטלעכקייט ביים דערלייִדיקן די חשבונות מיט אים. דאָס בילד „גרונוואַלד“, ווען עס האָט זיך נאָך געפֿונען אויפֿן מאָלברעט, האָט עס ביי אים אָפּגעקויפֿט אַ געוויסער וואַרשעווער ייד ראָזענבלום פֿאַר 45 טויזנט גולדן, פֿאַר וועלכע מאַטעיקאָ האָט זיך געקענט קויפֿן דאָס גוט קזשעשאָוויצע ביי קראָקע. דער ווינער ייד ד"ר אַרנאָלד ראַפּאַפּאָרט האָט ביי מאַטעיקאָן באַשטעלט אַ בילד אויף דער טעמע, ווי אַזוי פּוילן נעמט אויף די יידן. מאַטעיקאָ האָט אַזאַ בילד געשאַפֿן. אָבער, אַפּנים, צוליב זיין נעגאַטיווער באַציונג צו יידן, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פֿון אַ ביזוויליק קליין שפּיצל, און האָט אויפֿן ערשטן פּלאַן אין דעם בילד, וואָס ווייזט, ווי אַזוי דער קעניג נעמט גנעדיק אויף די יידן, אָנגעמאָלט אַ הינטל, וואָס בילט פֿאַרעקשנט אויף די אָנגעקומענע.

אויך מאַטעיקאָס ווערק „פּאָטשעט קסיאָנזשאָנט אי קרולווו פּאָלסקיך“, וואָס איז איצט פֿאַרשפּרייט אין צענדליקער טויזנטער רעפּראָדוקציעס, איז געשאַפֿן געוואָרן אַדאַנק דעם ווינער יידישן פֿאַרלעגער פּערל, וואָס האָט ביז גאָר פּינקטלעך געצאָלט דעם קינסטלער פֿאַר יעדן בילד.

מאַטעיקאָ האָט נישט ליב געהאַט קינסטלער פֿון יידישער אָפּשטאַמונג. אָט די באַציונג איז געווען די סיבה פֿון פֿאַרשידענע פֿריקרע אינצידענטן אין דער קונסט־שול און אויך אויסער דער שול. אַזוי צום ביישפּיל, ווען דער באַרימטער קראָקעווער אַרכיטעקט סטריענסקי, וואָס האָט רעסטאַווירט דעם קאָשטשאָל מאַריאַצקי אין קראָקע, האָט צווישן אַנדערן צוגענומען צו דער אַרבעט דעם קינסטלער פֿון יידישער אָפּשטאַמונג אַנטאָני טוך, האָט מאַטעיקאָ איינגעאָרדנט אַזעלכע אַוואַנטורעס, אַז דער קינסטלער האָט געמוזט די אַרבעט וואַרפֿן. אַפֿילו אין זיין באַציונג צו מאַוריצי גאָטליב, וועמען מאַטעיקאָ האָט קאָנטיק זייער געשעצט, זענען געווען שאָטנדיקע זייטן. פֿלאָריאַן צינק — אַ פּראָפֿעסאָר

פון דער קונסט־שול, מיט וועלכער מאַטעיקאָ האָט אָנגעפירט — האָט פאַרגעוואָרפן מאַטעיקאָן, אַז מאַוריצי גאָטליב איז געווען געצוווּנגען צוליב זיין שולד ענדערן דאָס אָרט פון זיין שטודיום. זייער אַ פריקרען אָפּקלאַנג האָט געהאַט ביי דער דעמאָלטיקער קראָקעווער געזעלשאַפטלעכקייט דער אינצידענט, וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן מאַטעיקאָן און סאול וואַהל. אין זיין אינאַוגוראַציע־רעדע, בעת דעם אָנהייב פון 1880/81 לערן־יאָר האָט מאַטעיקאָ זיך געווענדט צו זיינע יידישע שילער מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„און איר שילער־העברייער, וואָס קומען אָן אין אונדזער קונסט־שול, געדענקט, אַז קונסט איז נישט עפּעס אַ האַנדלס־ און ספּעקולאַטיווע אַרבעט, נאָר אַ טעטיקייט לטובת דעם הויכן ציל פון מענטשלעכן גייסט און דער ליבע צו גאָט, פאַראייניקט מיט ליבע צום לאַנד. אויב איר ווילט אין אונדזער קונסט־אַנשטאַלט זיך נאָר אויסלערנען קונסט צוליב ספּעקולאַציעס און נייטט פילן צום לאַנד קיין דאַנקבאַרקייט און קיין שום פליכטן האָבן פאַר אים, אויב איר העברייער, וואָס לעבן אין אונדזער לאַנד זינט דורות, פילט נישט קיין נויטווענדיקייט צו טאָן דערהויבענע מעשים פאַר אונדזער לאַנד, און איר ווילט נישט זיין קיין פּאָליאַקן — טאָ טראָגט זיך אָפּ פון לאַנד, גייט פון אונדז אַהין, ווו ס'איז נישטאָ קיין שום פאָטערלאַנד און קיין העכערע מענטשלעכע טוגנט, וואָס ציט דעם שורש פון ליבע צו דער ערד".

אַלס מאָטיוו צו אָט דער אָנגרייפערישער רעדע האָט געדאַרפט דינען די נישט געהעריקע אויפפירונג פון דעם שילער סאול וואַהל — אויף וועלכן מ'האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך באַמיט אויף אַ נישט ריכטיקן אופן צו קריגן די אויסצייכענונג פאַר אַ קאָנקורס־אַרבעט.

אויף די ברייטע קרייזן פון דער קראָקעווער געזעלשאַפט, ווי אויך פון אַנדערע שטעט, האָט די דאָזיקע אָנגרייפערישע ווענדונג פון מאַטעיקאָן צו די „העברייער" געמאַכט אַ גרויסן רושם. אַזוי צום ביישפּיל, האָט אויף דער דאָזיקער באַליידיקנדיקער אַרויסטרעטונג שאַרף רעאַגירט דער באַקאַנטער קונסט־ליבהאָבער ד"ר אייבענשיץ, און דערפאַר האָט אים מאַטעיקאָ אָנגעקלאָגט אין געריכט. דעם 22 דעקאַבר (דעצעמבער) 1882 איז דאָס געריכט פאָרגעקומען, אַלס מאַטעיקאָס אַדוואָקאַט איז אַרויסגעטראָטן יוזעף מאַכנאַצקי.

אויך דער באַנקיר ראָזענבלום, דער זעלבער, וואָס האָט געקויפט מאַטעיקאָס בילד „די שלאַכט ביי גרונוואַלד" האָט אָנגעשריבן צו מאַ־

טעיקאָן אַן אָפּענעם בריוו, אויף וועלכן דער קינסטלער האָט געענטפערט אין דער צייטשריפט „ראָלאַ“. צו וואהלס ענין האָט אויך צוגעלייגט אַ האַנט דער סעקרעטאַר פון דער שול, די רעכטע האַנט פון מאַטעיקאָן — דער אַנטיסעמיט גאָרזשקאָווסקי, דער בייזער גייסט פון די קונסטשילער, אַן אינטריגאַנט, וועלכער האָט זיך נישט געוואַקלט צו אינטריגירן און מישן זיך אפילו אין דעם פאַמיליען-לעבן פון זיין באַלעבאָס (אַדאַנק זיין אונטערהעצן האָט מאַטעיקאָ אָפּגעגעבן זיין פרוי אין אַ משוגעים-הויז).

סאַול וואהל „פון קעניגלעכן אָפּשטאַם“ איז נישט געווען בכוח צו קעמפן מיט אַזאַ קעגנער ווי מאַטעיקאָ און איז דעריבער געווען גענייגט צו פאַרלאָזן די שול.

ער זעצט פאָר זיין ווייטערדיקן שטודיום אין דער מינכענער אַקאַדעמיע. אין 1887 יאָר באַקומט וואהל פון דער בערלינער אַקאַדעמיע די אַזוי גערופענע „רוימישע באַלוינונג“ פון מיכאַל בעבערס פונדאַציע. פאַר דער צייכענונג „נאַפּאָלעאָן אין טילזיט“ באַקומט ער דעם ערשטן פריז פון דער „אילוסטרירטער פרויען-צייטונג“ אין דיסעלדאָרף. סאַול וואהל גייט אַרויס אַלס זיגער אין קאָנקורס, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער שטאָט קאַססעל. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיקן קאָנקורס באַווייזן זיך וואהלס צוויי אַרבעטן: „די אַרמיי פון נאַפּאָלעאָן I פאַרנעמט די שטאָט קאַססעל“ און „נאַפּאָלעאָן דער III קומט אָן אויף דער ווילהעלמסהייהע“. דער זיגער אין דעם דאָזיקן קאָנקורס האָט באַדאַרפט באַקומען 10 טויזנט מאַרק באַלוינונג, אָבער וואהלן, ווי אַ נישט-דייטש, האָט מען די דאָזיקע סומע נישט אויסגעצאָלט. אין דער מינכענער אַקאַדעמיע באַקומט וואהל אין 1888 יאָר אַן אויסצייכענונג פאַר זיין בילד „יציאת מצרים“ און דער באַרימטער יידישער פילאַנטראָפּ משה מאָנטעפיאָרע קויפט ביים קינסטלער דאָס בילד „דער צוואַנג-שמד אין שפּאַניע“. אויף דער גרויסער קונסט-אויסשטעלונג אין לוואָוו (1894 יאָר) טרעפן מיר אויך וואהלס בילד אויף אַ היסטאָרישער טעמע. שפּעטער הערט מען עפּעס נישט וועגן דעם דאָזיקן קינסטלער. זעט אויס, אַז זיין מאַניאַקאַלישער ווילן צו באַקומען אַדעליקע טיטלען אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין הויכן אָפּשטאַם האָט גענומען די אויבערהאַנט. ער פאָרט אַרום איבער פאַרשידענע לענדער און זוכט דאָרט צו דערווייזן זיין הויכע אָפּשטאַמונג. ווו ער באַווייזט זיך נאָר — אין לאָנדאָן, פעטערבורג, וואַרשע — אומעטום שטעלט ער זיך פאָר ווי אַ קעניגלעכער יורש.

מאיר באַלאַבאַן האָט אין זיין ווערק „יידן אין פּוילן" (ווילנע, 1930, פאַר־לאַג — קלעצקין) געווידמעט וואהלן אַ קליינע אָפּהאַנדלונג. צווישן אַנ־דערע דערציילט דער היסטאָריקער, ווי אַזוי וואהל האָט אים איינמאָל געפּאַקט און דערציילט וועגן זיין הויכער אָפּשטאַמונג, דערביי זיך גע־קלאָגט אויף זיין שלימזלדיקייט און אויף דער וועלט, וואָס איז שלעכט און אומגערעכט לגבי אים.

וואהלס אַ בילד האָב איך באַגעגנט אין 1947 יאָר. דאָס איז גע־ווען אין קראָקע, אין דער צייט, ווען נאָך מיין צוריקקערן זיך פון ראַטנ־פאַרבאַנד, בין איך, לויט דער אויפגאַבע פון דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט, אַרומגעפאָרן איבער פּוילן מיטן ציל צונויפצו־זאַמלען די ניצול־געוואָרענע רעשטלעך קונסט־ווערק פון יידישע פלאַס־טיקער. דאָס דאָזיקע בילד, ווי אַלע וואהלס אַרבעטן, באַווייזט אַ היס־טאָרישע סצענע — די אַבדיקאַציע פון עפּעס אַ הערשנדיקער פערזענ־לעכקייט לטובת אַ מינדעריעריקן מיטגליד פון דער קעניגלעכער משפחה. דער קינסטלער שטרייכט דאָ אונטער דאָס רייכטום און רחבותדיקייט פון קעניגלעכן הויף, ער דיפערענצירט די פערזאָנען, וואָס מיר זעען אויפן בילד און זאַפט זיי אָן מיט עלעגישער שטימונג. די פאַקטור פון דער דאָזיקער קאָמפּאָזיציע זאָגט עדות, אַז דער איינפלוס פון דעם מאַעסטראָ מאַטעיקאָ אויף דער שאַפונג פון קינסטלער וואהל איז געווען אַ מינימאַ־לער. וואהלס בילד איז לויט זיין אויפפאַסונג מער רעאַליסטיש, איידער דאָס האָבן געטאָן מאָלער, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער מאַטעיקאָס איינפלוס. די פערזאָן, וואָס האָט מיר פאַרגעלייגט דאָס בילד — אַליין אַ קונסט־קענער און מאָלער, האָט מיך פאַרזיכערט, אַז דאָס ווערק גע־הערט צו אים שוין לאַנגע יאָרן (דאָס אויבן דערמאָנטע בילד געפינט זיך איצט אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע).

ע. סווייקאָווסקי, דער אויטאָר פון בוך „די זכרונות פון פריינד פון קונסט אין קראָקע" גיט אויף די זייטן 550/1 אַ קורצע ביאָגראַפיע פון מאָל וואהל מיט אַ בילד פון קינסטלער. אויף דעם דאָזיקן בילד זעט וואהל אויס זייער פּאַטריאַרכאַליש מיט אַ געדיכטער באָרד און אין אַ פוטערנעם פּעלץ. אין דעם ביאָגראַפישן סקיץ גיט דער אויטאָר אָן, אַז אין 1883 יאָר האָט וואהל אויסגעשטעלט אין קראָקע צוויי בילדער „די הענד־לערקע" און „דער איטאַליענער", אין 1884 יאָר — „דיאָגענעס", און אין 1887 יאָר — „גאַפּאַלעאָן אין מאָסקווע". אין לוואָוו ווידער האָט זיך באַוויזן וואהלס בילד „אוריאל אַקאָסטאַ פאַרן געריכט" אין 1894

יאָר אויף דער באַרימטער אויסשטעלונג אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון קייסער פראַנץ־יאָזעף I. סאול וואהל, האָט געקענט אויפּפּאַסן מיט סימ־פּאַטיע די טעמעס פון זיינע בילדער. מעגלעך, אַז אויך שפּעטער בעת די רייזעס, אונטערגענומענע אויף צו דערווייזן זיין קעניגלעכן אָפּשטאַם, האָט ער אויך געמאָלט. נאָר די האַזיקע בילדער, וואַרשיינלעך אויסשליס־לעך אויף היסטאָרישע טעמעס, זענען געוואָרן תיכף אויספּאַרקויפט אין די שטעט, וו ער האָט זיי געמאָלט, און אַזוי אַרום איז קיין שום דאָקו־מענטאַציע וועגן זיי נישט פּאַרבליבן. געשטאָרבן איז ער, לויט מ. באַלאַ־באַנס אָנגאַבן, נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

סאול וואהל וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטער אָביעקט צו פּאָרשן פאַר אַ יונגן קונסט־היסטאָריקער, ווייל ס'איז קיין ספק נישט, אַז אחוץ די בילדער, וואָס זענען שוין באַקאַנט, מוזן זיך אין פּאַרשידענע לענדער געפינען נאָך פיל זיינע ווערק.

# אפרים משה ליליען

היינט קאָן מען די צייכנערישע און גראַפישע אַרבעטן פון א. מ. לי־ליען געפינען בלויז אין רייכע פּריוואַטע ביבליאָטעקן, אין עפנטלעכע קונסט־זאַמלונגען, אָדער ביי די, וואָס פּאַרנעמען זיך מיט צונויפקלייבן זעלטענע עקסליבריסן.

דער שאַפונג־וועג פון א. מ. ליליען איז אַן אויסערגעוויינלעכער, ממש פּאַנטאַסטישער. פון די פריסטע יאָרן אָן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ שטאַר־קע עמפּינדלעכקייט פאַר האַרמאָניע און שיינקייט. נישט קוקנדיק אויף זיין שווערער מאַטעריעלער לאַגע, האָט זיך זיין טאַלאַנט און פעיקייט אויסצודריקן מיט דער הילף פון דער גראַפישער טעכניק ברייט אַנטוויקלט.

א. מ. ליליען האָט געשטאַמט פון דעם זעלבן שטעטל, וואָס מאַוריצי גאָטליב — פון דראָהאָביטש. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 23־טן מאַי 1874 יאָר איז הויז פון אַן אָרעמען טאָקער. ליליענס פאָטער, להיפּוך צום פאָטער פון גאָטליבן, האָט מיט גאָרנישט געקאָנט אַרויסהעלפן דעם זון. די ערשטע שטימונגען און שעפערישע אימפּולסן האָט דאָס דאָזיקע עמ־פינדלעך יינגל געשעפּט פון יידישע ספרים, איבערהויפּט פונעם תנ"ך, פון שיר־השירים, מגילות און ענלעכע שאַפונגען. די בילדער, וואָס טרעטן אַרויס אין די דאָזיקע ספרים אַזוי לעבעדיק און וואָרט, האָט דער יונגער

אפּרים געזען אין זיין דמיון אין צייכנערישע קאָנטורן. פּונקט ווי מאָריצי גאָטליב, האָט אויך ליליען שוין פון זיינע יינגסטע יאָרן אָן פּאָרגעפילט, אַז כדי צו דערגרייכן עפּעס גרויסעס, וועט ער מוזן בייקומען אומבאַזיגבאַרע שוועריקייטן. ווען ליליען איז אַוועק אין דער ברייטער וועלט שטודירן קונסט, האָט ער פאַרמאָגט בלויז 5 גילדן, וואָס די גאַנצע משפּחה זיינע האָט פאַר אים צונויפגעזאַמלט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין די קונסט־שולן פון קראָקע, ווין און מינכען בלויז אַ קורצע צייט, שטודירנדיק דאָרט אַזוי ווי „אויף איין פוס“. אין מינכען האָט ער זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געגעבן, דרוקנדיק זיינע צייכענונגען אין דער סאַטירישער צייטשריפט „פליגענדע בלעטער“. נישט קוקנדיק אויף די אַלע שוועריקייטן, איז ער צו 25 יאָר שוין געווען אַ רייפער קינסטלער און באַקאַנט געווען אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך ווי אַ גלענצנדיקער גראַפיקער. אָבער די גרעסטע פּאָפּולערקייט האָט ער זיך דערוואָרבן אין דער יידישער געזעלשאַפט.

דער שאַפונגס־וועג פון א. מ. ליליען איז אַוועק אין צוויי ריכטונגען: ער האָט געשאַפן דעליקאַטע, אויסערגעוויינלעך שיינע צייכענונגען, וואָס זענען נישט פאַרבונדן געווען מיט וועלכן ס'איז באַשטימטן אינהאַלט, און גראַפישע שאַפונגען אויף יידישע מאָטיוון. אין דער דאָזיקער צווייטער ריכטונג האָט ליליען פּרובירט דעם תנ"ך מיט זיין עקזאָטישער רייכקייט איבערטראָגן און אַרויסברענגען אין מאָדערנע בילדער. אָבער אויף דעם דאָזיקן געביט איז אין ליליענס שאַפונג, לײַדער, אַנטשטאַנען אַ משונהדיקע צעשפּליטערונג. דער קינסטלער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ ריזיק ווערק — צו אילוסטרירן דעם תנ"ך. ער האָט פּרובירט צו שאַפן אַ נייעם אופן פון סטיליזירטע צייכענונגען אויף יידישע מאָטיוון. אָבער אַרויסגעקומען איז אַ געמיש, וואָס איז געווען נישט יידיש און נישט נאָוואַטאָריש, האָט גיכער געפּאַסט פאַר דעם אַזוי גערופענעם דייטשישן „יוגנט־סטיל“.

נישט קוקנדיק דערויף, האָט דער דאָזיקער ערשטער פּרוּוו צו שאַפן אַ יידישן סטיל, געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ העלן עלעקטרישן לאָמפּ צווישן וואַקסענע ליכט. ליליענס אויפטו האָט אין דער ערשטער ריי אַרויסגערופן אַנטציקונג צווישן די אַסימילירטע מערב־אייראָפּעישע „קולטור־יידן“, ווי סטעפאַן צווייג, אַדאָלף דאָנאַט, מאַרטין בובער און אַנד., וועלכע האָבן פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי מאָנאָגראַפיעס וועגן דער שאַפונג פון דעם דאָזיקן אויפגייענדיקן שטערן. אפילו אין אַמעריקע האָט

זיך מיט 50 יאָר צוריק באַוויזן אַ בראָשור וועגן דעם „יידישן סטיל“ פון ליליענען.

אויך די אילוסטראַציעס פון ליליענען צו די לידער פון מאָריס ראָזענפעלד זענען נישט קיין געלונגענע. די צייכענונגען זאָגן ווייניקער פון די פּערזן. ליליענס יידישע פּראָלעטאַרישע טיפּן זענען באַשעפענישן אי־רעאַליזירטע אָן בלוט און פלייש, ווייט פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט. דער דאָזיקער פּעריאָד איינעם שאַפונגס־וועג פון ליליענען, ווען ער איז געווען אונטער דער ווירקונג פון זיינע פריינד טעאָדאָר הערצל און מאַרטין בובער, האָט נישט לאַנג געדויערט.

אין זיינע שפּעטערדיקע צייכענונגען ברענגט ליליען זייער געלונגען אַרויס די יידישע ליריק און די קלאַנגפולקייט פון די יידישע מאָטיוון. ער מאַכט עס אין אַ קלאַסישער פאָרם, און קערט זיך קיינמאָל מער נישט אום צו זיין „יוגנט־סטיל“. נישט געקוקט אויף דער היפּאַטראָפּיע פון זיין אַזוי גערופענער יידישער סטיליזאַציע, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַנעמישע אַקצענטן, האָט ליליען אַרויסגעבראַכט צייכענונגען ראַפינירטע אין דער פאָרם. זיינע גראַווורן זענען זייער איידל אויסגעמייסטערט. ער האָט אין דער גראַפיק זיינער אַרויסבאַקומען די גאַנצע טיפקייט און אומ־מיטלבאַרקייט פון זיינע איבערלעבונגען, ווי אויך עמאָציאָנעלקייט, אפילו דראַמאַטישקייט.

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו דעם אָנהייב פון ליליענס קינסטלע־רישער קאַריערע. ער האָט אַזוי ווי גאָטליב, שטאַרק ליב געהאַט זיין גע־בוירן־שטאָט דראָהאָביטש און פלעגט מיט פרייד זיך אומקערן אַהין נאָך זיינע אויסלענדישע וואַנדערונגען, ווען ער האָט זיך אויסגעהונגערט נאָך אַ היימיש ווינקל.

די ערשטע אַרבעט, וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט אין לאַנד — דאָס איז געווען אַ פּראָיעקט פון אַ דיפּלאָם פאַרן פאָעט קאָרנעל אויעיסקי. דעם פּראָיעקט פון דעם דיפּלאָם האָט ער געצייכנט אין יאָר 1894. אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט מען באַשטעלט ביי ליליענען אילוסטראַציעס צו קאָספּראָוויטשעס ליד „ליבע“. אינעם אָנהייב פונעם היינטיקן יאָרהונ־דערט האָט ליליען זיך באַזעצט אין בערלין, וו ער איז אַלץ מער באַ־רימט געוואָרן, הויפּטזעכלעך דורך זיינע גראַפישע אַרבעטן. אין די דיי־טשישע צייטשריפטן באַווייזן זיך אַלץ אָפטער רעפּראָדוקציעס פון זיינע אַרבעטן. ליליענס צייכענונגען זענען אין זייער קאָמפּאָזיציע איינפאַך, אָבער דערביי זייער ערנסט און אמתדיק.

זיין באַציִונג צום בילד איז אַזאַ התלהבותדיקע, ווי ביי אַ פרומען ייִדן צום געדרוקטן וואָרט אין אַ ספר. ליליען האָט ליב געהאַט צו שאַפן מעטאַפאָרישע בילדער. ער איז וואָס אַן אמת, נישט געווען קיין גרויסער נאָוואַטאָר, ער האָט אָבער געהאַט אַ וואַרעמע באַציִונג צו אַלץ, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ טיפן אינהאַלט, און די וויבריִרונגען פון זיין פאַנטאַזיע האָט ער גלענצנדיק פאַרקערפּערט אין זיינע מאָטיוון. ליליען האָט אַריינגעבראַכט אין זיין געברויך־גראַפיק אַ געוויסע ספּעציפישקייט, מיט דער הילף פון וועלכער ער האָט זיך באַמיט אונטערצושטרייכן די ראָל פונעם יחיד. ליליען האָט זיך פאַרמאָסטן אין דער גראַפיק מיט אַזעלכע מייסטער אויף דעם געביט, ווי: ה. באַלושעק, פ. וו. קלויקענס, מעלכיאָר לעכטער, פּאַול שוויריך, העלמוט עמקע אָדער היינריך ציללע — קינסטלער מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן אופן פון אויסדריקן זיך, וואָס האָבן אין זייערע ווערק אַרויסגעוויזן אַן אייגענעם פּראָפיל.

צו יענער צייט האָט ליליען אויך אילוסטרירט די פּאָעמע „יודאַ“ פון באָריס פאָן מינכהאַוזען. דער דאָזיקער יונקער, וועגן וועמען די דייטשישע ייִדן האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ „ייִדן־פריינד“, איז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַ הייסער אָנהענגער פונעם אימפּעריאַליזם און אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג אַ. נ. „סטאַנדאַרטע“ און אין 20 יאָר אַרום, ווען היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט, האָט ער זיך געשטעלט אונטער דער פאָן מיטן האַקנקרייץ...

צו דער אַנטוישונג אין זיין דייטשישן פריינד האָט ליליען שוין נישט דערלעבט. ס׳איז נישט באַוווּסט, וואָס עס איז שפּעטער געשען מיט דער פרוי און זון פון ליליענען, וועלכע האָבן געלעבט אין בראַונשוויק.

ליליען האָט געהערט צו די ערשטע קינסטלער, וואָס האָבן באַזוכט פּאַלעסטינע. ער האָט דאָרט געשאַפן אַ היפּשע צאָל שטימונגספולע גראַפישע מאָטיוון אויף ייִדישע טעמעס. די בילדער, וועלכע ער האָט דאָרט געשאַפן, זענען זייער טיפע, ווייל ער האָט געקאָנט אָבסערווירן און הויפּטזעכלעך — אָפּפילן אונטער דעם זאַמד, שטויב און רואינען די באַזונדערע, פאַרשיטע און שוין פון לאַנג באַגראָבענע וועלט. ער פאַרטיפט זיך אין איר מיט אַ סך געדולדקייט, ווי ער וואָלט זי וועלן אויפסניי אויפוועקן צום לעבן. דאָס קליינע הייפל ייִדן, וואָס ער האָט באַגעגנט אין דעם האַרבן, צערודערטן האַלב־מדבר, האָט אויף אים געמאַכט דעם איינדרוק ווי רעשטלעך פון די אַמאָליקע תושבים.

צו די וויכטיקסטע בילדער, וועלכע ער האָט דעמלט געשאַפן, געהערט „אַ שומרונישער רבֿ“. אין דער דאָזיקער גראַפיק, געצייכנט אין גרויסן פאָרמאַט ברענגט דער קינסטלער אַרויס די געשטאַלט פון אַ חשובֿן זקן אין אַ שטייענדיקער פּאָזיציע, וועלכער קוקט אַריין אין אַ ספר. ער שטייט נעבן אַ פּרימיטיוון אַלטן שטענדער, אויף וועלכן עס ליגט אַ האַלב־אויפגעוויקלטע שומרונישע תורה באַפּוצט מיט רמונים, אונטער דער תורה הענגט אַראָפּ אַ שווערער פּרוכת מיט אַ „שפּיגל“ באַפּוצט מיט אויפשריפטן.

אויסער דער געשטאַלט פון דעם זקן, וואָס איז געקליידעט אין אַ מזרח־טראַכט, און די רעליגיעזע חפצים, איז מער אויפן בילד גאָרנישט דאָ. אין דער זעלבער קלאַסישער פאָרם ברענגט ליליען אַרויס אַ תימנישן בחור מיט פאות און אין אַ קאָלירטן כאַלאַט. טראָץ זיין באַשיידנקייט שפּיגלט דער בחור אָפּ דעם גייסט פון אַ דורותדיקער קולטור.

אַלס רעזולטאַט פון זיין רייזע איבער פּאַלעסטינע זענען אַנטשטאַנען אויך אַנדערע ווערק, וואָס זענען ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון עפּעס, וואָס דער קינסטלער האָט בלויז געקאָנט אָפּפילן, אָבער וואָס איז אין אַ פּאָר צענדליק יאָר אַרום מקוים געוואָרן.

נאָכן אומקערן זיך קיין דייטשלאַנד ווידמעט זיך ליליען, ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אויסשליסלעך דער געברויך־גראַפיק, שאַפנדיק אויסער עקסליבריסן אויך פּלאַקאַטן, קינסטלערישע פּראָיעקטן אויף איינלאַדונגען און ענלעכע.

אין דעם באַרימטן ווערק פון וואַלטער פאָן צור וועסטען („בערלינער גראַפישע געלעגנהייטס־קונסט“) ווערן אויך דערמאָנט די שאַפונגען פון ליליענען אויף דעם געביט. צווישן אַנדערע ווערט דאָרט דערמאָנט, אַז ליליען האָט געשאַפן פאַרן פּרעסע־האָל פון די בערלינער זשורנאַליסטן אַן איינלאַדונגס־קאַרטע. דערביי איז דאָרט רעפּראָדוצירט אַ צייכענונג, וואָס שטעלט פאָר אַ יונג מיידל מיט אַ קויש מתנות און ניי־יאָר־ווונטשן. די דערמאָנטע אַרבעט אַנטהאַלט אויך אַן עקסליבריס פאַר ליליענען אַליין, אויף וועלכן מיר זעען צוויי אַלטערטימלעכע יידישע פיגורן. ס'איז אויך אינטערעסאַנט דער עקסליבריס, וועלכן ער האָט געצייכנט פאַרן רעדאַקטאָר אַנזעלם הארטאַג. ליליען האָט דאָ געצייכנט אַ שלאַנג, מעגלעך ווי אַ סימבאָל פון צורעדן דעם זשורנאַליסט צו שלעכטס. ליליען האָט געצייכנט עקסליבריסן פאַר הויך־געשטעלטע פּערזענלעכקייטן פון זיין צייט, ווי פּראָפ. אָטאָ וואַרבורג, מאַרטין בובער, גאָרקי און אַנדערע.

ליליען האָט אויך אין וואַרשע אָנטיילגענומען אין פאַרשידענע גראַפישע אַרבעטן. אין „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני“ פון יאָר 1904 געפינען מיר אַ גרעסערע נאָטיץ פון פאַוועל עטינגער וועגן די גראַפישע שאַפונגען פון ליליענען. ליליען האָט קיינמאָל נישט איבערגעריסן זיין קאָנטאַקט מיט פוילן. די רעפראָדוקציעס פון זיינע אַרבעטן זענען געווען אָפגעדרוקט אין דער קראָקעווער צייטשריפט „שוויאַט“, אין „זשיטשע“, וועלכע ס'האָט אַרויסגעגעבן פשיבישעווסקי, אינעם וואַרשעווער „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני“. א. ליליענען איז זייער געגאַנגען אין דעם, אַז די קונסט=ליבהאָבער אין פוילן זאָלן האָבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט זיינע אַרבעטן.

זינט דאָס יאָר 1913 האָט ליליען זיך באַמיט איינצואָרדענען אַז אויסשטעלונג פון זיינע אַרבעטן אין לעמבערג, וווּ ער האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל אָנהענגער פון זיין קונסט. אינעם בריוו צום לעמבערגער זאַמלער פון קונסט=בילדער מ. גאָלדשטיין שרייבט ליליען: „איך קלייב מיט אַ כיוון אָפ פאַר אייך אַז אַקוואַפאָרט מיט יידישע מאָטיוון, מיינע פאַלעסטינער קאָמפאָזיציעס וועלן מיט דער צייט זיין גענוג באַקאַנט, די פוילישע דאַקעגן — — —נישט איבעריק. ס'איז אייך געוויס באַקאַנט, אַז פאַר אַ יידן איז נישטאָ קיין פריי ווינקל אויף אויסשטעלונגען, נישט אין זאַמלונגען. דעריבער וויל איך, אַז לכל=הפחות ביי אייך זאָלן געפינען אַז אָרט מיינע אַרבעטן, וועלכע זאָגן עדות וועגן מיין פאַרבינדונג מיט דעם לאַנד, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן און האָב פאַרבראַכט מיינע יונגע יאָרן“.

אויף דער 90=טער זייט פון דעם בוך, וועלכן ס'האָט אָנגעשריבן דער דערמאָנטער גאָלדשטיין צוזאַמען מיט דרעזדנערן, געפינט זיך דער טעקסט פון ליליענס אַ בריוו צו אים, וועלכער אַנטהאַלט ליליענס קינסטלערישן קרעדאָ: „מיין לעבן געהערט דעם יידישן פאָלק, אָבער די קונסט מיינע געהערט צו דער וועלט, דאָס לעבן האָב איך באַקומען פון מיין פאָטער אַ ייד, אָבער מיין קונסט האָט מיר געגעבן דער באַשעפער פון אַלע מענטשן“. אין אַ צווייטן בריוו שרייבט ליליען: „איך שטרעב ווידער אָנצוקניפן אַ פאַרבינדונג מיט מיין פאָטערלאַנד (מיט פוילן) און מיין דאַנקבאַרקייט וועט געפינען אַן אויסדרוק אין די מאָטיוון און אידעען פון מיינע נאָענטסטע אַרבעטן“.

ס'איז מאָדנע, וואָס אַ קינסטלער, וועלכער האָט געהאַט אָנערקענונג אין די ברייטסטע קינסטלערישע קרייזן פון גרויסע וועלט=מעטראָפאָליעס, האָט געבענקט נאָך אָנערקענונג אין... דראָהאָביטש. ער שרייבט צ. ב. צווישן אַנד.: „אַלס אַ קינסטלער וויל איך געווינען די ליבע פון מיין גע=

בוירן=שטאָט. אויב דאָס וועט מיר געלינגען, וועל איך זיך פילן גליקלעך". און ווירקלעך, די סובטעלסטע ווערק זיינע האָט ער געשאַפן אויף פוילישע מאָטיוון, איבערהויפּט אויף מאָטיוון פון זיין היים=שטאָט דראָהאָביטש. מיט אַ סך ליבע האָט ליליען געצייכנט אין איינער פון זיינע גראַפישע אַרבעטן אַ מאַרק=טאָג אין דראָהאָביטש. ער האָט אין דער דאָזיקער אַרבעט אַריינגעלייגט די גאַנצע צוגעבונדנקייט צו זיין געבוירן=שטאָט. ער האָט דאָרט פאַראייביקט אי די הייזער, וועלכע ער האָט געקענט פון זיינע יוגנט=יאָרן, אי דעם מאַרק, וועלכן ער האָט אָנגעפילט מיט מענטשלעכע פיגורן, וואָס זענען אים באַקאַנט געווען. מיט אַ סך קענטעניש האָט ער אַרויסגעבראַכט די פאָלקס=קליידער, דעם ספּעציפישן מאַרק=טאַראַראַם און ענלעכע מאָמענטן.

צו די געלונגענע מסתמא עקסליבריסן, וואָס ליליען האָט געשאַפן, געהערט דער, וועלכן ער האָט געצייכנט פאַר הענריק באַרדן פון לעמבערג. ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ זייער סובטעל אויסגעפירטן אינערלעכן טייל פון אַ שול, וואַרשיינלעך פון דער באַרימטער „גאָלדענער רויז". ער האָט אין דער דאָזיקער צייכענונג פאַראייביקט מיט די קלענסטע דעטאַלן די גאַנצע רייכקייט און אייגנאַרטיקייט פון דער אַלטערטימלעכער שול, דערגרייכנדיק אין דער דאָזיקער אַרבעט צו דער מדרגה פון אַן אמתדיק קונסט=ווערק.

אפרים משה ליליען איז געשטאָרבן דעם 11=טן יולי 1925 אין בראַונשוויק, פון וואַנען עס האָט געשטאַמט זיין ווייב העלענע פון דער היים מאַגנוס, אַ ייִדישע פרוי פון דייטשלאַנד, וועלכע איז אויך געווען אַ מאָלערין. איר גורל בעת די יאָרן פון היטלערס ממשלה איז מיר נישט באַקאַנט.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 50=טן געבוירנטאָג פון א. מ. ליליען האָט מען אין וואַרשע איינגעאָרדנט אַ קאָלעקטיווע אויסשטעלונג פון זיינע אַרבעטן. די פוילישע, ווי אויך די ייִדישע פרעסע האָט הויך אָפּגעשאַצט די שאַפונג פון דעם דאָזיקן קינסטלער. אין אויגוסט 1925 האָט דער ייִדישער דיכטער און גלענצנדיקער גראַפיקער בער האָראָוויץ אָפּגעדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער" אַ נעקראָלאָג וועגן לעבן און שאַפן פון ליליענען.

ווי אירראַציאָנעל עס זאָל אָפּט נישט זיין דער שטאַנדפּונקט פון א. מ. ליליען אין זיינע אַרויסזאָגונגען וועגן דער אויפגאַבע פון קינסטלער, פונדעסטוועגן האָט ליליען קיינמאָל פון זיך נישט אָפּגעטרייסלט זיין

פּראָלעטאַרישע אָפּשאַצונג. אין ליליענס שאַפֿונגען זענען פֿאַראַן אַרבעטן, וווּ ער אַפּאָטעאָזירט רעוואָלוציאָנערע קאַמפֿן קעגן אונטערדריקונג, באַזונדערס די פּויערים־אויפֿשטאַנדן און דעם פּויערים־קריג. גאָר געלונגענע צייכענונגען האָט ליליען געשאַפֿן פֿון מאַרק־לעבן פֿון זיין היימשטאָט דראָהאָביטש. די פּויערים פֿון די אַרומיקע דערפֿער זענען געווען געשיקטע האַנטווערקער. זיי פֿלעגן ברענגען אויף דעם יאַריד געשניצטע טעלער און לעפֿל, מיניאַטור־פּעסלעך, קאַפּטורן פֿון לאָמפּן, וווּנדערלעך, פֿאָלקסטימלעך אָרנאַמענטירט און אַנדערע. דאָס אַלץ האָט ליליען מיט גרויס ליבע און סענטימענט אויפֿגעכאַפּט. די דאָזיקע גראַפֿישע בליץ־שטימונגען פֿון ליליען זענען אַזוי סימפּאַטיש, ווייל זיי דרינגען אַרויס פֿון שטאַרקע יין ריינע איבערלעבונגען. די פּוילישע קולטור איז ליליענען, פּונקט ווי זיין בן־עיר מאַוריצי גאָטליב, געווען גאָר נאָענט. אין דער פֿרעמד האָט ער נאָך איר שטאַרק געבענקט און מיט גערירטקייט אויפֿגענומען אפֿילו די קלענסטע ידיעה וואָס איז פֿון דער היים צו אים דערגאַנגען. לעבנדיק שוין אין דייטשלאַנד, האָט ליליען מיטגעאַרבעט אין דעם זשורנאַל „זשיטשע“, אַרויסגעגעבן פֿון סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי. ער האָט געהאַלטן פֿאַר אַ גרויס גליק, ווען אַ וואַרשעווער גאַלעריע האָט אים געמאַכט אַן אויסשטעלונג. ווען אין פֿרילינג 1914 יאָר איז פֿאָרגעקומען זיינע אַ גרויסע אויסשטעלונג אין לעמבערג און ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אימפּאָזאַנטער קאַטאַלאָג, איז זיין גליק געווען אומבאַשרייבלעך. די אָנערקענונג אין דער היים האָט ער געשעצט העכער ווי אומעטום אין דער וועלט.

א. מ. ליליען איז טאַקע געווען אַ זעלטענער ייִדישער ראָמאַנטיקער. אין זיין געמיט האָבן זיך צעבליט פֿאַנטאַסטישע בענקשאַפֿטן און אָפֿט איז עס אים געלונגען מיט דער קאַלטער נאָדל אויסגראַווירן אויף פּליטעס און דערנאָך אַרויסבאַקומען אַדעקוואַטע בילדער פֿון זיינע חלומות. זיין יעדער שטריך האָט אַנטהאַלטן אַסאָציאַציעס, טיף עמאָציאָנעלע און קולטיווירטע, וואָס האָבן אויסגעדריקט זיין רייכן און קאָלירפֿולן געמיט. אין ליליענס אַרבעטן פֿילט מען דעם ציטער פֿון שעפֿער, וועלכער אַנט, אַז זיין שאַפֿונגס־אימפּעט איז באַגרענעצט, אַז ער מוז זיך איילן, כּדי כאָטש אַ טייל פֿון זיינע פּלענער צו רעאַליזירן. אויך אין דער הינזיכט איז ער געווען שטאַרק ענלעך צו מאַוריצי גאָטליב.

# לעססער — אורי

יידישע מאָלער — קאַלאָריסטן האָבן זיך באַוויזן אין דער קונסט אין דער 2־טער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, ווי אַן אומגעווינלעכע דערשיינונג. נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848 יאָר, וועלכע מ'האָט אויך גערופן דער „פרילינג פון פעלקער", האָט זיך אין מערב־אייראָפּע פיל געענדערט. עס קומען אויף נייע דערפינדונגען און פאַרפּולקאָמונגען, וואָס ברענגען מיט זיך אַן אַלץ וואַקסנדיקע מעכאַניזאַציע פון דער אינדוסטריע און פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע. די דאָזיקע נייע פּראָצעסן ווירקן אין גישט קיין קליינער מאָס אויך אויף די קינסטלער און זייער שאַפונג. עס קומען אויף נייע מעטאָדן אין געביט פון קונסט, וואָס זייער הויפּטשטריך איז טעמפּאָ און וויברירונג. עס ווערט געבוירן אַ נייע ריכטונג — דער אַזוי גערופענער אימפּרעסיאָניזם. אין פאַרשידענע לענדער האָט זיך דער אימפּרעסיאָניזם אַנטפּלעקט אויף אַ פאַרשידענעם אופן. די פראַנצויזישע קאָלאָריסטישע אויפפאַסונג האָט געצויגן איר יניקה פון דער צומערסטן פאַרגעשריטענער אינטעלעקטועלער סביבה פון דעם לאַנד. פון זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך פראַנקרייך געפונען אין אַ צושטאַנד פון אַ שטענדיקן קאָכיקן קעסל. אין 1870 קומט די פּרייסישע אינוואַזיע און צוזאַמען מיט איר די מפּלה פון דעם קייסער נאַפּאָלעאָן דעם III. נאָכדעם קומט אויף די פּאַריזער קאָמונע. פּונקט אַזוי, ווי אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע, פאַרמאָגט אויך פראַנקרייך איצט די סאַמע פּראָגרעסיווסטע און די סאַמע רעוואָלוציאָנערסטע קינסטלער. אין דער צייט פון זשאַן זשאַק דאַוויד (1848—1895) און גוסטאַוו קורבע (1819—1877) האָט געלעבט און געשאַפן אַ פּלעיאַדע בירגערלעכע קינסטלער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע בונטאַרן און קריטיקער פון יענער צייט, ווי עזשעני דעלאַקרואַ (1798—1863) און האָנאָרע דאָמיע (1808—1879). קורבע איז געווען נישט נאָר אַן אָנטיילנעמער אין דער קאָמונע (צוליב וואָס ער איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן פראַנקרייך), נאָר ער האָט אויך געשאַפן אַן אַרויסרופעריש בילד „שטיינהעקער". וואָס קיין שום אויסשטעלונג האָט עס נישט געוואָלט ווייזן דעם פּובליקום. אין דער זעלבער צייט, ווען קורבע האָט געמאָלט זיין בילד וועגן אַרבעטער, קומט אויף אַ גרופּע קינסטלער — בונטאַרן, וואָס קוקן אויף דער אַרומיקער וועלט מיט אַנדערע אויגן, דורך דער פּריזמע פון אימפּרעסיעס. צו דער דאָזיקער גרופּע ווערן צוגערעכנט:

מאַנע, מאָנע און דער פראַנצויזישער ייִד קאַמיל פּיסאַראָ. די מיטצייטלער זענען אָבער נישט געווען גענוג רייף, כדי צו קאָנען פאַרשטיין די שאַפונג פון די דאָזיקע קינסטלער. מען האָט זיי אויסגעלאַכט, און זייער שאַפונג האָט מען געהאַלטן ווי אַ דערנידעריקונג פון דעם, וואָס מ'האָט ביז דעמלט גערופן „שיינקייט“. פּיסאַראָ האָט אין זיינע בילדער געוויזן הויפּטזעכלעך דעם גערויש פון די גאַסן און בולוואַרן אין אַ פאַרכישופטן פאַרבן-שפּיל. און כאָטש ער האָט זייער שטאַרק אונטערגעשטראָכן דאָס פּראָבלעם פון שאָטן און ליכט, פילט מען דאָך, אַז אין דעם דאָזיקן קינסטלער האָט געשטעקט פיל מער, ווי ער האָט עס אַנטפּלעקט אין זיינע אַרבעטן. צווישן די גרויסע פראַנצויזישע אימפּרעסיאָניסטן צייכענען זיך פּיסאַראָס בילדער אויס מיט זייער קאָנסטרוקטיווקייט און פאַרנונפטיקער פאַרבן-האַרמאָניע.

אַנדערש שפּיגלט זיך אָפּ די דאָזיקע עפּאָכע אין די בילדער פון האָלענדישן ייִד — יוסף איזראַעלס. ער שטאַמט פון אַ מיטל-פאַרמעגלעכער היים, אַ געוויסע צייט איז ער אפילו געווען אַ סוחר. אַלס מאָלער האָט ער גלענצנדיק געוויזן אַמסטערדאַמער ייִדן, הענדלער פון אַ ביידל, הענדלער מיט אַלטוואַרג, דאָס שווערע לעבן פון די האָלענדישע פישער און אַנדערע שטייגער-סצענעס. דער אימפּרעסיאָניסטישער קאָלאָריט פון זיין פּאַלעטע האָט אין זיך אַן אומעטיקן אונטערטאָן, וואָס די טעמאַטיק גופא בינדט אים אָן.

אַנדערש דריקט זיך ווידער אויס דער אימפּרעסיאָניזם ביי מאַקס ליבערמאַן, דעם פאָרגייער פון דער דאָזיקער ריכטונג אין דייטשלאַנד. קעגן דעם דאָזיקן קינסטלער איז געווען געווענדט דער האַס פון דער באַגרענעצטער און פאַרבלענדטער בורזשואַזיע, און דער עיקר, פון דעם יונקערטום.

דער דייטשישער אימפּרעסיאָניזם איז אַרויסגעדרונגען נישט נאָר אויסשליסלעך פון עמפּינדלעכקייט צו דער נאַטור-שיינקייט, נאָר ער איז גיכער געווען אַ סטיליזירטער, אויסגעמוחטער אויסדרוק פון דערשיינונגען און איינדרוקן.

אַן אינטערעסאַנטער מאָלער-קאָלאָריסט איז געווען דער רוסישער ייִד — איזאַק לעוויטאַן. דער אינהאַלט פון זיינע פּייזאַזשן איז גיכער פון אַלץ דער פּסיכישער קלימאַט און די פּאָעטישקייט, וואָס באַהויכט דעם באַוויזענעם אָפּשניט פון דער נאַטור. עס באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַזוי ווי דער קינסטלער וואָלט פאַרבונדן די נאַטור-סימבאָליק מיטן גורל

פון מענטש. לעוויטאַן איז דער עיקר עלעגיש. די נאַטור, אַזוי ווי דער מענטש, לעבט איבער אין זיינע ווערק דראַמעס און טראַגעדיעס. אין לעוויטאַנס פייזאַזשן פילט זיך עפּעס אַ פיינלעכע איינזאַמקייט.

נאָענט צו לעוויטאַנען איז לעסער אורי, אַ מאָלער וואָס שטאַמט פון הינטער פויזן. דאָס איז אַ פענאָמען פון אַן אַנדערן מין שעפערישן סינטעז ווי מיר טרעפן דאָס ביי לעוויטאַנען און ביי די אימפּרעסיאָניסטן פון מערב — איינגעשלאָסן אויך מאַקס ליבערמאַן.

לעסער אורי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1863 אין אַן אָרעמער יידישער משפּחה. זיין פאָטער איז יונג געשטאָרבן און די מוטער איז אריבערגעפאָרן מיט איר 10־יאָריקן זון קיין בערלין. די מוטער האָט געאַרבעט שווער און דער יונגער לעסער איז געווען געצוווּנגען צו פאַרדינען אויף חיונה. לעסערס גורל איז ענלעך צו טויזנטער אַזעלכע ווי ער יידישע אינטעליגענטן פון יענער צייט. די דייטשן האָבן ווייניק געזאָרגט וועגן די געביטן, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו פּוילן. די אינדוסטריע האָט זיך דאָרט נישט אַנטוויקלט און די יידן און פּאָליאַקן האָט זיך שלעכט געלעבט. די ערדבאַזיצער און די אייגנטימער פון גרעסערע פּויערישע ווירטשאַפטן זענען געווען אויסשליסלעך דייטשן. אַ דייטש, וועלכן מ'האָט געשיקט אין די דאָזיקע ערטער אַלס באַאַמטן, האָט דאָס אויסגעטייטשט ווי אַ פאַרשיקונג. אַזוי ווי אַ סך אָרטיקע יידן, איז לעסער געווען געצוווּנגען אויסצוּוואַנדערן אויף מערב, כדי צו געפינען פאַר זיך עפּעס אַן אָנהאַלט. וו ער האָט זיך געפונען, האָט ער געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט צוליב זיין „אַנדערשקייט“. ער האָט פאַרמאָגט אַזעלכע שטריכן, וועלכע די דייטשן האָבן כאַראַקטעריזירט מיטן נאָמען „אָסט־יודע“. אין בערלין האָט אים זיך נישט איינגעגעבן אַריינצוטרעטן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. די פּראָפעסאָרן פון דער דאָזיקער אַקאַדעמיע זענען געווען באַאַמטע אין סטיל פון די פּרייסישע לאַנדסקנעכט. וואַנדערט טאַקע לעסער פון בערלין ווייטער אויף מערב. אַ געוויסע צייט וווינט ער אין קאַססעל, וו ער באַקענט זיך אין דער דאָרטיקער קונסט־גאַלעריע מיט רעמבראַנדטס פּרעכטיקע ווערק אויף יידישע מאָטיוון. דער עיקר האָט אים דערשיטערט דאָס בילד אויף דער טעמע „יעקב בענטשט מנשהן און אפרימען“. אין דעם בילד ווייזט רעמבראַנדט, ווי יוסף האַלט אונטער דעם ליגנדיקן אויף זיין געלעגער אַלטן יעקב, וועלכער בענטשט זיינע זין — דעם צווילינג. דאָס דאָזיקע פּרעכטיקע ווערק האָט באַגייסטערט לעסערן צו שאַפן אַ גרויסע קאָמפּאָזיציע א. נ.

„בנימין". דאָך האָט מען לעססערן נישט צוגענומען אויך אין דער קאַס־סעלער קונסט־אַקאַדעמיע. ער פאָרט דעריבער פון דאָרט קיין דיסעלדאָרף.

מיט עטלעכע זיינע צייכענונגען און סקיצן קומט ער צום באַרימטן אין יענער צייט פייזאַזשיסט אַנדרעאַס אַכענבאַך (1815—1910), נאָר אַכענבאַך נעמט נישט אויף דעם קינסטלער. מער האָט אים אָפּגעגליקט ביי ב. וואַלטיר (1819—1898), דעם שווייצאַרישן מאָלער פון פויערישן שטייגער־לעבן, וועלכער האָט געלעבט אין דיסעלדאָרף. ער באַקענט לעס־סערן מיט הערמאַן ווילי צענגס (1825—1899), אַ קינסטלער, וואָס האָט גראָד דעמלט באַפּוצט מיט געמאָלטע פרעסקן דעם קייסערלעכן פּאַלאַץ אין גאָסלאַר. ווילי צענגס האָט צוגענומען לעססערן און האָט ביי אים תיכף באַשטעלט אַ צייכענונג אויף דער טעמע פון זיין גאָרטן. אַדאַנק דער אונטערשטיצונג פון דעם דאָזיקן מאָלער ווערט לעססער צוגענומען אין דער דיסעלדאָרפער קונסט־אַקאַדעמיע. נאָך עטלעכע חדשים שטודירן אין דער אַקאַדעמיע ווערט לעססער אויסגעניכטערט. ער שטעלט פעסט, אַז דאָס, וואָס מען שאַפט אין דער אַקאַדעמיע האָט קיין שום געמיינזאַמס נישט מיט זיינע שעפערישע וויזיעס.

פון דער דאָזיקער צייט הייבט זיך אָן די קרובהשאַפט פון זיין קונסט מיטן עקספרעסיאָניזם. ער וואַנדערט אויס קיין בעלגיע. דאָ פאַראינטערע־סירט זיך מיט אים דער בעלגישער מאָלער פאָרטעלס, וואָס העלפט אים אָנקומען שטודירן אין דער דאָרטיקער אַקאַדעמיע און העלפט אים אויך מאַטעריעל. אין בריסל פאַרמעסט זיך לעססער אויף גרויסע קאָמפּאָזיציעס, ווי „ירושלים", „ישעיהו" און אויף אַ טריפטיק „מענטש". די דאָזיקע אַרבעטן זענען טעמאַטיש גענומען שטודיומס אויף ביבלישע און פילאָזאָ־פישע טעמעס. מ'וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז לעססערס דעמלטיקע אַרבעטן זענען געווען מאָלערישע פּאָעמעס, וועלכע האָבן וואָס אמאָל אַלץ מער אָנ־גענומען די פאָרם פון פּלאַסטישע שאַפונגען. דער בעלגישער פעריאָד האָט געשטאַרקט ביים קינסטלער דעם גלויבן אין די אייגענע כוחות. אין יע־נער צייט שליסט ער באַקאַנטשאַפט מיטן באַרימטן סקולפּטאָר קאָנ־סטאַנטי מאָניער און מיט אַנדערע באַוווסטע קינסטלער. פון בעלגיע פאָרט ער קיין פּאַריז, וועלנדיק אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די דאָרטיקע שעפער.

נאָך אַ געוויסער צייט באַשליסט ער זיך אומצוקערן קיין בערלין. צו יענער צייט האָט ער שוין הינטער זיך אַ ריי גרעסערע קאָמפּאָזיציעס מיט „בנימינען" אין דער שפּיץ. דער קינסטלער קאָן זיך אָבער דערוויל נישט

דערלויבן אויף אַ זעלבשטענדיקע אַטעליע און ער פּרוווט נאָכאַמאָל אָנקומען אין דער בערלינער קונסט־אַקאַדעמיע. איר דירעקטאָר איז דעמלט געווען אַנטאָן פאָן ווערנער, אַ מאָלער־פאָטאָגראַף, וועלכער האָט געמאָלט דייטשישע זעלנער אין גלאַנץ־פּאַראַד און אין אַנדערע אומשטענדן. דער קייסער ווילהעלם האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מייסטער. ווען אורי לעססער האָט פאָרגעשטעלט ווערנערן זיינע אַרבעטן, וואָס האָבן אים טעמאַטיש נישט אַנטשפּראָכן, האָט ווערנער געזאָגט: „דער קאָליר אינטערעסירט מיך אינגאַנצן נישט". לעססער וואַנדערט ווידער אין משך פון עטלעכע יאָר. לעססער געהערט צו יענעם־טיפּ טרוימער, וועלכע די וועלט האַלט אָפטמאָל פאַר משוגעים. ער זעט די געשעענישן אַרום זיך און די גאַנצע וועלט אין אַן אַנדער ליכט, אפילו ווי די שפּעטערדיקע אימפּרעסיאָניסטן. זיין וועלט איז קאָמפּליצירט, פאַרפּלאָנטערט און דעמאָניש. לעססער אורי געהערט צו די קינסטלער, וואָס דערזעען די שאָטנס אויף דעם גליק, ער פילט אינטואיטיוו וואָס פאַר וועמען באַדייט גליק. געוויסע זיינע בילדער ווייזן טאַקע, אַז ער נעמט אויף די טעמע אַנדערש, ווי דאָס קומט געוויינלעך פאָר. אין דער ראָמאַנטישקייט פון זיינע בילדער באַמערקט זיך עפּעס אַן אומגעוויינלעכקייט, עפּעס אַזוינס, וואָס נויגט זיך אָפּ פון דעם אַלגעמיין־אָנגענומענעם אידעאַל פון שיינקייט. ער פאַרמאָגט די פעיקייט פון אַרויסזאָגן דאָס, וואָס עס איז פאַרהוילט אין דער נשמה פון צושויער.

לעססערס בילדער בינדן זיך מיט די טאָג־טעגלעכע געשעענישן, דערביי איז יעדעס ווערק זיינס אַן אייגנאַרטיקע פּאָעמע, וואָס רעגט אונדז אָן צו זען ווייטע פּערספּעקטיוון. אַזוי, צום ביישפּיל, מאָלט ער בערלין ביינאַכט. זיין אופן פון איבערגעבן די דאָזיקע איבערלעבונג איז גאָר אַן אַנדערער ווי ביי די אימפּרעסיאָניסטן. דאָס דעצידירנדיקע ביי אים איז נישט די פאַרבן־בראַוווּר, נאָר די גאַנציקייט פון דער סטרוקטור פון דעם ווערק. די העלע שיין פון דעם נאַכט־ליכט אויפן נאַסן אַספאַלט איז ביז גאָר רייך אין עפעקטן און שאַפט אַ רייכע מעלאָדיע פון טענער. אָבער לעססער האָט געמאָלט נישט נאָר ליכטיקע בולוואַרן, אָדער בולוואַרן בעת אַ רעגן. ער האָט געשאַפן אַ גרויסע צאָל אַרבעטן אויף דער טעמע פון לעבן אין די קאַפעען מיט זייערע נאַכט־באַזוכער: פרויען פון דער אונטער־וועלט, איינזאַמע מענער, וואָס זיצן אָפּגעזונדערט יעדער ביי אַ באַזונדער טיש. איייניקע זענען פאַרטיפט אין לייענען אַ צייטונג, אַנדערע וואַלטן, קענטיק, גערן געשלאָסן באַקאַנטשאַפט. אין די דאָזיקע

קאַפּע־טעמעס אַקצענטירט לעססער פיל מאָל גראָטעסקאַרטיקע טראַגישע סיטואַציעס, אין וועלכע עס פאַלט אָפטמאָל אַריין אַן איינזאַמער איינוויינער פון דער גרויסער שטאָט. זענען טאַקע די דאָזיקע בילדער זיינע אַ מין דאָקומענטאַציע וועגן דער געשיכטע פון שטייגער־לעבן אין דער בלישטשענדיקער מיט ביליקן גלאַנץ עפּאָכע פון ווילהעלם דעם II. קוקנדיק אויף אַזאַ מין בילד, פילט מען, אַז זיין שעפער איז אויך איינער פון יענע איינזאַמע, וואָס ווייסן נישט, וואָס צו טאָן מיט זיך.

לעססער האָט געמאָלט אויך אַנדערע סצענעס, ווו עס קלייבן זיך צונויף אַ סך מענטשן, צ. ב. מענטשן אויף די וואָקזאַלן, אין דער פּאָרשטאָט. און שטענדיק שטייט דאָרט אין אַ זייט עפּעס אַ פּערזאָן אין אומזיכערקייט, וואָס ווייסט נישט, וווהין זיך צו ווענדן. אַזוי ווי גאָגען, איז אויך לעססער דערגאַנגען צו אַזאַ ברעג, ווו עס הייבט זיך אָן די פאַרצווייפלונג. און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די פאַרב פון זיין פּאַלעטע איז דינאַמיש און שטאַרק אין אויסדרוק — וויל דאָך דער קינסטלער מיט איר הילף אויסדריקן נישט נאָר די ריינע פאַרבן־עסטעטיק.

הגם לעססערס בילדער זענען זייער עקספּרעסיווע, האָבן זיי אָבער קיין שום געמיינזאַמס נישט מיט דעם געקינצלטן און פּרימיטיוון דייטשישן עקספּרעסיאָניזם. לעססער שטייט אַזוי ווי אין אַ זייט פון דעם דעמלטיקן לעבן אין דייטשלאַנד. ער בלייבט שטענדיק ווי אַ מין פרעמדער אומגעבעטענער אורח — אַ ייד פון מזרח, וועמענס שעפערישער אידעאַל איז גאָר אַן אַנדערער, ווי דעם דייטשישן קינסטלערס. אין איינעם פון זיינע שעפערישע עטאַפּן אינטערעסירט ער זיך מיט יידישער טעמאַטיק. ער האָט זי געזוכט, אַזוי ווי מאַוריצי גאָטליב, אין די אַלט־יידישע מוסטערן. לעססער האָט געקאָנט טאַרמאָזירן זיינע ליידנשאַפטן. ער איז געווען דער היפּוך פון מאַקס ליבערמאַנען — אַ זון פון אַ רייכן פאַבריקאַנט, וועלכער האָט זיך זייער לייכט אַסימילירט מיט די דייטשן, כאָטש ער האָט שטענדיק אונטערגעשטראָכן זיין יידישע אָפּשטאַמונג. ליבערמאַן האָט געהאָלפן לעססערן אַזוי לאַנג, ווי ער האָט אין אים געזען אַ טאַלאַנטירטן, אָבער אין לעבן אומבאַהאָלפענעם קינסטלער. אָבער ווען לעססער איז אַרויסגעשוואומען אויף דער אַלגעמיינער שעפערישער אַרענע, האָט ער אים אָנגעהויבן צו טראַקטירן ווי אַ „חוצפּהדיקן“ מזרח־ייד.

ליבערמאַן איז געווען שאַרף, עלעגאַנט, וויציק. לעססער איז דאַקעגן געווען אַ נישט־הייסטער, נישט באַרעדעוודיקער, און איז זיך שווער

צונויפגעגאַנגען מיט מענטשן. ביידע האָבן געהאַט דעם איינגעשפּאַרטן ווילן צו שאַפן עפּעס זייער וויכטיקס, אָבער יעדער פון זיי איז געשטאַנען אויף אַ קעגנזעצלעכן פּאָליוס: ליבערמאַנס לעבנס-וועג איז געווען אויסגעבעט מיט גליק. דאַקעגן לעסערס וועג — איז געווען שלימזלדיק. ליבערמאַנען האָט מען אין דייטשלאַנד דערהויבן צו דער ראַנגע פון אַ קאַפּיטאַן-נאַוואַטאָר, כאָטש די ריכטונג, וואָס ער האָט רעפּרעזענטירט האָט שוין לאַנג געהאַט איר אויסגעטראָטענעם וועג און איז באַנוצט געוואָרן מיט אַן איידעלער ראַפינירטקייט דורך די פראַנצויזישע קינסטלער. לעסער איז געווען אינגאַנצן איינזאַם; דער גורל האָט אים שטענדיק אָפּגעטאָן עפּעס אַ שפּיצל. אין זיינע יונגע יאָרן האָט, צום ביישפּיל, ליבערמאַנס בילד „קריסטוס — אַ ייִנגל אין מקום-קדוש“ אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל. אַלס מאָדעל צו דעם בילד האָט ער גענומען אַ 12-יאָריק איטאַליעניש ייִנגל. פון דעמלט אָן האָט ער אויפגעהערט צו מאָלן בילדער אויף אַזאַ מין דראַסטישער טעמאַטיק. דאַקעגן זענען לעסערס מאָטיוון אויף ייִדישע טעמעס געווען אינגאַנצן נאַטירלעכע. זיין „ירמיהו“ איז דערשיטערנדיק. ער מאָלט אים אויפן פאָן פון דער מעכטיקייט פון אויסגעשטערנטע הימלישע געוועלבן, וואָס גרייכן אַזש צו די ראַנדן פון דער ערד. אויף דער דאָזיקער ערד, וואָס איז שוואַרץ ווי קויל, ליגט די צונויפגעקאָרטשעטע געשטאַלט פון ירמיהו מיט אַ מעכטיקן קאָפּ און אַ באָרד ווי אַ וואַלד. ער קוקט צום הימל. דער בליק פון נביא איז גלייכצייטיק דערשטוינט און צאָרנדיק. אין דער דאָזיקער געשטאַלט האָט אורי אַריינגעהויכט אַן אומגעהויער גרויסע לעבנס-קראַפט און גלייכצייטיק אַזוי פיל צער, אַז עס וואַרפט אָן אַ שרעקלעכן פחד אויפן צושויער.

לעסער האָט זיך פאַרמאָסטן צו באַשאַפן אַ ירמיהו אין גייסט פון מיקעל אַנדזשעלאָס וואַטיקאַנישע פרעסקן אויף דער זעלבער טעמע. לעסערס ירמיהו איז אָריגינעל און דערביי ביזן גרונט ייִדיש. די צווייטע ביבלישע געשטאַלט, וואָס לעסער האָט געשאַפן, איז משה. אויך ער איז מאָנומענטאַל, געוויזן ווי אַ פּאַטריאַרך מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, נאָר שוין מיט אויסגעלאָשענע אויגן און אַביסל אַ מידער. דאָס דאָזיקע בילד געהערט שוין גיכער צו דעם אַרט שאַפונגען, וואָס שטעלן פאָר לעגענדאַרע העלדן. ווי דער לעגענדאַרער גריכישער פּיגמאַליאָן, וואָס קוקט זיך איין אין אַן איינגעליבטער אין זיין ווערק, האַלט משה אין זיינע הענט די צוויי לוחות, אויסגעקריצטע אויפן באַרג סיני, און ווייזט זיי זיין פאָלק.

נאָבעל=ראָמאַנטיש איז די אויספּאַסונג פון זיין צווייטן וואַריאַנט פון משהס געשטאַלט. ער קלעטערט אַרויף אויף אַ שפּיץ פון אַ פעלדז; און קוקט זיך איין אין דער ווייטקייט, אַהין — צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד, וועמענס ערד עס איז אים נישט באַשערט געווען קיינמאָל צו באַטרעטן. אויף אַן אַנדער אופן מאָלט ער דודן. ער האַלט אים אין מאָנאַציעס פון זונען=וואַרעמקייט. זיין דוד (וואָס איז געווען גיכער ווי אַ ווייבלעך געשטאַלט) איז פאַרטיפט אין תפילות מיט די אויגן געווענדעט צום הימל אין דערוואַרטונג אויפן צוזאַמענשטויס מיטן ריזיקן גלית.

לעססערס מאָלעריי איז עלעמענטאַר, אָבער זאַכלעך. מיט דער הילף פון קאָליר דריקט ער אויס דעם פּאַטאָס און דינאַמיק פון זיינע אייגענע אינערלעכע געפילן. זיינע קאָמפּאָזיציעס אויף ביבלישע טעמעס זענען אַ מין פילאָזאָפישער אַנאַליז פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע ערגיט איבער מיט אַ סוביעקטיוון רעאַליזם. אַזוי, צום ביישפּיל, פירט ער אַריין אין דער קאָמפּאָזיציע „דאָס חרובע ירושלים“ אַ ריי געשטאַלטן, וואָס יעדע פון זיי דריקט אויס אויף איר אייגנאַרטיקן אופן צער, דערשיטערטקייט, פאַרצווייפלונג. זיי דערשיטערן סיי אַלס מענטשן, סיי אַלס פאַרקערפּערונג פון גורל, און ווירקן קאָנטעמפּלאַטיוו און סימבאָליש. אין זיין קאָמפּאָזיציע „דער מבול“ פאַרקערפּערט לעססער דעם עלעמענט פון וואַסער, אין מיטן פון וועלכן צוויי נאַקעטע מענטשלעכע געשטאַלטן באַמיען זיך מיט פאַרצווייפלטער אָנשטרענגונג אַרויפצוקריכן אויף אַ פעלדזן=אינדזל, וואָס שטעקט אַרויס פון די טיפענישן פון וואַסער. די דריטע געשטאַלט האָט מיט אַ רגע צוריק פאַרלוירן דעם אָנשפּאַר און טרינקט זיך.

קורץ גערעדט, אורי לעססער גיט בילדער, וואָס שטעלן פאָר גורלות און טראַגעדיעס, ווי אויך די אָנמעכטיקייט פון מענטש אין זיין איינגעשפּאַרטן קאַמף. אפילו זיין גרויסער ירמיהו באַגרענעצט זיך אין זיין טיפסטן צער איבערן גורל פון זיין פאָלק מיט אַ מאָנאָלאָג און ווי אויף צו=להכעיס איז דער הימל, אין וועלכן זיין שאַרפער בליק איז געווענדעט — רואיק און העל, לייכט אַן אַ פּיצל וואָלקנדל.

אורי לעססער האָט אויך געשאַפן אַ ריי פּאָרטרעטן. יעדער אינדיוויד, וועלכן ער שטעלט פאָר, לעבט אין זיין אייגענער ספערע, אויפגעטרייסלט פון אייגענע עמאָציעס. זיינע טיפן זענען אייגנאַרטיקע, אינדיווידואַליזירטע, זיי וואַקסן אַרויס פון אַ ספּעציפישער פלאַכקייט און זענען קלאָר אויסגעטיילט דורך זייערע פסיכישע שטריכן. וווּנדערלעך

איז דער פּאָרטרעט פון פּאָול שלענטער (1916—1954)—דעם דירעקטאָר פון בורג-טעאַטער און ליטעראַטור-קריטיקער. ער באַווייזט אים אין אַ מאָמענט, ווען ער לעבט איבער געוויסע אַרטיסטישע וויזיעס. לעססער מאָלט אויך אַ צווייטן דירעקטאָר פון טעאַטער און קריטיקער — אָטאָ בראַהם (1856—1912), וועלכער זיצט אין זיין לאָזשע בעת אַ פּראָבע און געפינט זיך אין אַ גרויסער פּסיכישער אָנשטרענגונג. ער האָט אויך געמאָלט בראָניסלאַוו הובערמאַן — דעם געניאַלן ווירטואָז און פידלער. אין די אַלע פּאָרטרעטן פילט מען די געניאַלע אינטואיציע פון יידיש-פּוילישן קינסטלער, וואָס געפינט זיך צווישן פרעמדע. פון איין זייט ווייזט ער די וועלט רעאַל, אָן שום באַפּוצונגען, פון דער אַנדערער זייט, הויכט ער אין זיי אַריין פיל לירישן טרויער (אפשר אפילו קעגן זיין אייגענעם ווילן). אויך זיינע פּייזאַזשן זענען רעאַל, נישט אונטערגעשטראָכן מיט קיין באַזונדערע טענער, און דאָך פילט מען, אַז זיי זענען אומצעטיילבאַר מיט דעם שיקזאַל פון די מענטשן וואָס באַוווינען זיי. די דאָרפישע הייזלעך און פּייזאַזשן זענען געווייסט, ווי מיט געוויינלעכן, ביליקן, ווייסן קרייד און עס איז זיך לייכט פאַרצושטעלן, ווער עס וווינט אין זיי. די אַטמאָספער און דער הימל, וואָס הילט איין די דאָזיקע פּייזאַזשן, זענען געוויינלעך ריין, און נישט געקוקט וואָס דער מאָטיוו איז באַגרענעצט אין רוים (מחמת זיין באַשטימטן אינהאַלט), פילט מען אין אים שטענדיק דעם אָטעם פון אומענדלעכקייט. לעססערס אַלע בילדער זענען אָנגעזאַפּט מיט בענקשאַפט און שטעלן פאָר אַ פאַרשטענדלעכע זאַכלעכע שיינקייט.

אין לעססערס שאַפונג שפילט אויך אַ גרויסע ראָל די צייכענונג און גראַפיק. אויך אין די דאָזיקע אַרבעטן האָט ער געקאָנט אַריינטראָגן פיל אָנשטרענגונג און עקספּרעסיע. אין געוויסע זיינע צייכענונגען האָט ער באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצוווייזן נאָך אַ גרעסערן פאַרנעם, איידער דאָס איז מעגלעך אין מאָלעריי.

לעססער-אורי איז געשטאָרבן אין גרויסער איינזאַמקייט אין בערלין, דעם 18-טן אָקטאָבער 1937. זיינע באַקאַנטע, וועלכע האָבן אים נישט באַגעגנט זינט עטלעכע טעג, האָבן געפונען לעססערס טויטן קערפּער אין זיין אַטעליע. דער קינסטלער איז געלעגן שוין אַ פּאָר טעג איינער אַליין צווישן זיינע ווערק. זיי זענען געווען די איינציקע עדות פון זיין שטאַרבן.

# לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי

לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין פּילע — שעראַדזעווער פּאָוויאַט. זיין שאַפונג איז טיף דורכגעדרונגען מיט פאָלקסעלעמענטן. זיינע בילדער טראָגן אַ באַשרייבערישן כאַראַקטער און פאַרמאָגן שטאַרקע דראַמאַטישע אַקצענטן. אין אייניקע לאָזט זיך באַמערקן די טענדענץ צו רעליגיעזער אַפּאָלאָגעטיק.

ל. פּיליכאָווסקי האָט זיך דערצויגן אין אַ פאַרמעגלעכער משפּחה פון יידישע פּויערים. די פריסטע יוגנט פאַרברענגט דער קינסטלער אין שוים פון דער האָרפּישער נאַטור און זאַפּט איין אין זיך די שיינקייט פון דעם מאַזאָווער פּייזאַזש. לעאָפּאָלד איז געווען אַ נאָענטער קרוב פון שמואל הירשענבערג, וועלכער האָט פּיליכאָווסקין געהאָלפן אין זיינע ערשטע קינסטלערישע שריט. לעאָפּאָלד האָט אָבער געהאַט מער גליק, ווי זיין קוזין הירשענבערג. אָן שום שוועריקייטן קומט ער אָן אין דער מאָלער־שול פון וואָיטשעך גערסאָן, שפּעטער פאָרט ער אַרויס קיין מינכען, וווּ ער שטודירט ביי דעם אונגאַרישן קינסטלער שמעון האָלאָסי און אויך ביים פּראָפעסאָר סייטץ פון דער אַקאַדעמיע אין מינכען. פּיליכאָווסקי האָט אויך געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו שטודירן אין פּאַריז. אין עלטער פון 20 יאָר האָט ער דעביוטירט מיטן בילד „דער אַרבעטער“. אין לעבעדיקע קאָלירן באַווייזט דער קינסטלער אַ געשטאַלט פון אַ פאַרבעריי־אַרבעטער. דאָס דאָזיקע בילד רופט אַרויס גרויס סימפּאַטיע סיי צוליב דער לעזונג פון דער טעמע, סיי צוליב דער פאַרביקייט. אין יענעם פּעריאָד פאַרמאָגט די מאָלערישע טאָנאַציע פון פּיליכאָווסקין אַ גרויסע קראַפט, די פּאַבולע דאַקעגן איז קאַפּריז־אַרטיק, ווי געוויינלעך ביי יונגע קינסטלער, ביי וועלכע עס בייט זיך אָפט די שטימונג. אין אָנהייב פון דעם 20־טן יאָרהונדערט ווערט די ווירטואָזקייט פון פּיליכאָווסקין אַלץ מער אויסגעגלאָשן און זיין שאַפונג באַקומט אַלץ מער אינטעלעקטואַליסטישע שטריכן. די צענטראַלע פיגור פון זיינע שאַפונגען, דאָס איז די געשטאַלט פון דעם פּוילישן ייד, אומאָפּהענגיק פון דעם אָרט, וווּ דער קינסטלער מאָלט, צי אין לאָדזש, צי אין פּאַריז, צי אין לאָנדאָן. פּיליכאָווסקי אַנטפּלעקט דעם ייד אין דער גאַנצער טאָנאַציע פון זיין נויט, פון זיינע האגות. ער מאָלט מערסטנס מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַרלוירן אין דער שלעכטער וועלט און זענען אָנמעכטיק ווידער צו שטעלן זיך אויף די פיס. די דאָזיקע מענטשן האָבן פאַר־

לווירן יעדן פונק פון האָפענונג און דעריבער איז זייער טרויער אַזוי שטאַרק. לויט דער טעמאַטיק זענען די בילדער פון פיליכאָווסקין איבערצייגנדיקע דאָקומענטן וועגן צעטראָטענע און באַליידיקטע מענטשן, דאָקומענטן וועגן דער עלנטקייט, אין וועלכער זיי לעבן, ווי למשל דאָס בילד „דער וואַנדערער“, „אויפן וואָקזאַל“ או״גל. די דאָזיקע בילדער מאַכן אַ שטאַרקערן איינדרוק אויף דעם צושויער, ווי די בילדער פון הירשענבערג אויף די זעלביקע טעמעס.

אויף דעם בילד פון פיליכאָווסקין „אויפן וואָקזאַל“ (געפינט זיך אין דער גאַלעריע פון דעם קונסט־מוזיי אין לאָדזש) זעען מיר אַ מוטער מיט דריי קינדער, וועלכע זיצן אין דעם וואַרטע־זאַל פון וואָקזאַל. אויף אַ געוויינלעכער האַרטער באַנק שלאָפן צוויי קינדערלעך: אַ קליין מיידעלע און אַן עלטערער ברודערל. ביידע זענען זייער אָרעם געקליידעט. די מוטער זיצט אויף אַ פעקל, וואָס ליגט אויף דער פאָדלאָגע, זי איז געוואַלדיק מיד, דער קאָפּ איז אָנגעשפּאַרט אויף דעם אָרעם, זי איז איינגעשלאָפן ביי די פיס פון איר מיידעלע. אויף דעם אַנטקעגנאיבערדיקן עק פון דער באַנק זיצט אין אַן אומבאַקוועמער פּאָזע דאָס עלטסטע קינד. דאָס יינגל שלאָפט אָנגעשפּאַרט מיט דעם קין אויף דער האַנט. די דאָזיקע אומגליקלעכע היימלאָזע וועזנס רופן אַרויס ביים צושויער אַ געפיל פון שטאַרקן ווייטיק. מעגלעך איז, אַז זיי לאָזן זיך איצט אין דער ווייטער וועלט צו זייער מאַן און פאָטער און די שווערע לעבנס־באַדינגונגען וועלן זיך ענדערן צום בעסערן, דערווייל אָבער צוקוקנדיק זייער עלנטקייט, דריקט ווייטיקלעך דאָס האַרץ. דער קינסטלער האָט די דערמאָנטע געשטאַלטן אויפגענומען אין מאָמענט פון אויסזיכטלאָזיקייט און טיפן טרויער.

אויפן בילד „די וואַנדערער“ זעען מיר צוויי יונגע יידן, וועלכע זיצן אויף די שטיגן פון אַ הויז. ביידע זענען געוואַלדיק מיד און רוען אָפּ, זיצנדיק אָנגעשפּאַרט אויף די אָרעמס. דער קאָפּ פון איין ייד ליגט אָנגעשפּאַרט כמעט אויף די קני, דער צווייטער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויפן וואַנדער־שטעקן. די דאָזיקע גרופּע דריקט אויס טיפע ליידן פון מענטשן, וועמענס גורל איז הונגער, קעלט, נויט און געוואַלדיקע אויסשעפּונג. די בילדער פון פיליכאָווסקין זענען אַ גלענצנדיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם ביטערן גורל פון די פּוילישע יידן בעת דער הערשאַפט פונעם צאַר.

פיליכאָווסקי — דער מאָלער פון יידישן זשאַנר — האָט צו זיך נישט קיין גלייכן צווישן די מאָלער פון קיין שום פאָלק. ווען ער פלעגט מאָלן די געשטאַלטן פון יידן בעתן דאַווענען, איז ער אַליין זיכער געווען דורכגעדרונגען מיט עקסטאַז, ווייל אַזעלכע פאַנאַטישע אויגן, געווענדטע צום הימל אין געבעט האָבן געקאָנט אַרויס בלויז אונטערן פענדזל פון אַ מענטש, וועלכער איז אַליין אויפגעטרייסלט געוואָרן מיט דעם זעלבן געפיל. אין זיין בילד „שמע ישראל“ געפינען מיר אין יעדער געשטאַלט געוואַלדיקע דראַמאַטישע שפּאַנונג.

פיליכאָווסקי האָט אין משך פון אַ סך יאָרן געלעבט צווישן רעליגיעזע יידן און ער איז אויסגעצייכנט באַקאַנט געווען נישט בלויז מיט אַלע זייערע מנהגים, נאָר אויך מיט זייער פסיכישן צושטאַנד און איבערלעבונג בעתן אויספירן יעדן מנהג באַזונדער. פון די דאָזיקע שטימונגען זענען אַנטשטאַנען די בילדער פון פיליכאָווסקין אויף יידישע טעמעס.

פיליכאָווסקי איז אין זיין מאָלערישן זשאַנר געווען גיכער אַ „בעל־תפילה“ און נישט קיין „חזן“. דער קוואַל פון זיינע איינפאַלן איז געווען דער זכרון, אין וועלכן עס האָבן זיך איינגעקריצט די טראַדיציאָנעלע מנהגים פון זיין היים. בעת ער פלעגט מאָלן אַ בילד אויף דער טעמע פון זיינע דערינערונגען, פלעגט ער פאַרגעסן, אַז ער מאָלט. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער גופא לעבט דאָס איבער. פיליכאָווסקי האָט זיך געפונען אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון איזידאָר קויפמאַן, כאָטש דער קאָנטעמפּלאַציע-מאָמענט אין די בילדער פון קויפמאַנען פאַרמאָגט אַן אַנדערן אויסדרוק. די געשטאַלטן, וועלכע עס מאָלט פיליכאָווסקי, זענען באַהערשט דורך עפּעס אַן אומרו, עס לאָזט זיך באַמערקן דער שווערער קאַמף, וועלכן די דאָזיקע מענטשן פירן פאַר זייער עקזיסטענץ, אין דער צייט ווען די געשטאַלטן פון יידן אין שול ביי קויפמאַנען זענען פייערלעכע, יום-טובדיקע, רואיקע, האַלטן זיך מיט גרויס ווירדע. איזידאָר קויפמאַן ווי אויך מאַוריצי גאָטליב האָבן אין זייערע שאַפונגען אַרויסגעהויבן יידישע טיפּן מיט כמעט אַ קלאַסישן כאַראַקטער. דאַקעגן הירשענבערג און פיליכאָווסקי באַשענקען זייערע געשטאַלטן מיט אַזעלכע שטריכן, וועלכע רייסן אויף די סטאַטיק און באַווייזן זייער סאָציאַלע דינאַמיק. פאָרם און אינהאַלט פלעכטן זיך צוזאַמען און הייבן אַרויס די טיפסטע ליידן פון דעם יידישן פאָלקס־מענטש.

פּיליכאָווסקי מאָלט אויך גרויסע לייוונטן, ווי למשל „יום־כּיפּור“, וווּ ער פירט אַרויס אַ סך געשטאַלטן פון יידן אין רעליגיעזן עקסטאַז. דאָס דאָזיקע בילד פאַרמאָגט אַ גרויסע דינאַמיק און די עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג פון דער דאָזיקער שאַפונג איז שטאַרקער פון דער קינסטלערישער וויזיע. די געשטאַלטן זענען דאָ געגעבן אַזוי עכט, ווי זיי וואָלטן גענומען געוואָרן פון דעם לעבן גופא. די דאָזיקע בילדער, וועלכע שטעלן פאָר אמתדיקע שטיקער לעבן פון די אָרטאָדאָקסישע יידן מאַכן אין אַלגעמיין אַ דערדריקנדיקן איינדרוק. איינצייטיק אָבער וועקן זיי רירנדיקע געפילן, טרייסלען ממש אויף דעם צושויער.

אין דעם שפּעטערדיקן פּעריאָד געפינען מיר גרויסע ענדערונגען אין דער שאַפונג פון פּיליכאָווסקין. ער ווערט אַלץ מער אַקאַדעמיש, גאווהדיק און שטייף. ער ווידמעט זייער אַ סך צייט אויף מאָלן פּאָרטרעטן פון אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן. אַזוי, למשל, שאַפט ער דעם פּאָרטרעט פון דעם הויפּט־רב כהן, דעם פּאָרטרעט פון דעם פּויליש־ענגלישן שרייבער יוזעף קאָנראַד (קאָזשעניאָווסקי), פון דעם וויאָלאָנטשעליסט פּאַוועל קאָכאַנסקי, פון אַנאַטאָל פראַנס, מאַקס נאָרדוי, אחד־העם און אַנדערע. פּיליכאָווסקי איז אָבער אין די דאָזיקע שאַפונגען שוין נישט יענער מאָלער, וועלכער האָט אויסגעליטן זיינע געשטאַלטן, וועלכער האָט טיף אַרויסגעפילט דעם ביטערן גורל פון געיאָגטן, דערדריקטן מענטשן. פּיליכאָווסקי וווינט אין דעם דאָזיקן פּעריאָד אין פּאַריז און לאָנדאָן, דעראָבערט זיך אַ געוויסע פּאָזיציע, ווערט אפילו פאַררעכנט אַלס „קלאַסיקער“. זיין שאַפונג געווינט אָבער נישט דערמיט. ער איז נישט אימשטאַנד אויסצוברייטערן זיין האָריזאָנט. מעגלעך, אַז די סיבה האָט געשטעקט אין די פּערזענלעכע גייסטיקע איבערלעבונגען פון דעם דאָזיקן קינסטלער. בלויז ביי געציילטע יידישע קינסטלער לאָזט זיך מערקן אַזאַ בולטע ווירקונג פון דרויסן ווי ביי פּיליכאָווסקין. ער ווערט צופיל פאַרכאַפּט פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע. עס טרעט אַרויס ביי אים די טענדענץ צו ווערן אַ „וועלטלעכער“ יידישער קינסטלער. פון יענער צייט גייען ביי אים פאַרלוירן יענע ספּעציפישע אַקצענטן, מיט וועלכע ער האָט אַזוי געווירקט אויפן צושויער. ווען ער האָט אָפּגעוואָרפן יעדע אָנדייטונג אויף סנאָביסטישן באַפּוצן דעם קעגנשטאַנד, האָט געמאָלן אַן אַלטן ייד אין אַ צעריסענער קאַפּאָטע, דאָס פּנים אָבער איז געווען שיין און קלוג. קוקנדיק אויף אַזעלכע בילדער, האָט דער צושויער נישט פאַרטראַכט זיך וועגן דער טעכניק, נישט פאַרטראַכט זיך

אפילו וועגן די קינסטלערישע מעלות. ס'איז געגוג, אַז דער צושויער זאָל דערפילן די רירנדיקע באַציונג מצד דעם קינסטלער לגבי זיין מאָדעל.

אין די לעצטע יאָרן פאַרמעסט זיך דער קינסטלער אויף אַ גרויס ווערק, וואָס האָט געדאַרפט זיין די קרוין פון זיין קינסטלערישער שאַפונג — די דערעפענונג פון דעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. די באַטייליקטע אין דעם דאָזיקן פייערלעכן אַקט זענען אָנגעזעענע אינטעלעקטואַליסטן, ווי דער לאָרד באַלפור, דער פּראָפעסאָר חיים וויצמאַן, לאָרד סאַמועל און אַנדערע. ליידער איז דאָס דאָזיקע בילד בלויז אַ שוואַכער אָפּשיין פון דעם דאָזיקן פייערלעכן מאָמענט. עס שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרעסערע גרופּע געשטאַלטן, וועלכע זענען אַרויסגעקומען כמעט ווי פאָטאָגראַפיש, הגם געוויסע פּערזענלעכקייטן האָבן פאַרדינט אַרויסגערוקט צו ווערן אויפן ערשטן פּלאַן און עס האָט זיך געפאָדערט קאָמפּאָזיציאָנעל האָס צו טאָן. דאָס דאָזיקע דאָקומענטאַלע בילד האָט פּיליכאָווסקי אָנגעמאָלט אין משך פון אַ זייער קורצער צייט און דערמיט דערקלערט זיך די שוואַכקייט און די בלויזן פון דער דאָזיקער שאַפונג.

אויב אָבער מיר ווילן אונטערפירן אַ סך־הכל פון דער שעפערישער טעטיקייט פון לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי, דאַרפן מיר אָנערקענען, אַז דער דאָזיקער קינסטלער איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטע געשטאַלט צווישן די יידישע קינסטלער אין פּוילן. ער האָט געשטרעבט צו שאַפן אייגנאַרטיקע יידישע פאָרמען.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז נאָך אין די צאַרישע צייטן האָט מען פּיליכאָווסקין פאַרגעלייגט צו דעקאָרירן מיט פרעסקן־בילדער די לאָדזשער פּאַסט פון דער אינעווייניקסטער זייט. לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי איז געווען זייער פּאָפּולער און געשעצט. וועגן דעם זאָגט עדות די גרויסע צאָל יידן, וועלכע האָבן אים באַגלייט אויף זיין לעצטן וועג צום לאָנדאָנער יידישן בית־עולם. אויף דער לוויה פון פּיליכאָווסקין זענען אָנוועזנד געווען דער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, נחום סאָקאָלאָוו, שלום אַש און אַנדערע.

אין דער רעדע אויפן קבר האָט שלום אַש פאַרגלייכט פּיליכאָווסקין צו אַ צדיק, וועלכער פאַרשפּרייט ליבע צו יידן אויף דער וועלט. פּיליכאָווסקי איז באמת געווען זייער אַ סימפּאַטישער מענטש, וועלכער איז שטענדיק גרייט געווען צו העלפן נישט בלויז זיינע נאָענטע פריינד, נאָר יעדן, ווער עס האָט זיך אין זיין הילף געניטיקט.

# יעקב ווײַנלעז

יעקב ווײַנלעז געהערט צו דער עלטערער גענעראַציע פֿון קינסטלער, וועלכע זענען אין זייער צייט געווען זייער פּאָפּולער צווישן ייִדן. די שאַפֿונג פֿון ווײַנלעזן האָט פֿולשטענדיק געהערט צו דער ייִדישער פֿאָלקס־קולטור. אין זײַנע בילדער ווערט אויף אַ פּרעכטיקן אופֿן אַרויסגעבראַכט דער שטייגער און די אַלטע מנהגים פֿון די טראַדיציאָנעלע ייִדן. דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער מין קונסט האָט געהאַט אַ באַזונדער רירנדיקן אויסקלאַנג. בלויז מענטשן, וועלכע לעבן זיך אויס אין דער אַלטער טראַדיציע, זענען אימשטאַנד צו באַנעמען דעם אייגנאַרטיקן תּוך פֿון יעקב ווײַנלעזעס בילדער. ווײַנלעז, קאָן מען זאָגן, איז געווען דער טרעגער פֿון ייִדישן שטייגער אין דער מאָלערײַ. די ייִדישע טיפֿן האָט ער געמאָלט מיט גרויס האַרץ, ווי אַ פֿאַרליבטער, וועלכער זעט נישט קיין שום פֿעלער ביים אָביעקט פֿון זײַנע ליבע־געפֿילן. הגם נישט שטענדיק געלינגט דעם קינסטלער אַרויסצובאַקומען די געוווּנטשענע אויסקלאַנגען. נישט אַלעמאָל קאָן מען אידענטיפֿיצירן די וויזועלע אײַנדרוקן מיט דער טיפֿקייט פֿון די געפֿילן, וועלכע זיי וועקן. מיט דער אידעע אָבער פֿון באַזונדערע קאָמפּאָזיציעס איז פֿאַרבונדן אַ טיפֿע איבערגעגעבנקייט דער אייגענער וויזיע. אויף דעם דאָזיקן געביט איז יעקב ווײַנלעז באַזונדערס עמפּינדלעך געווען. ער האָט געמאָלט די טראַדיציאָנעלע ייִדן אויפֿן פֿאָן פֿון זייער אייגנאַרטיקער סבֿיבֿה. דעריבער ווירקן די בילדער פֿון ווײַנלעזן, ווי אַ דערמאָנונג אין די דרײַ מיליאָן פּוילישע ייִדן, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן. נישט ווילנדיק האָט דער קינסטלער אין זײַנע בילדער אָפּגעשפּיגלט אויך געזעלשאַפֿטלעכע מאָמענטן. דער עיקר אָבער איז ער פֿאַראינטערעסירט געווען צו פֿאַראייביקן יענעם ייִדישן טיפּ, אין וועלכן עס זענען אין משך פֿון לאַנגע דורות נישט פֿאָרגעקומען קיין שום גרונטיקע ענדערונגען.

אין לאַנגן און טיפֿולן לעבן פֿון יעקב ווײַנלעז זענען אײַנגעטלעך קיין גרויסע ענדערונגען נישט פֿאָרגעקומען. וואָס שייך דער טעכניק פֿון זײַנע שאַפֿונגען, האָט ער זיך געהאַלטן אין דער טראַדיציע פֿון דער מינכענער שול, וועלכע איז אגבֿ נישט פֿאַררעכנט צו די בעסטע.

יעקב ווײַנלעז איז געבוירן געוואָרן אין 1869 יאָר אין סטאַרי קאָנסטאַנטינוו אויף וואָלין ביי רײַכע עלטערן. אין דער פֿריער יוגנט טראָגט ער זיך צוזאַמען מיט דער משפּחה אַריבער קיין וואַרשע. ער באַזוכט דאָ

די שול פון דיקשטיינען און לערנט זיך אין דער צייכענונג-שול פון וואָיטשעך גערסאָן. אין די ניינציקער יאָרן פאָרט ער אַרויס קיין מינכען, וווּ ער שטודירט מאָלעריי, אַ געוויסע צייט ביי דעם אונגאַרישן מאָלער האָלאָסי (וועלכער האָט דעמאָלט זייער שטאַרק געווירקט אויף די יונגע קינסטלער), שפּעטער שטודירט ער אין דער מינכענער קונסט-אַקאַדעמיע ביי דעם פּראָפעסאָר קאַראָל מאַר. אין דעם דאָזיקן פּעריאָד באַטייליקט זיך ווייַנלעז אָפט אין בילדער-אויסשטעלונגען. צו איינע פון די כאַראַקטעריסטישע צייכענונגען פון יענעם פּעריאָד געהערט די צייכענונג, וווּ ער שטעלט פאָר זיך גופא אין דער געזעלשאַפט פון זיינע קאָלעגן. דאָס זענען: דער סקולפּטאָר הענריק גליצענשטיין, דער מאָלער מאַוריצי טרעמבאַטש און נאַטאַן אַלטמאַן (נישט אַלעמען איז באַוווּסט, אַז אַלטמאַן שטאַמט פון פּוילן. בעת דער גרויסער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט ער זיך געפונען אין לענינגראַד. ער איז דער שעפער פון די צומערסטן כאַראַקטעריסטישע פּאָרטרעטן פון וולאַדימיר לענין. אין משך פון אַ ריי יאָרן אַרבעט אַלטמאַן אַלס דעקאָראַטאָר פון לענינגראַדער טעאַטער).

אין סוף פונעם 19-טן יאָרהונדערט קערט זיך אום ווייַנלעז צוריק קיין וואַרשע. זיין פּריוואַט לעבן ווערט אינהאַלטספולער אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט חתונה מיט דער פּיאַניסטקע לוציע קויפמאַן, דער שוועסטער פון דעם באַוווּסטן מאָלער, וועלכער האָט זיינע בילדער אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים לעאָן קאַמיר. לוציאַ האָט זיך גוט פאַרשטאַנען אויף מאָלעריי. זי איז געווען אַ געטרייע מוטער צו אירע צוויי טעכטער פראַנציסקע, — די פּוילישע מאָלערין, וועלכע געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן (לויטן מאַן איז זיר פאַמיליע טעמערזאָן). און די יינגערע, אויך אַ קינסטלערין, מאַריאַ כייקין, וועלכע איז דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער היטלער-אָקופּאַציע. דאָס הויז פון ווייַנלעז איז געוואָרן דאָס אָרט, וווּ עס פלעגן זיך באַגעגענען פאָרשטייער פון דער וואַרשעווער ליטעראַרישער וועלט, מאָלער און מוזיקער. יעקב ווייַנלעז האָט זיך פולשטענדיק אויסגעלעבט אין זיין באַליבטער קונסט.

לשם אמת דאַרף מען זאָגן, אַז ביי אַ מער גענויעם אַנאַליז פון ווייַנלעזעס שאַפונג לאָזט זיך פעסטשטעלן, אַז ער האָט נישט געשאַפן קיין נייעם עטאַפּ אין דער יידישער קונסט. מען דאַרף אָבער אָנערקענען, אַז אין דעם פּעריאָד צווישן מאַוריצי גאָטליב און יאַנקל אַדלער שטעלט מיט זיך פאָר ווייַנלעזעס שאַפונג אַן ערנסטן און ווערטפולן ביישטייער צו דער יידישער קונסט.

אין דעם פּעריאָד פון פאַר דער ערשטער ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אויף דער פּוילישער ערד געבליט אַ רייך און פילזייטיק יידיש לעבן. עס איז רייך געווען מיט אינטערעסאַנטע וווּנדערלעכע געשעענישן און עפּיזאָדן, וועלכע זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך יידישע און נישט יידישע קינסטלער. זיי האָבן זיך באַמיט אַרויסצוהייבן אַלץ וואָס עס איז כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר דער געגעבענער סביבה. יעדער קינסטלער, יעדער שרייבער האָט זיך געפּלייסט איבערצוגעבן דעם ספּעציפישן קלימאַט, אין וועלכן די געגעבענע געשעענישן זענען פאָרגעקומען. מען קאָן זאָגן, אַז וויינלעז האָט פילאָזאָפירט און געהאַט אייגענע וויזיעס, וועלכע האָבן אָבער אַרומגענומען אַן ענגע וועלט פון מענטשן, וועמען עס איז ליב געווען צו לעבן לויט די טראַדיציעס פון זייערע אבות. די דאָזיקע טעמאַטיק איז וויינלעזן קיינמאָל נישט דערעסן. פאַרקערט, ער האָט זיך שטאַרק אויסגעלעבט אין דעם דאָזיקן ענגן אָפּשניט און האָט אַרויסגעהויבן מענטשן, וועלכע קיינער האָט נישט באַמערקט. וויינלעזעס בילדער שטעקן נישט אין דער אידיליע־אַטמאָספער, ווי למשל די בילדער פון אַרטור מאַרקאָוויטש, וועלכע ער האָט געמאָלן אין קראָקע, אָדער די בילדער פון משה רינעצקי, וועלכע שטעלן פאָר דאָס יידישע לעבן פון אַמאָליקן וואַרשע. וויינלעזעס יידן זענען געשטאַלטן, געשאַפענע דורך דער פאַנטאַזיע פונעם קינסטלער, הגם דאָס אויג האָט אויפגענומען דעם ייד ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און סיטואַציעס. זיינע יי״ן זענען באַשאַפן פון דעם קינסטלער גופא. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז וויינלעז מיידט אויס צו שאַפן פּאָרטרעטן פון אינטערעסאַנטע מאָדעלן. דער יידישער פּעיקער קינסטלער פעליקס פרידמאַן האָט וועגן וויינלעזן געזאָגט, אַז ער איז דער מאָלער פון „יידן אין קאַפּאָטעס“. מיר דוכט זיך אָבער, אַז וויינלעז האָט זיינע „קאַפּאָטעס“ געזען אין אַזאַ פייערלעך ליכט, פּונקט ווי דאָס וואָלטן געווען די פּראַכטפולסטע טאָגעס. דאָס דרינגט אַרויס דער עיקר פון אַזעלכע זיינע בילדער, ווי „כל נדרי“, „פסח“ אָדער „דער וויכוח“. די דאָזיקע בילדער דריקן אויס די גייסטיקע אייגנשאַפטן פון דעם קינסטלער. יעדע געשטאַלט ווערט אַרויסגעהויבן אַלס באַזונדערע, איינציקע, וואָס חזרט זיך נישט איבער. דאָס איידלסטע אין די דאָזיקע געשטאַלטן איז מערסטנס טיף באַהאַלטן און שטראַלט אויס ערשט דעמלט, ווען דער צושויער פאַרטיפט זיך אין זיי מיט געפיל. דאָס זעלבע איז נאַטירלעך שייך די בילדער פון וויינלעזן אויף דער חסידיזם־טעמאַטיק. אויך אין דער קונסט פון געוויסע היינטצייטיקע מאָלער פילט זיך אַרויס די

ווירקונג פון חסידיזם, ווי למשל ביי שאַגאַלן, יאַנקל אַדלער, יאַקוב שטיינ־האַרד, יצחק בראונער, יצחק ליכטענשטיין און ביי אַ סך אַנדערע יינגערע קינסטלער, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן. יעקב ווינגלעז שטרייכט אונטער און באַפּאַרבט אויף אַ פּאַטעטישן אופן די עקזאַל־טאַציע פון יענע מענטשן, וועלכע זענען, גיכט געקוקט אויף דער ביטע־רער גורל, פעיק געווען אָפּצוגעבן זיך מיט חלומות. דאַקעגן טרעפן מיר כמעט גישט אין זיינע בילדער קיין מאָטיוו, וועלכע זאָלן רעדן וועגן דעם בונט מצד דעם מענטש קעגן זיין גורל, זיין קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן. אפילו אַזאַ קאָמפּאָזיציע, ווי די „פּליטים" — איז אונטער דעם פּענדזל פון דעם דאָזיקן קינסטלער געוואָרן אַן אַלגעמיינער סימבאָל פון יידישן גורל. עטלעכע יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די אַגיטאַציע מצד דער רעאַקציע אין לאַנד דערפירט צו אַ ווירטשאַפטלעכן און קולטו־רעלן באָיקאָט לגבי די יידן. איינצלנע יידישע קינסטלער האָט מען יאָ דערלויבט אויסצושטעלן זייערע בילדער אין דער וואַרשעווער זאַכענטע. עס איז אָבער געפערלעך געווען דורכצוגיין דעם וועג פון דער יידישער געגנט דורך דעם סאַסקי־גאָרטן, דער עיקר פאַר יידן אין קאַפּאָטעס.

דעריבער האָט יעקב ווינגלעז צוזאַמען מיטן סקולפּטאָר יוסף גאַבאָ־וויטש און דעם מאָלער מאָוריצי טרעמבאַטש אָרגאַניזירט צום ערשטן מאָל אַן אויסשטעלונג פון זייערע שאַפונגען אין אַ יידישער גימנאַזיע אין דעם יידישן ראַיאָן פון וואַרשע. די דאָזיקע אויסשטעלונג האָט אַרויס־גערופן גרויס פרייד און צופרידנקייט ביי דעם יידישן פּובליקום און האָט גורם געווען די אַנטשטייונג פון דער יידישער געזעלשאַפט פאַר פאַר־שפּרייטן קונסט. דערצו האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפן אויך יעקב ווינגלעז.

רעאַסומירנדיק, קאָן מען זאָגן, אַז יעקב ווינגלעז איז געווען אַ מאָ־לער מיט אַן אייגענעם קינסטלערישן פּראָפיל, הגם די פאָרם פון זיין קונסט איז ניכער געווען אַ דורכשניטלעכע. ביזן סוף פון זיין לעבן, איז ווינגלעז געבליבן טריי צו זיך און האָט געשאַפן אין הסכם מיט זיין געוויסן און מעגלעכקייטן. ער האָט אויך געשאַפן אַ גרויסע צאָל פּאָרטרעטן, צווישן וועלכע עס איז כדאי צו דערמאָנען דעם פּאָרטרעט פון דעם פילאָזאָף לעווקאָוויטש.

די בילדער פון יעקב ווינגלעז האָבן אין אויסלאַנד געהאַט אַ סך פאַרערער. פיל פון זיינע בילדער זענען געווען אין ניו־יאָרק, לאָנדאָן. נאָך דעם פאַרמלחמהדיקן דייטשלאַנד, אין ישראל. היינט זענען זיי אויך פאַראַן אין די מוזייען פון תל־אביב און ירושלים.

יעקב װײַנלעז איז געשטאָרבן דעם 7 יולי 1938 אין װאַרשע. אין דעם זעלבן יאָר אין אָקטאָבער האָט די יידישע געזעלשאַפט פאַר פאַרשפּרייטן קונסט אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג פון װײַנלעזעס קינסטלערישער ירושה. די דאָזיקע אויסשטעלונג האָט געגעבן אַן איבערזיכט איבער דער גאַנצער שאַפונג פון דעם דאָזיקן קינסטלער און הגם זי האָט נישט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין אויסערגעװײנלעכע דערגרייכונג, האָט זי אַרויסגעהויבן די גרויסע ליבע און אויסדויער, מיט װעלכע דער קינסטלער האָט זיך באַצויגן צו דער קונסט, כדי צו ברענגען דעם מענטש װאָס מער גענוס, װאָס מער פרייד.

## װילהעלם װאַכטעל

פון דער אַמאָליקער גאַליציע האָבן געשטאַמט עטלעכע קינסטלער, װאָס צייכענען זיך אויס מיט זייער גייסטיקער קרובהשאַפט. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, װאָס זיי אַלע האָבן געלעבט אין אַ ספּעציעלער „באַלעבאַטישער" סביבה, װאָס האָט שפּעטער טאַקע שטאַרק באַװירקט זייער שאַפונג. אַרטור מאַרקאָװיטש איז געבוירן געװאָרן אין 1872 יאָר, משה אפרים ליליען אין 1874, װילהעלם װאַכטעל אין 1875, לעאָפּאָלד גאָטליב אין 1879 יאָר.

אין די פריע יאָרן פון זייער שטודיום האָבן צװישן דער דאָרטיקער יידישער אינטעליגענץ געהערשט צװיי ריכטונגען. איינע האָט געשטרעבט צו אַסימילירן זיך מיט דער פּוילישער קולטור, די אַנדערע האָט אונטערגעשטראָכן און געפּלעגט די ספּעציפישע יידישע באַזונדערקייט און אַלט־יידישע טראַדיציעס. אויסערלעך אייראָפּעיזירט, איז די צװייטע ריכטונג געװען אינערלעך דורכגעדרונגען מיט אַ מאָדנער נייגונג צו עקסטאַז און מיט דער טענדענץ שטאַרק אונטערצושטרייכן די פאָלקסטימלעכקייט און די אייגנאַרטיקייט פון פאָלק. מ׳האָט געמאָלט טראַדיציאָנעלע יידן אין די פאַרשידנסטע סיטואַציעס, אָנהייבנדיק פון זייערע פרימאָרגן־תפילות, לעבנס־שטייגער אין משך פון גאַנצן טאָג און ענדיקנדיק מיט זייערע אָװנט־תפילות ביי דער שיין פון ליכטלעך.

װילהעלם װאַכטעל האָט געהערט צו די קינסטלער, װאָס האָבן געקאָנט אונטערשטרייכן די פאַרשידנאַרטיקייט און ספּעציפישקייט פון די גאַליציאַנער יידן. ער האָט געצייכנט די דאָזיקע בילדער גרינג, לייכט, און

איז דעריבער געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער נאָך אין זיינע פאַרהעלטנישמעסיק יונגע יאָרן. דאָס האָט אים אָבער נאָר שאָדן געבראַכט, ווייל די לויבגעזאַנגען זענען געקומען נישט פון מבינים, נאָר פון מענטשן, וואָס האָבן זיך עמאָציאָנעל באַצויגן צו זיינע בילדער און וואָס זיי האָט אינטערעסירט בלויז די טעמאַטיק פון זיין שאַפונג. דאָס האָט דערפירט דערצו אַז וואַכטעל — דער קינסטלער — האָט פאַרלוירן דעם חוש פאַר זעלבסטקריטיק און אנשטאָט אוממיטלבאַרקייט און געפיל פון פאָרם, זענען אין זיינע בילדער אויפגעקומען בראַוווּר און לייכטקייט.

ווילהעלם וואַכטעל איז געבוירן געוואָרן אין לוואָוו דעם 12 אויגוסט 1875. ער האָט געלערנט אין דער קראָקעווער קונסט=אַקאַדעמיע. דאָרט האָט ער געלערנט ביים באַרימטן פוילישן אימפּרעסיאָניסט לעאָן וויטשולקאָווסקי. זיין שטודיום האָט ער פאָרגעזעצט אין דער מינכענער אַקאַדעמיע. די דאָזיקע ענדערונג איז נישט געווען גינסטיק פאַר זיין שאַפונג, ווייל אין מינכען האָט געהערשט די זיסלעכע מאַניר, וועלכע די אָרטיקע רייך=געוואָרענע בורזשואַזיע האָט אָנגעוואָרפן. וואַכטעל האָט אָבער נישט געהערט צו די קינסטלער, וואָס האָבן געוואָלט און געקאָנט שווימען קעגן שטראָם און מאָלן אַנדערש, ווי די מאָדע האָט דיקטירט. אין מינכען האָט טאַקע וואַכטעלס שאַפונג אָנגענומען דעם געוויסן מין לייכטן קלאַסיציזם. די פּעדאַנטישקייט פון דער צייכענונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן ביי אים אין אַ מין פּסיידאָ=נאַטירלעכקייט. ווען ער האָט אפילו געמאָלן אַ בילד פול מיט דראַמאַטישער שפּאַנונג, איז עס סיי ווי ביי אים אַרויסגעקומען קלאַסיציסטיש און אפילו אידיליש. מען האָט שטאַרק רעקלאַמירט וואַכטעלס בילדער און דער פּרעסע, ווי דעם אויסדרוק פון דער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל דאָס צוריקקערן פון יידן אין לאַנד פון זייערע אבות. אָבער וואַכטעלס שאַפונג האָט אין דער אמתן ווייניק געהאַט געמיינזאַמס מיט די טרוימען און בענקשאַפטן. זיינע בילדער אין דער פאָרם פון אַן אַלבום, וועלכן ער האָט אָנגערופן „געזעגענונג מיטן גלות“ שטעלן גיכער פאָר סענטימענטאַלע אידיליעס און אין גרונט גענומען זענען זיי אַן אַפּאָטעאָז פון דעם יידישן לעבן אין פּוילן. צווישן אַנדערע איז דאָרט פאַראַן אַ בילד, וואָס ווייזט ווי אַ יונגער פּריץ פאַרגנבעט זיך אונטערן פענצטער פון אַ שיינע יידישקע. אַן אַנדער בילד ווייזט כריסטוסן, ווי ער גייט איבער די גאַסן פון אַ יידיש שטעטל באַלד נאָך אַ פּאָגראָם. נאָך אַן אַנדער בילד ווייזט אַ יידן, אַ מלחמה=אינוואַליד. פון וואַכטעלס יידישע געשטאַלטן און זיינע ישיבה=בחורים אָטעמט מיט

פֿיל ליריזם און סענטימענט. זיי צייכענען זיך אויס מיט אַ געוויסער ספּעציפֿישער סטיליזירונג, וועלכע מ'וואָלט געקאָנט אָנרופֿן וואַכטעלערישע. זי גייט אָבער לײַדער נישט אין דער טיף. בלויז אין אייניקע בילדער האָט וואַכטעל דערגרייכט צו אַ מוזיקאַלישן אויסקלאַנג פֿון זײַן שטימונג. אָבער אין אַלגעמיין איז ער געווינט צו ווײַזן די טעמע מיט דער הילף פֿון ווירטואָזע מיטלען אויפֿן חשבון פֿון אינהאַלט. דערפֿאַר האָט ער נישט באַשאַפֿן קיין ערנסטערע בילדער אויף יידישער טעמאַטיק, ווי מיר זעען דאָס בײַ לאזאר קרעסטין, איזידאָר קויפֿמאַן, מיט וועלכן ער איז געווען קרוביש פֿאַרבונדן סיי טעמאַטיש, סיי לויט דער פֿאָרם. וואַכטעלס בילדער קאָן מען אָננעמען פֿאַר עסייען, קרובהשע ליטעראַרישע עסייען. לאָמיר נעמען צום בײַשפּיל זײַן בילד דרײַ יידן פֿון אַ וויכוח.

די דרײַ געשטאַלטן ווײַזט ער מיט אַ געוויסער דאָזע הומאָר. אָבער באָטש וואַכטעל האָט דאָס דאָזיקע בילד געמאָלן מיט בראַוור און איינגעשפּאַרטקייט, פֿעלט אין דעם דאָך די גײַסטיקע ערנסטקייט, און דער צושויער באַקומט נישט דעם אײַנדרוק, אַז דער קינסטלער האָט ווי געהעריק דורכגעטראַכט זײַן ווערק. וואַכטעלן קאָן מען צורעכענען צו דער קאַטעגאָריע „וווּנדערקינדער“, וואָס בליצן אויף אין דער יוגנט, אָבער מיט דער צײַט גייט זייער שעפֿערישקייט איבער אין רוטין. דערפֿאַר פֿאַרמאָגן נישט וואַכטעלס אַרבעטן דעם סוגעסטיוון כוח, וועלכן עס פֿאַרמאָגן די בילדער פֿון הירשענבערגן, פֿיליכאָווסקין צי מינקאָווסקין. אויף זײַנע בילדער ליגט דער אויסשליסלעכער און איינזייטיקער חותם פֿון דער צײַט, אין וועלכער ער האָט געלעבט און געשאַפֿן. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר וואַכטעלס בילדער איז די אינטימקייט פֿון קינסטלער מיט זײַנע מאָדעלן. ער פֿאַסט זיי אויף פֿאַמיליער, געוויסנהאַפֿט, אָבער זייער נאַיוו. וואַכטעל האָט נישט געשאַפֿן קיין שום בילד, וועלכן מ'וואָלט געקאָנט פֿאַררעכענען פֿאַר דעם צענטראַלן ווערק פֿון זײַן שאַפֿונג, ווי דאָס קאָן געזאָגט ווערן וועגן גאָטליבס בילד „אין שול“, צי וועגן הירשענבערגס „גלות“, אָדער וועגן מינקאָווסקיס „יידן נאָך דעם פּאָגראָם“ און וועגן פֿיליכאָווסקיס „יום־כיפּור“. וואַכטעל שאַפֿט אויך בילדער אויף ענלעכער טעמאַטיק, ווי, צום בײַשפּיל, דאָס בילד, אויף וועלכן ער ווײַזט ווי די גאַליציאַנער יידן אַנטלויפֿן פֿון דעם צאַרישן מיליטער, אָדער די בילדער אין זײַן אַלבום „געזעגענונג מיט גלות“, וווּ דער קינסטלער האָט גוט אונטערגעכאַפּט די שטריכן פֿון יידישן קליינעם שטעטל. אָבער דאָס אַלץ איז געוויזן אין אַ ספּעציפֿיש ראָמאַנטיש ליכט. אייניקע בילדער פֿון וואַכטעלן שטעלן מיט

זיך פֿאַר אַ מין דאָקומענטאַציע פֿון זיין צייט. אַזוי דאָס בילד „דער יונגער ישיבה=בחור“, אויף וועלכן מיר זעען אַ יינגל מיט פּאות און מיט אַ מילד, אויסגעפּיעשטשעטע און אויסגעאיידלט פּנימל — אַ קינד פֿון אַ רייכער יידישער שטוב נאָך פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט=מלחמה.

אין וואַכטעלס שאַפֿונג שפּילט אַ גרויסע ראָל די צייכענונג (ווייס=שוואַרצע עלעמענטן), אָדער סאַנגווין, מיט דער הילף פֿון וועלכער ער האָט בעסער, ווי אין זיינע אייל=פֿאַרב=בילדער געקאָנט אָפּהיטן אַ געוויסע גלייכגעוויכט. די פּוילישע פּרעסע האָט געריטט וואַכטעלס אילוסטראַציעס צו ישולאַווסקיס ביבל=איבערזעצונגען. אַ גוטן אָפּרוף האָבן אויך באַקומען זיינע אילוסטראַציעס אויף דער אויסשטעלונג פֿון די פּוילישע דרוקעריי=אַרבעטן אין 1905 יאָר אין קראָקע. אין ערשטן יאָרצענדליק פֿון אונדזער יאָרהונדערט האָט וואַכטעל באַצירט דאָס בוך פֿון יאַן קירשראָט „סופֿרים“ — אַ זאַמלבוך געווידמעט יידישע ענינים.

ווילהעלם וואַכטעל האָט אויסגעשטעלט זיינע בילדער אין דער זאַכענטע נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט=מלחמה. ער איז דעמלט געקומען קיין וואַרשע און געשאַפֿן דאָס בילד „די מאַרשאַלקאָווסקע=גאַס“. זיינע בילדער זענען געווען אויסגעשטעלט אויך אין פֿיל הויפּטשטעט פֿון אייראָפּע, צווישן אַנדערע אויך אין פּאַריז. ער איז עטלעכע מאָל געווען אין פּאַלעסטינע און אויך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון צפֿון=אַמעריקע. אין 1926 יאָר האָט ער אויסגעשטעלט אין דער זאַכענטע אַ ריי בילדער, וואָס ער האָט געמאָלן אין פּאַלעסטינע.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס וואַכטעל האָט פֿיל יאָרן פֿאַרבראַכט אין אויסלאַנד, האָט ער שטענדיק אונטערגעשטראָכן, אַז ער שטאַמט פֿון פּוילן, און אַ ריי זיינע בילדער זאָגן עדות, אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסן סענטימענט צום היימלאַנד — פּוילן. מ׳וואָלט געקאָנט אויפֿן סמך פֿון זיין לעצטער אַרבעט „די געזעגענונג מיט גלות“ אורטיילן, אַז ער האָט בדעה זיך צו באַזעצן אין ארץ=ישראל, אָבער ער האָט זיינע לעצטע יאָרן פֿאַרבראַכט אין אַמעריקע, וווּ ער איז געשטאָרבן אין 1942.

# לעאָפּאָלד גאָטליב

לעאָפּאָלד גאָטליב איז געבוירן געוואָרן אין זעלבן יאָר 1879, ווען עס איז געשטאָרבן זיין גענישלער ברודער — מאַוריצי גאָטליב. לעאָפּאָלד איז געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן ווי אין שאָטן פֿון זיין אַזוי פּריצייטיק=פֿאַרשטאָרבענעם ברודער, וועמענס רום עס האָט געשטיגן פֿון יאָר צו יאָר. אָבער ביידע גאָטליבס איז נישט באַשערט געווען צו דערזינגען זייערע געזאַנגען ביזן סוף.

אויך לעאָפּאָלד גאָטליב האָט בלויז באַוויזן אַ בלענד צו טאָן אויפֿן פֿירמאַמענט פֿון דער וועלט=קונסט. געוויסערלעך איז ער געווען ענלעך צו מאַוריצין. ער האָט אויך פֿאַרמאָגט שוואַרצע געקרייזלטע האָר און פֿון דעם פֿאַרטראַכטן העלן פּנים האָבן אַרויסגעקוקט שוואַרצע ווי דער אָפּגרונט אויגן. זיי זענען געווען בכוח אַריינצודרינגען אין די טיפֿענישן פֿון דער מענטשלעכער נשמה, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי באַפֿעלן עס די הענט צו שאַפֿן וווּנדערלעכע ווערק.

אַזוי ווי זיין ברודער מאַוריצי איז אויך לעאָפּאָלד געווען אַ טרוימער, אַ פֿאַנטאַסט און אַ מענטש זייער אַ קאַפּריזער. אויך לעאָפּאָלד האָט זיך אויסגעלעבט אין די דערהויבענע ספֿערן פֿון קונסט און שעפֿערישן שווונג, און צייטנווייז פֿון טיפֿער מעלאַנכאָלישער שטימונג אַריינגעפֿאַלן כמעט אָן איבערגאַנג אין עפּעס אַ ביז גאָר ראַפֿינירטער לייכטקייט. אין דער צייט אָבער, ווען מאַוריצי איז געווען אַ קינד דורכויס פֿון 19=טן יאָרהונדערט, האָט לעאָפּאָלד לויט דעם כאַראַקטער פֿון זיין שאַפֿן געשטעקט אינגאַנצן אין 20=טן יאָרהונדערט, גענויער — אין זיינע ערשטע יאָרצענדליקער.

פֿאַר דעם דאָזיקן צייט=אָפּשניט איז כאַראַקטעריסטיש דער דראַנג צו נאַטוראַליזם.

מאַוריצים שעפֿערישע וויזיעס זענען געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פֿון ראָמאַנטיזם. ביי לעאָפּאָלדן, אַזוי ווי ביי דער מערהייט פֿון זיינע מיטצייטלער, זענען די בילדער ניכער פֿון אַלץ אַ רעזולטאַט פֿון קורצע מינוטיקע שטימונגען, דרינגען אַרויס פֿון זיין אַנטציקונג מיט שיינקייט, אויסגעדריקט אויף לייוונט מיט וואָס=אַמאָל אַלץ שטאַרקערע און שטאַרקערע פֿאַרבן=אוצרות.

לעאָפּאָלד גאָטליב האָט אָנגעהויבן צו שטודירן אין 1897/8 יאָר ביי יאַצעק מאַלטשעווסקי אין דער קראָקעווער קונסט=אַקאַדעמיע.

אין אַ יאָר אַרום פּאָרט ער שוין קיין מינכען און שפּעטער זעצט ער פאָר זיין שטודיום אין פּאַריז. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אַ לערער אין דער קונסט־שול „בצלאל“ אין ירושלים.

צו לעאָפּאָלד גאָטליבן (מ׳האָט אים מיט ליבשאַפט גערופן ליפּקאַ) האָבן זיינע קאָלעגן אַרויסגעוויזן גרויס סימפּאַטיע און אַכטונג. ער איז געווען ווי שוין דערמאָנט, אַ טיפּיש קינד פון זיין צייט: אַן אימפּרעסיאָניסט, אַ מענטש פון איינדרוקן. געמאָלט אַקטן, נאַטור־מאָרט, בלומען און אַנדערע מאָטיוון. אָבער צום בעסטן האָט ער זיך אַנטפּלעקט אין פּאָרטרעט, כאָטש אויך אין דער ספּעציפיק זיינער האָט ער זיך אונטערגעוואָרפן דער דעמאָלטדיקער מאָדע.

לעאָפּאָלד גאָטליבס קונסט וועט בלייבן אַן אויסדרוק פון שיינקייט פון יענער עפּאָכע, און דער לויף פון דער צייט וועט זיי נישט בלאַסער מאַכן. די דאָזיקע בירגערלעכע קינסטלער האָבן זיך געשטיצט אויף געוויסע פעסטע פּרינציפּן אין זייער שאַפונג. דער ריטם פון יעדער זייערער ליניע און קאָליר־פיגמענט איז געווען אונטערגעוואָרפן אַ באַשטימטן גענויעם מאָלערישן געדאַנק.

לעאָפּאָלד גאָטליב האָט געהערט צו יענע גלענצנדיקע פּאָרטרעטיסטן, וואָס האָבן פון סאַמע אָנהייב אַרויסגעפילט די אַרכיטעקטאָניק פון יעדער געמאָלטער געשטאַלט. דערפאַר קומען זיינע געשטאַלטן אַרויס אינגאַנצן אין אָריגינעלע ניואַנסן. אַדאַנק זיין הויכער מאָלערישער קולטור, האָט גאָטליב געקאָנט באַגרענעצן די פּלאַסטישע עלעמענטן, וועלכע שאַפן אין זייער סך־הכל יענע אָנגענעמע אַטמאָספער — וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע ווערק. ווען מאַוריצי וואָלט געלעבט לענגער, וואָלט ער זיכער זיך באַצויגן מיט פולער אָנערקענונג צו דער מאָלערישער קונסט פון זיין יינגערן ברודער. ליפּקאַ, פונקט אַזוי ווי מאַוריצי, איז געוואָרן ערנסט און קאָנצענטרירט, ווען ער האָט גענומען דעם פּענדזל אין האַנט. און אויב ס׳האָט אים בשעת זיין קינסטלערישער אַרבעט באַהערשט אַ סקעפּטישע שטימונג, האָט ער די דאָזיקע שטימונג זיך באַמיט צו פאַריאָגן.

דער אונטערשיד אין דער קונסט פון ביידע ברידער קומט צום אויסדרוק אין דער פאָרמולירונג פון פרויען־פּאָרטרעטן. אין דער צייט, ווען מאַוריצי האָט זיי געמאָלט מיט עפּעס אַ נישט אויסגעזונגענער בענקשאַפט מיט אַ פאַרכישופטן פייער, האָט ביי לעאָפּאָלדן דער דאָזיקער אַקט פון שאַפונג נישט אַרויסגערופן אַזאַ אַרט אויפטרייסלונג. לעאָפּאָלד האָט זיין

יונגט געהאַט שוין הינטער זיך, און דערפאַר האָט ער זיך ניט איין מאָל דערלויבט אויף אַ ניט גאַנץ ארטיקן (פּריוואָלן) אופן טראַקטירן זיין פּרויען־מאָדעל. דער עיקר: יעדער פון זיי איז געווען פאַרבונדן מיט זיין עפּאָכע און נאָר פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט קאָן זיין קונסט אָפּ־געשאַצט ווערן.

די קאָמפּאָנענטן פון די 80 יאָרן פון פּאַריזער יאָרהונדערט, אַלזאָ די צייטן, ווען מאָוריצי האָט געלעבט, האָבן זיך דאַן אַזוי שטאַרק אונטערגע־שיידט פון די, ווען עס האָט געשאַפן לעאָפּאָלד. אין די 4 צענדליקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך געקרעפּטיקט לעאָפּאָלדס טאַלאַנט, זענען אויפגעקומען נייע ווערטן, וואָס שטיצן זיך שוין אויף די קינסטלערישע דערפאַרונגען פון סעזאַן, וואַן גאָג און גאָגען. אויך די ערשטע שפּראָצן פון פּיקאַסאָס קונסט האָבן שוין אָנגעהויבן אינטערע־סירן די קינסטלערישע אינטעליגענץ פון אייראָפּע. אין 19־טן יאָרהונ־דערט, ד. ה. אין מאָוריציס צייטן, האָבן נאָך געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג די לעצטע שטראַלן פון רענעסאַנס און באַראָק.

ווען אין 1914 יאָר זענען אַנטשטאַנען די פּוילישע לעגיאָנען, זענען אַריינגעטראָטן אין זיי פיל יידן, איבערהויפּט אינטעליגענץ. אַזוי האָט דער יידישער קונסט־קענער און קונסט־זאַמלער ד״ר אַדאָלף שטערנשוס, שוין ניט קיין יונגער מענטש, אַ פּאָרוטשניק אין רעזערוו פון דער עסטריי־כישער אַרמיי און לעגיאָנערן־אָפיציר, געקעמפט אין די פּוילישע טיילן אַלס געוויינלעכער זעלנער און אומגעקומען אין שלאַכט דעם 25 דעצעמ־בער 1915 יאָר. אין נאָוועמבער פון דעם זעלבן יאָר האָט זיך אין „טי־גאָדניק פּאָלסקי" באַוויזן אַ רירנדיקער נעקראָלאָג, געשריבן פון קאַדען באַנדראָווסקי. אויך לעאָפּאָלד גאָטליב איז אַריינגעטראָטן אין די לעגיאָ־נען, און זיינע קאָלעגן האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס אַכטונג. ער שאַפט דעמאָלט אַ ציקל בילדער, וואָס ווייזן דאָס לעבן פון די לעגיאָנערן אויפן פּאָן פון פּוילישן פּייזאַזש, לעגיאָנערן אויף אָפּרו אין לאַגער, לע־גיאָנערן ביי דעם פּלומפּ, לעגיאָנערן צווישן פּויערים, אין שטעטלעך א.א.וו. דאָס זענען געווען שטרענגע סקיצן, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן, פריי פון יעדער היפּערבאָלע. ס'איז אינטערע־סאַנט, וואָס אַזאַ קינסטלער, מיט אַזאַ שטאַרק אייגנאַרטיקער אינדיווידו־אַליטעט, איז בכוח געווען אין יענער צייט אונטערצואָרדענען זיין שעפע־רישקייט צו די גויטן פון שטרענגן מיליטער־רעזשים. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט אויף דער קריגס־צייט געלאָזט אין דער

היים די אַזוי אייגנטימלעכע פאַר אים פיגעזיע פון קאָלאָריסטיק און דעליקאַטקייט פון דער צייכענונג. דער לייטמאָטיוו פון זיין ברודער מאַוריצי איז געווען „איך וויל אַרבעטן פאַר יידן און פאָליאַקן". אויך לעאָפאָלד, נישט געקוקט אויף זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, האָט געשטרעבט נישט נאָר מיט דער קונסט, נאָר אויך מיטן אייגענעם לעבן צו דינען די אינטערעסן פון פוילן.

אין די מינוטן, ווען ער איז געווען פריי פון זעלנערישע פליכטן, נאָטירט ער אויף גיך אין זיין סקיצן־אַלבום מאָמענטן פון גרויען, זעלנערישן לעבן: צוגרייטונג צום שלאַכט, מאַרש, זעלנערישער געאייל, אָפרו אין לאַגער, אַ קבר אין וויסטן פעלד א. א. אויף אַזאַ אופן איז געשאַפן געוואָרן ביי טויזנט צייכענונגען מיט קרייד, וואָס צוזאַמען שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַזוי ווי אַן עפּאָפּעע אין סקיצן פון פוילישן לעגיאָנערישן לעבן אין דער צייט פון דער 1־טער וועלט־מלחמה. צווישן די בילדער, וואָס ער האָט דעמלט געשאַפן, געפינען מיר אויך פּאָרטרעטן פון יוזעף פּילסודסקי, ד״ר קאַפּלינסקי און פיל אַנדערע.

דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע צייכענונגען געפינען זיך איצט אין קראָקעווער נאַציאָנאַלן מוזיי. גאָטליב האָט אויך אילוסטרירט ז. ראַמינס בוך א. נ. „פון נאָטיצן פון אַ לעגיאָניסט".

ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט קערט זיך לעאָפּאָלד אום צוריק צו זיין שפּעטערישער אַרבעט. ער פאָרט קיין פּאַריז און לעבט זיך ווידער פולקאָם אויס אין דער קונסט. נאָך די שווערע און מאָנאָטאָנע מלחמה־יאָרן קומען אַרויס פון אונטער זיין פענדזל וואָס אַמאָל נייע בילדער פול מיט קאָלאָריסטישער דינקייט און ראַפינירטקייט. אין פּאַריז האָט דאָמינירט דעמלט אַזאַ צוגאַנג: אפילו די קלענסטע און נישט באַדייטנדיקסטע טעמע ווייזן אין אַן אינטערעסאַנטער פאָרם. לעאָפּאָלד גאָטליב האָט געהערט צו יענע אויסגעצייכנטע קינסטלער, וואָס האָבן פאַרמאָגט אין די פינגער אָט דאָס געפיל. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך באַנוצט אין זיין שאַפונג מיט אַש־גרויע געזילבערטע טענער און מיט אַ וואַרעמער גרינקייט אין הינטערגרונט. מיט גרויס עפעקט האָט ער געמאָלט ווערשערינס און כמעט אין דעם זעלבן קאָלאָריט — טוליפּאַנען.

צו יענער צייט איז לעאָפּאָלד גאָטליב שוין געווען אויסשליסלעך אַ מאָלער פון איינדרוקן און ער האָט זיך קיינמאָל מער נישט אומגעקערט צו טעמאַטישער מאָלעריי.

אין פּאַריז האָט ער געשעמט אַלס זייער סובטעלער פּאָרטרעטיסט. ער האָט געשאַפֿן אַ גאַנצע גאַלעריע פּאָרטרעטן פֿון באַרימטע פּערזענלעכקייטן פֿון זיין צייט. מעגלעך אָבער אַז אויס מורא דער פּאָרטרעט זאָל נישט פֿאַרשמעלערן די פֿאַרבן־סקאַלע (מאַסשטאַבן) פֿון זיין קינסטלערישער פּאַלעטע, האָט ער גלייכצייטיק געמאָלט די פֿאַרשידנסטע מאָטיוון, דורך וועלכע ער האָט געקאָנט זייער עפֿעקטפֿול און קאָלאָריסטיש קומען צום וואָרט. פֿון דאַנען נעמט זיך דער פֿאַקט, וואָס געוויסע מאָלערעט־בילדער זיינע, נישט געקוקט אויף זייער הויכן קאָלאָריסטישן ווערט, רירן דאָך ווייניקער דעם צושויער לויט זייער טיפֿקייט פֿון טעמאַטישער אויפֿפֿאַסונג, ווידער זיין ברודער מאַוריצים בילדער. אין לעאָפּאָלד גאָטליבס ווערק טרעפֿן זיך אָפּטמאָל, אַז ער לאָזט זיך אויפֿן וועג פֿון ווירטואָזיקייט ביים אויספֿאָרמירן דאָס בילד פֿאַרן פּרייז פֿון דער טיפֿקייט פֿון זיין טעמאַטישער אויפֿפֿאַסונג. די עלטערע פֿאָרשטייער פֿון אימפּרעסיאָניזם ווי דעגאָ (1834—1917), יזראעלס (1824—1911), מאַנע (1832—1883), רענואַר (1841—1919) האָבן, וואָס אַן אמת, געבויט זייערע פֿאָרמען אין אַן אַנדערער, מער לעבעדיקער קאָלאָריסטיק ווי די קלאַסיקער. אָבער זיי האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון די גרונטיקן פֿונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פֿון קעגנשטאַנדלעכקייט. אין דעם דור פֿון לעאָפּאָלד גאָטליב האָט מען דעם הויפּט־געוויכט געלייגט אויף דער קאָלאָריסטישער עקסקלוזיוויקייט. כאָטש גאָטליב האָט גלענצנדיק באַהערשט די פּרינציפּן פֿון ריטמיק און איז געווען אַן אויסגעצייכנטער צייכענער, האָט ער דאָך געפֿירט פֿון קאָלאָריסטישע עפֿעקטן, אָפּטמאָל פֿאַרנאַכלעסיקט די אָרגאַנישע סטרוקטור פֿון קעגנשטאַנד. אָבער אין דער מערהייט פֿון זיינע ווערק אַנטציקט אונדז די ריטמיק פֿון דער פֿאָרם און די האַרמאָניע פֿון קאָלירן.

אַזוי ווי פֿיל אַנדערע אימפּרעסיאָניסטן, אינטערעסירט זיך אויך לעאָפּאָלד גאָטליב מיט פּראָבלעמען, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיטן לעבן פֿון אַרבעטס־מענטשן. און אַזוי ווי אַדאָלף מענצעל האָט געשאַפֿן זיין באַרימט ווערק „די קוזניע“ און מאַקס ליבערמאַן „פֿרויען פּליקן גענדז“, האָט אויך לעאָפּאָלד גאָטליב געמאָלט מיט גרויס עקספּרעסיע פֿישערס, ברוקערס, מויערער, קוילן־טרעגער, הויז־וועכטער און וועשערינס.

ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, האָבן דעם גרעסטן דערפֿאָלג געהאַט זיינע פּאָרטרעטן. עס האָבן אים פּאָזירט די באַקאַנטסטע פּערזענלעכקייטן פֿון יענער צייט, ווי דער פֿילאָזאָף אַנרי בערגסאָן, פּאַבלאָ

פּיקאַסאָ, אַרטור רובינשטיין, דער פּאָעט פּאָול וואַלערי, דער מעקסיקאַנישער מאָלער דיעגאָ דע ריוועראַ, דער מאַרשאַל פּאָש, אַריסטיד בריאַנד, דער דייטשישער פּאָעט טעאָדאָר דויבלער און פיל אַנדערע. אַחוץ זייערע גרויסע קאָלאָריסטישע ווערטן, צייכענען זיך ל. גאָטליבס פּאָרטרעטן אויך אויס מיט זייער גלענצנדיקן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז. אַזעלכע פּאָרטרעטן, ווי „דיעגאָ ריווערא" אָדער „טעאָדאָר דויבלער" פּאַרכאַפּן מיט זייער אָריגינעלן אינטערפּרעטירן די פּערזענלעכקייט.

לעאָפּאָלד גאָטליב איז געווען באַפּרייַנדעט נישט נאָר מיט פיל אינטעלעקטואַליסטן פון מערב, נאָר אויך מיט דער עליטע פון דער פּוילישער ליטעראַטור און קונסט: מיט רייַמאָנט, זשעראָמסקין, דוניקאָווסקין, קונען, גליצענשטיינען, אַשן, ניימאַנען און אַנדערע.

ל. גאָטליב האָט אויך געמאָלן בילדער אויף יידישער טעמאַטיק ווי „תשליך", „תשעה־באב", „אַ יידישע לוויה" א. א. לעאָפּאָלד גאָטליב האָט פּאָזירט ווי אַ מאָדעל פאַר סאַמועל הירשענבערגן צו זיין באַרימטן בילד „ספּינאָזע".

ווען לעאָפּאָלד פלעגט קומען פון פּאַריז קיין פּוילן, האָט ער (ווי אַמאָל זיין ברודער מאוריצי) פאַרבראַכט אין קרייז פון זיין משפּחה, און דעמאָלט פלעגט דער „פּעטער ליפּע" מאָלן פּאָרטרעטן פון זיינע משפּחה־מיטגלידער און זיי גלייך אַוועקגעשענקט. לויט זיין נאַטור איז ער געווען דעליקאַט און דיסקרעט און נישט קוקנדיק אויף זיין וויציקייט און הומאָר, האָט מען געפילט, אַז אין דער טיפעניש פון זיין נשמה איז באַהאַלטן פיל טרויער און מעלאַנכאָליע.

לעאָפּאָלד גאָטליב איז געווען זייער אַ זעלבשטענדיקער מאָלער אָבער נישט שטענדיק האָט דער אימפּולס פון זיין שעפערישן טעמפּעראַמענט געקאָנט דעררייכן די געהעריקע מדרגה.

דערפאַר פאַרנעמט בלויז אַ באַדייטנדיקער טייל פון לעאָפּאָלד גאָטליבס ווערק אַן אָנגעזעען אָרט אין דער געשיכטע פון דער הייַנטצייטיקער מאָלעריי.

זיינע בילדער געפינען זיך אין די נאַציאָנאַלע מוזייען פון וואַרשע און קראָקע, אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, אין מוזיי פון „בצלאל" אין ירושלים און אין פיל אַנדערע פּריוואַטע זאַמלונגען אין אויסלאַנד.

# יעזשי מערקעל

צום סוף 19־טן און אין ערשטן צענדליק פון לויפנדיקן יאָרהונדערט האָט די פּוילישע קונסט איבערגעלעבט איר צווייטן רענעסאַנס. אויך דאָס מאָל זענען די ערשטע זון־שטראַלן געקומען פון קראָקע. נאָך יאַן מאַטעיקאָ, וועלכער האָט ביים רעאַליזירן זיינע געניאַלע קינסטלערישע וויזיעס מחיה־מתים געווען די געשיכטע פון פּוילן אין מאָנומענטאַלע לייוונטן, איז דערשינען אַ נייער מאַעסטראָ — סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי. וויספּיאַנסקי איז געווען סיי אַ פּאָעט, סיי אַ מאָלער. ער האָט אויפגעלעבט די פּוילישע פֿאָלקס־פּאָעזיע נישט נאָר דורך ליטעראַרישע ווערק, ער האָט איר פּראַכט פֿאַראייביקט אויך אין גלענצנדיקע קונסט־בילדער.

און געווען איז דאָס די צייט, ווען אין דער קונסט האָט געהערשט דער פּוסטער פּאַטאָס און אין דער מאָלעריי — דער היסטאָרישער עפּיגאָניזם און די אַנעקדאָטישקייט. מ'האָט געשאַפן דער עיקר פֿאַר גבירים, סנאָבן און איגנאָראַנטן.

אַדאַנק וויספּיאַנסקין האָט קראָקע ווידער אויפגעלעבט, זיין געני האָט באַשטראַלט און באַלעבט דעם גייסטיקן אָנבליק פון דער דאָזיקער שטאָט.

די קינסטלערישע יוגנט טוליעט זיך צו קראָקע, וווהין עס ציט זי וויספּיאַנסקיס שעפּערישע קראַפט.

צווישן די יונגע פֿאַרערער געפינט זיך אויך אַ יידישער פּלאַסטיקער — יעזשי מערקעל. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1881 יאָר אין לוואָוו. קיין קראָקע איז ער געקומען שטודירן אין 1905 יאָר, און גלייך ווערט ער פֿאַרכאַפּט פון דער כישוף־אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אַרום וויספּיאַנסקין. שטודירט האָט ער, וואָס אַן אמת, ביי יוזעף מעהאָפער — אַ פריינד און הייסן חסיד פון וויספּיאַנסקין, וואָס האָט מיטגעפילט דעם גייסט פון קראַנקן מאַעסטראָ און געפלאַנצט זיינע אידעען אין די הערצער פון זיינע שילער.

דער יונגער מערקער באַשליסט צו גיין אויפן וועג פון זיינע ביידע גרויסע לערער. ער קומט צום אויספיר, אַז אויב ער וועט טריט ביי טריט אָנזאַמלען קינסטלערישע דערפֿאַרונג און אַלגעמיינע בילדונג, וועט ער זיין בכוח צו שאַפן עפּעס אינגאַנצן אָריגינעלס, אייגנטימלעכס. מערקעל פירט אַן אומאויפהערלעכן און טאָג־טעגלעכן קאַמף כדי צו קאָנען רעאַליזירן זיינע פּלענער. ער פֿאַרשטייט, אַז דער וועג צו ריינער קונסט

דאָס איז נישט גאָר התמדה, אַז דערגרייכן אירע הייכן קאָן מען אויסשליסלעך דורך אייזערנער דיסציפּלין אין דער שטרעבונג צו אַבסאָלוטער אויפריכטיקייט.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מערקעל איז שוין צו יענער צייט געווען אונטער דער אויסשליסלעכער ווירקונג פון וויספּיאַנסקין און מעהאָפערן, פלעגט ער גערן אַריינקומען אין דער קונסט־אַטעליע פון סאַמועל הירשענבערג, וועמענס קונסט איז געווען דער היפוך צום ראָמאַנטישן ליריזם, וואָס וויספּיאַנסקי איז געווען זיין איניציאַטאָר. אָבער מערקעל האָט זיך גוט אָריענטירט וועלכן קאַמף עס האָט דורכגעמאַכט הירשענבערג אויף זיין קינסטלערישן וועג. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס וואָס ער זעט אויף הירשענבערגס לייוונטן, איז די פרוכט פון דעם קינסטלערס הייסער באַציונג צו זיין אונטערגעדריקטן און דערנידעריקטן פאָלק. הירשענבערג האָט דאָך דאָס פאַרפינצטערטע און יסורימדיקע לעבן פון די יידישע מאַסן אַריבערגעטראָגן כמעט בוכשטעבלעך אויף די לייוונטן פון זיינע בילדער, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט פאַרבן פון שוואַרצן קאָליר. מערקעל אָבער איז געווען יונג, פול מיט אָפּטימיזם און ראָמאַנטישן שווּנג. נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרענדיקט די קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע, פאָרט ער קיין פאַריז, כדי פאָרזעצן דאָרט זיין שטודיום. דאָס איז געווען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין פאַריז מאַכט ער פרוון צו פאַראייניקן דאָס ווערטפולע, וואָס ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין קראָקע, מיט דעם, אויף וואָס ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין דער נייער אַרטיסטישער סביבה. כאָטש ער זאַפּט איין אין זיך דורשטיק די ווערטן פון דער פראַנצויזישער מאָלער־קונסט, דיקטירט אים אָבער זיין געזונטער אינסטינקט איינצוהאַלטן די אייגענע אינדיווידואַליטעט. אַ גרויסע ווירקונג האָט אויף זיין שאַפונג די מאָלעריי פון סעזאַן, וועלכער איז אין יענע יאָרן נאָך נישט געווען אַזוי באַקאַנט און באַרימט. אָבער מערקעל הערט נישט אויף צו זוכן זיין אייגענעם וועג. די ליריק פון זיינע בילדער איז זייער אייגנאַרטיק. אין דינאַמישער פילפאַרביקייט שאַפט ער פּייזאַזשן נאַיווע, פאַנטאַסטישע, פול מיט אומרואַלע באַשעפענישן. אויך די מענטשן אין זיינע בילדער זענען פול מיט ראָמאַנטישקייט און מיט עפּעס אַ באַזונדער לעבן. דאָ און דאָרט קענט איר זיך אָנשטויסן אין זיין שאַפונג אויף עלעמענטן פון יעגעניוש זאַק'ס קונסט, וועלכער איז מיט אַ דריי יאָר יינגער פון מערקעלן. אין דעם דאָזיקן פּעריאָד איז מערקעלס מאָלעריי געווען ברילע־אַרטיק, מיט פאַרשטאַרקטע קאָנטורן. דער קינסטלער האָט

זיך כמעט אינגאַנצן אויסגעלעבט אין קאָלאָריסטיק. ער וויל נישט איבער־רייסן מיט דער גוטער טראַדיציע פון דער קלאַסישער מאָלעריי, ווי דאָס האָבן געטאָן די נייע קלאַסיקער — די אימפּרעסיאָניסטן. מערקעל פילט גלענצנדיק אַלע מינים שעפערישע שטראָמען אין יענע איבערגאַנגס־צייטן. ער אָריענטירט זיך, אַז אין דער קונסט וואַקסן אָן נייע עלעמענטן, וועלכע עס שאַפן זיינע מיטצייטלער אַזעלכע ווי פּיקאַסאָ, מאַטיס, לעזשער, אָדער בראַק, ער אַליין אָבער האָט זיך גענייגט צו דער עגיפּטיש־באַבילאָנישער קונסט און אפילו צו דער ביזאַנטישער.

אַן ענלעכע דערשיינונג קאָן מען געפינען אויך ביי מאַרק שאַגאַל, צי ביי יאַנקל אַדלער, אָבער ביי מערקעלן אין די דאָזיקע ליריש־יידישע פּאָעזיע מער אוניווערסאַל.

די עקזאָטיק פון שאַגאַלס ווערק און זיינע אַנטיקע געשטאַלטן זענען אַזעלכע, ווי זיי וואָלטן אַדורכגעמאַכט די עוואָלוציע פון דער ציוויליזאַציע. אויך מערקעלן אינטערעסירן ביבלישע מאָטיוון, אָבער זיי קומען אַרויס פון אונטער זיין פּענדזל מער אַרכאַיש, אין זיי איז שטאַרקער די קרובהשאַפט מיט די פּרימיטיוון פון די ביזאַנטישע איקאָנעם.

דער דאָזיקער פּעריאָד האַלט אָבער נישט לאַנג אָן ביי מערקעלן. פילנדיק דעם אָפּגרונט, וואָס טיילט אָפּ די מענטשלעכע פּסיכיק פון דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט אירע פּאַרווּסטונגען פון די אַזוי גערופענע מאָדערניסטישע לאָזונגען, — הייבט מערקעל אָן ווידער אָנבינדן זיין שאַפונג צו קלאַסישע פאָרמען. ער ווערט אַ מאָלער פון דער נאַטור און איר דערהויבנסטער פאָרם אין גייסט פון אַ מין קלוד לאָרען און וואַטאָ. זיין מאָלעריי ווערט גייסטרייך גרויסאַרטיק און פּאָעטיש.

ביז דעם אָנשלוס פון עסטרייך צום דריטן רייך אין 1938 יאָר האָט מערקעל געוווינט אין ווין. מ'האָט אים דאָרט זייער געאַכטעט און געשעצט, אַלס איינעם פון די אָנגעזעענסטע קינסטלער. די באַרימטע עסטרייכישע קונסט־היסטאָריקער, די פּראָפעסאָרן האַנס טיצע און בושבעד, האָבן געווידמעט זיין שאַפונג באַדייטנדיקע מאָנאָגראַפיעס.

וועגן יעזשי מערקעל האָבן אויך געשריבן דער באַקאַנטער קונסט־היסטאָריקער פּראָפעסאָר מאַקס איסלער פון ווין און אין פּוילן—דער גרויסער קונסט־קריטיקער וולאַדיסלאַוו קאָזיצקי. מערקעל איז אויך זייער געשעצט אין פּאַריז, וווּ ער וווינט פון 1938 יאָר. זיינע בילדער האָבן איינגעקויפט די גרעסטע קונסט־גאַלעריען פון פאַרשידענע לענדער. ווען ער האָט נאָך געלעבט אין עסטרייך, האָט מערקעל אויסגעשטעלט זיינע בילדער אי:

פּוילן. ער האָט אויך אין די ווינער צייטשריפטן געשריבן וועגן פּוילישער קונסט און דער עיקר וועגן די ריכטונגען, וואָס האָבן דעמלט געווירקט אין דער קונסט ביי די יידן אין פּוילן. מערקעלס בילדער געפינען זיך אין די קונסט־גאַלעריען פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך ישראל און פּוילן.

## עוגעניוש זאַק

עס זענען אַדורך אַ סך יאָרן פונעם טויט פון איינעם פון די מערקווירדיקסטע מאָלער אין אונדזערע צייטן — עוגעניוש זאַק. ער איז געשטאָרבן אין פּאַריז. זאַק האָט אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון דער קונסט אַ פרעכטיק בלאַט. זיין שאַפונג איז זייער אייגנאַרטיק, גייסטפול און דערביי זייער אויסגעצערטלט און עסטעטיזירט. זאַקס קונסט האָט אַ וואָגעדיקן אויסקלאַנג. און הגם זינט דעם טויט פון קינסטלער איז אויפגעקומען אַ נייע יינגערע גענעראַציע, וועט זאַקס שאַפונג דאָך בלייבן נאָוואַטאָריש. מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז קיינער פון די פּוילישע מאָלער פאַר זאַקן האָט זיך אויפן מערב נישט דערוואָרבן אַזאַ רום, ווי ער. די פראַנצויזישע, בפרט די פּאַריזער קונסט, האָט אים אַדאָפּטירט, האַלטנדיק אים פאַר איינעם פון די גרעסטע מאָלער אין זיין עפּאָכע.

עוגעניוש זאַק איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1884 אין מאָגילנע, געשטאָרבן אין אָנהייב 1926 יאָר אין פּאַריז. דער קינסטלער האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין פראַנקרייך. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער פּוילישער, נאָוואַטאָרישער קינסטלער־גרופּע „ריטם“, צו וועלכער עס האָבן געהערט: ה. קונאַ, ב. קראַמשטיק, סקאָטשילאַס, קאָוואַרסקי, באָראָווסקי. פון דער דאָזיקער גרופּע איז זאַק געווען דער פּאָפּולערסטער. יעדער פון דער גרופּע „ריטם“ איז געווען אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט מיט שוווּנג פון געדאַנק און געפיל, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דעם אייגנאַרטיקן קינסטלערישן אַקצענט פון יעדן באַזונדערנס שאַפן. וואָס שייך זאַקן האָט דער פּאַטאָס זיינער אָנגענומען אַן אייגנאַרטיקע סטיליזאַציע, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין יעדן ווערק זיינעם.

די שעפערישע ליידנשאַפט פאַר יעדער נייעס אין דער קונסט האָט אים קיינמאָל נישט דערווייטערט פון דער כאַראַקטעריסטישער פאַר אים

רעפליק אויף היינטצייטיקע פראָבלעמען. זיינע וויזיעס זענען, ווי אויסגעוועבט פון בלייכע חלומות, אָבער וואָס מער זיי דערנענטערן זיך צו זייער רעאַליזאַציע, ווערן זיי אַלץ קלאָרער. די מענטשלעכע דראַמע אין זאַקס אינטערפרעטאַציע ווערט אַלץ בולטער אין זיין טיפן שווייגן. דער קינסטלער דערסטילירט דעם אינערלעכן פערמענט פון זיינע פאָרשטעלונגען. אַזוי אַרום געלינגט אים צו דערגרייכן די האַרמאָניע צווישן לעבן און קונסט. זיינע בילדער זענען אָנגעזאַפט מיט צעבליטער פאַנטאַזיע. ים געלינגט אים צו פאַרוואַנדלען דעם געהיימנישפולן מרחק אין קאָנקרעטער ווירקלעכקייט, שאַפנדיק פאַרכישופטע נאַטור-ווינקלעך — פאָעזיע אין דער מאָלעריי.

זיינע פייזאַזשן זענען באַפעלקערט מיט מענטשלעכע געשטאַלטן נישט ווייניקער פאָעטיש ווי די נאַטור, וואָס רינגלט זיי אַרום. זאַק שאַפט אימאַגינירטע פאַנאָראַמעס, וועלכע פאַרמאָגן אין זיך אַ מין אורשיינקייט און זענען אויסגעכישופט מיט אויסערגעוויינלעכער מייסטערשאַפט. זיי דערציילן וועגן אַ מאַטעריעלער וועלט, וואָס איז אינגאַנצן אַנדערש פון די, וועלכע עס געשטאַלטיקט דאָס אויג פון אַ נאַטוראַליסט. נישט אָן רעכט ווערט זאַקס שאַפונג באַצייכנט אַלס סימבאָלישע און ראָמאַנטישע. ס׳טרעפט, אַז זאַקס בילדער, הגם נישט קיין געבויטע אויף ביבלישע מאָטיוון, גיבן אילוזיעס פון אַזאַ אינהאַלט. אין דעם סטיל איז געמאָלט זיין בילד „די ערשטע טריט". קוקנדיק אויף דעם בילד, האָט מען דעם איינדרוק, אַז ס׳איז נאָכן מבול, נאָך וועלכן ס׳איז געבליבן אָט די איינציקע משפחה, וועלכע מיר זעען אויפן בילד. דער אַרויסגעבראַכטער פייזאַזש איז ווי אַ געפאַלדעוועטער זאַמד-שטח, פון וועלכן עס רינט נאָך אָפ דאָס וואַסער, וואָס זיינע רעשטלעך האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין אַ קליינער אָזיערע, צו וועמענס ברעג ס׳איז צוגעבונדן אַ זעגל-שיף. אויפן האָזיקן הינטערגרונט מאָלט דער קינסטלער דריי מענטשלעכע פיגורן. צו דעם האַלב-ליגנדיקן פאָטער דערנענטערט זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך אַ קליין, מלאכיש-נאַקעט קינד און הינטער דעם, ווי זי וואָלט עס וועלן פאַרהיטן פון אומפאַלן — גייט נאָך די מוטער. די גאַנצע גרופע איז אַזוי ווי אַרויסגענומען פון חומש און איבערגעטראָגן אויפן לייוונט אין קלאַסישע פאָרמען.

עוגעניוש זאַקס קונסט איז אַ רעאַקציע אויפן דעמלטיקן סכעמאַטיזם, אויף דער מאָלעריי, וואָס איז אויסגעהוילט געווען פון נשמה און האַרץ. זיין סימבאָלישקייט איז ווי פראָוויזאָריש, ווי אַ בריק צום נייעם

ראָמאַנטיזם. זי דערמעגלעכט אונדז אַרויסצופֿילן די אייביקע האַרמאָ=
ניע, וועלכע קומט צום אויסדרוק אין די ווערק פֿון שעפֿער פֿון גרויסן
פֿאַרנעם. עוגעניוש זאַק האָט באַוויזן, וואָס פֿאַר אַ וווּנדערבאַרע מעג=
לעכקייטן עס פֿאַרמאָגט אין זיך די מאָלעריי, וואָס זענען ביז אַהער
נאָך נישט אויסגענוצט געוואָרן — ווען דער קינסטלער האָט
דעם מוט אַריבערצוטרעטן די גרענעץ פֿון נישט באַקאַנטע געביטן. אַלע
אינהאַלטן פֿון זיינע בילדער פֿאַרמאָגן אַ קרישטאָל ריינע פֿרישקייט און
זענען דורכגעדרונגען מיטן געפֿיל פֿון לעבעדיקער שיינקייט. דערביי איז
יעדערער פֿון זיי אויף זיין שטייגער איינאונאיינציק. אין זאַקס קונסט
קאָן מען געפֿינען שטריכן ענלעכע צו דער קונסט פֿון דעלאַקרואַ, וואַן=
גאָג און אַפֿילו אינגרעסן. מיטן לעצטן פֿאַראייניקט זאַקן די פּרעציז=
קייט פֿון דער ליניע און דאָס פֿולשטענדיקע באַהערשן די אַרכיטעקטאָ=
ניק פֿונעם מענטשלעכן קערפּער. פֿונדעסטוועגן איז זאַקס שאַפֿונג נישט
נאָר אַ קאָנטראַסט צו דעם מעכאַניסטישן נאַטוראַליזם, נאָר זיין עמאָ=
ציאָנעלע לאָדונג איז גורם, אַז די דורך אים באַאַרבעטע טעקסטן האָבן
אַ ספּעציפֿישן אויסקלאַנג אין דער פֿאָרם. זאַק מאָלט אַקראָבאַטן, טענ=
צער, בעטלער, מוזיקאַנטן, מאַנאַשקעס און שאַפֿט אויך פּאָרטרעטן פֿון
באַשיינפּערלעכער אויטענטישקייט. די פּראָבלעמען פֿון רוים שפּילן ביים
קינסטלער אַ גרויסע ראָל. די קאָנטורן פֿון די פֿלאַכן פֿון זיינע שאַפֿונגען
שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ וויכטיקן עלעמענט פֿון דער פֿאָרגעשטעלטער
פֿאַבולע אין גאַנצן גענומען. זיי זענען אומצערייסבאַר=געבונדן מיטן
גייסטיקן ריטם פֿון יעדער געוויסער געשטאַלט. כמעט אַלע טיפּן פֿון
זיין קאָמפּאָזיציע זענען אָנגעטאָן אין עפּעס סטיליזירטע קליידער און
באַוועגן זיך אין ענגע, דורכן קינסטלער באַשטימטע, ראַמען, פּונקט ווי
דער מאָלער וואָלט זיי אָפּגעטיילט פֿון דער אויסערלעכער וועלט מיט
אַ סובטעלער פֿאַרבן=אַטמאָספֿער. דעריבער דאַרף מען אַ סך אַרבעט=
זאַקס באַטראַכטן אויסשליסלעך ווי אַ קאָנקרעטיזירונג פֿון זיינע פּאָעטי=
שע שטימונגען.

עס וואָלט געווען נישט ריכטיק צו מיינען, אַז זאַק איז דערגאַנגען
צו זיין ספּעציפֿישן אופֿן פֿון פֿאָרמירן די פּראָבלעמאַטיק ערשט אין פּאַ=
ריז. ער איז געקומען קיין פּראַנקרייך אַלט זייענדיק 19 יאָר. שוין די
כטיליזאַציע פֿון זיינע ערשטע בילדער אַנטפּלעקן ניואַנסן, וועלכע שטאַ=
מען פֿון דעם קינסטלערס נישט=פֿראַנצויזישן קלימאַט. דער דאָזיקער
פּויליש=יידישער מאָלער האָט פֿאַרמאָגט אַ וווּנדערלעך ראַפֿינירטע עס=

טעטיק פון פּאָרמולירן זיינע איינדרוקן, אַ נאָענטע, לויט איר פּינעזיע, צו דער פּאָעטישקייט פון דעם עסטרייכישן דיכטער הוגאָ פאָן האָפמאַנסטאַל, און לויט איר מאָלערישן אויסדרוק — צו דער ראָמאַנטיק פון האַנס פאָן מאַרעעס, וואָס אויך אין זייערע אָדערן איז געפלאָסן יידיש בלוט. די שאַפונג פון די אַלע דריי קינסטלער שטעלן מיט זיך פאָר אַ קולטיווירונג פון פולשטענדיק ספּעציפישע אַספּעקטן. אַזוי, צום ביישפּיל, דריקט גלענצנדיק אויס זאַקס בילד „דער טרוימער" — אַרויסגעפורעמט אין דריי דימענזיעס און אַריינגעפּאַסט אין אַ קובישן רוים — די טראַגישע געשטאַלט פון אַן עלעגאַנטן איינזאַמען יונגן מענטש — אַ מין מאָדערנעם ווערטהער. אָדער לאָמיר באַטראַכטן אַ צווייט בילד זאַקס: „די פרוי מיט דער שאַל". דאָס איז אַ טיפּישע געשטאַלט פון אַ יידישער פרוי מיט די פּאָר איר כאַראַקטעריסטישע קאָנפליקטן, געדעמפטן געפיל, אויסדריקלעך פּנים און ווירדיקן אופן פון האַלטן זיך. דאָס דאָזיקע בילד איז פאַראייניפאַכט ביז קאַלטקייט.

די שאַפונג פון עוגעניוש זאַק איז שטאַרק פאַרבונדן מיט דער שטאָט טשענסטאָכאָוו, וווּ ער האָט אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה. אין דער דאָזיקער אַרבעטער-שטאָט האָט ער זיך אָנגעזען אַ סך נויט ווי אויך שווידערלעכקייטן, ווי אַ רעזולטאַט פון די קריגס-אָפּעראַציעס. זאַק שאַפט דעמלט זייער רעאַליסטישע בילדער פול מיט עקספּרעסיע.

דער שאַפונגס-וועג פון עוגעניוש זאַק האָט זיך אָנגעהויבן אין וואַרשע. דאָ האָט ער געענדיקט די גימנאַזיע און אַלט זייענדיק קוים 17 יאָר, איז ער אָפּגעפאָרן קיין מינכען. ער האָט מיט זיך אַהערגעבראַכט די דערינערונגען פון דער ספּעציפיק פון פּוילישן פּייזאַזש. פאַרגלייכנדיק זיינע שפּעטערישע פּלענער מיט דעם גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דער דעמלטיקער מינכענער אַקאַדעמיע — דערצו האָט ער שטודירט ביי נישט קיין איבעריק אינטערעסאַנטן מאָלער, ווי ס'איז געווען פּראָפ. אָשענבערג — איז זאַק געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מינכען וועט אים קיין סך נישט געבן. נאָך צוויי יאָר פאַרלאָזט ער די דאָזיקע שטאָט און באַזעצט זיך אין 1905 יאָר אין פּאַריז. דאָ האָט ער ענדלעך געפונען דעם געהעריקן מאָלערישן קלימאַט, ווייל אין פּאַריז האָט געפונען כמעט יעדער ביי כמעט יעדער טאַלאַנטפולער קינסטלער, אויב ער האָט נאָר געהאַט אַ ביסל גליק, אַ קרייז מענטשן, וואָס האָבן אים פאַרשטאַנען, און טיילמאָל אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַנטציקט

מיט זיין שאַפונג און געקאָנט אַזאַ אויפגייענדיקן טאַלאַנט אונטער-
האַלטן און דערמוטיקן. אונדזער קוים 21-יאָריקער זאַק ווערט צוגעלאָזט
צו די אויסשטעלונגען אין דעם באַרימטן פּאַריזער האַרבסט-סאַלאָן.
און אין אַ יאָר אַרום ווערט ער זייער אַ שטענדיקער אָנטיילנעמער
(מיטגליד). זאַקס שטערן שיינט אויף אויפן פּאַריזער פירמאַמענט זייער
העל. מע באַוווּנדערט נישט נאָר זיינע שעפערישע וויזיעס, נאָר אויך דעם
אופן ווי אַזוי ער דריקט זיי פּלאַסטיש אויס. נישט קוקנדיק אויף זיין
יונגן עלטער, שאַפט זאַק מייסטערהאַפטע סינטעטישע ווערק. ער שרעקט
זיך נישט אָפּצוּבינדן אין רענעסאַנס. אין זיינע שעפערישע טרוימען גע-
פינט ער געגוג פּלאַץ צו קאָנטינואירן די מאָלערישע קולטור פון פּאָוסע-
גען, טינטאָרעטאָ, על גרעקאָ, און גלייכצייטיק פּאַרשטייט ער אויך דעם
גייסט פון סעזאַנען און פּיקאַסאָ. עס זאָגן וועגן דעם עדות די געשטאַלטן
פון זיינע אַרלעקינען, וועלכע הגם אַנדערש פאָרמולירט ווי ביי פּיקאַסאָ,
זענען זיי אָבער זייער נאָענט צו דער טעמאַטיק פון דעם דאָזיקן מאָלער.
זאַקס קונסט איז אַזוי ווי עפּעס אַ נייע דערשיינונג, וואָס איז אַ רע-
זולטאַט פון דעם קינסטלערס זוכענישן אינעם שטורעם פון די איבער-
ברוך-צייטן. עונעניוש זאַק האָט ווידער אויפגעהויבן הויך די פאָן פון
דער קלאַסישער קונסט. ער האָט באַוויזן, אַז פּונקט ווי אין דער וויסנ-
שאַפט, עקזיסטירט אויך אין דער קונסט אַ שטענדיקע קאָנטינואַציע
פון אוצרות, וואָס גייען איבער בירושה. אַזאַ פיעטעט פאַר דער פאַר-
גאַנגענהייט קאָן מען באַמערקן מערסטנס ביי ערנסטע קינסטלער, וואָס
פאַרהיטן זייער קונסט פון די איינפלוסן פון קאַפּיטאַליסטישן מערקאַנ-
טיליזם. ביי זאַקן באַקומט די ליידנשאַפט ממש אַ פאַנטאַסטישן אויס-
קלאַנג. זי איז גלייכצייטיק אַרכאַיש און העכסט מאָדערן.

זאַק האָט געלעבט זייער קורץ, דערלעבט קוים ביז 40 יאָר. דערי-
בער האָט ער נישט באַוויזן זיך פולשטענדיק אַרויסצוזאָגן. ווי די גרויסע
מאָלער פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע, האָט זאַק געהאַט אַ גרויסע נייגונג
צו מאָלעריי פון אַ ברייטן פאַרנעם, צו מאָנומענטאַלער פרעסק-שאַפונג.
אין 1922 יאָר האָט אים פאַרבעטן דער דייטשישער אַרכיטעקט בראַוהויז
קיין באָן, וווּ ער האָט באַפּוצט דעם פּאַלאַץ, וואָס איז דעמלט געבויט
געוואָרן מיט פרעסקן. דאָ האָט זאַק ענדלעך געהאַט פאַר זיך גרויסע
פלאַכן, אויף וועלכע זיין פאַנטאַזיע האָט געקאָנט רעאַליזירן זיינע שע-
פערישע איינפאַלן, וואָס האָבן זיך נישט געפּאַסט פאַר שטאַלוגע-מאָ-
לעריי. אויף אַזאַ אופן האָט זאַק אין דער געבוירן-שטאָט פון בעטהאָווע-

נען געקאָנט שאַפן אַ ציקל פון מאָלערישע פּרעסקן=פּאָעמעס, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַנטציקנדיקע טענער. דאָס זענען געווען זיינע איינציקע פרעסקן=אַרבעטן.

זאַקס בילדער געפינען זיך אין די ערנסטע קונסט=גאַלעריעס פון דער וועלט. דייטשישע מוזייען און באַדייטנדיקע פּריוואַטע קונסט=גאַלעריעס האָבן זיך געשלאָגן פאַר זיינע מאָלערישע אַרבעטן, אין די דייטשישע צייטשריפטן, וואָס האָבן באַהאַנדלט פראַגן פון קונסט, האָבן זיך אָפט באַוויזן אַרטיקלען וועגן זאַקן מיט רעפּראָדוקציעס פון זיינע שאַפונגען.

עוגעניוש זאַק האָט אויך געמאָלט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט קאָמפּאָזיציעס אויף הייניטצייטיקע טעמעס, באַפאַרבנדיק זיי מיט אַ זעלטן שיינער פּאָעטיק. דער פראַנצויזישער קונסט=קענער, פלאָריאַן פעלס, האָט אַמאָל געשריבן וועגן זאַקן, אַז ער פאַרמאָגט אַ באַזונדערע פעיקייט לעבעדיק צו מאַכן פאַנטאַסטישע געשטאַלטן. די טיפּן, וואָס זאַק האָט אַרויסגעבראַכט, זענען שטענדיק געווען נישט קלאָר דעפינירט, און דאָך — פון בלוט און פלייש.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז זאַק געווען איינער פון די גרינדער פון דער גרופּע „ריטם" און צוזאַמען מיט איר האָט ער תמיד אויסגעשטעלט זיינע בילדער אויף די לאַנד=אויסשטעלונגען, ווי אויך אויף די רעפּרעזענטאַטיווע אויסשטעלונגען פון דער דאָזיקער גרופּע אין אויסלאַנד. אַ יאָר פאַר זיין טויט האָט ער אויסגעשטעלט צוזאַמען מיט דער גרופּע „ריטם" אין רוים. נאָך פאַר דער גרינדונג פון דער גרופּע „ריטם" האָט זאַק אָנטייל גענומען אין די אויסשטעלונגען פון דער קראָקעווער גרופּע „שטוקאַ", וואָס איר גרינדער איז געווען סטאַניסלאַוו סקי און סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי.

זאַקס ווערק קאָן מען געפינען אין די קונסט=גאַלעריעס פון ניו=יאָרק, טאָקיאָ, פּאַריז און לאָנדאָן. אין פּוילן האָט זאַק געהאַט אַ סך פאַרערער, דעריבער האָט אַ גרויסע צאָל פון זיינע בילדער זיך געפונען פאַר דער מלחמה אין וואַרשע, טשענסטאָכאָוו, לאָדזש, קראָקע און אין אַנדערע שטעט. דאָס באַווייזט, אַז זאַקס קונסט איז סיי עמאָציאָנעל, סיי עסטעטיש, און אַז זי ווירקט אויף מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און פאַרשידענער גייסטיקער סטרוקטור. זיין קונסט האָט אויך באַאיינפלוסט אַ סך מאָדערנע מאָלער.

צוליב אויספירלעכקייט דאַרף מען אויך דערמאָנען, אַז נאָכן טויט פון עוגעניוש זאַק האָט זיין פרוי, יאַדוויגאַ, געשאַפן אין פּאַריז א. ג. פון זאַקן אַ גאַלעריע, וואָס איז געוואָרן דער סינאָנים פון פיינקייט אין דער קונסט. די דאָזיקע גאַלעריע האָט מיט ראַט און טאַט געהאָלפן אַ סך יונגע מאָלער, צווישן זיי נישט איינעם, וואָס איז געקומען פון פּוילן. יאַדוויגאַ זאַק איז געווען די נשמה פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, ארום וועלכער עס האָט זיך גרופּירט די עליטע פון די קונסט-קענער און קינסטלער. זאַקס גאַלעריע האָט עקזיסטירט ביז דעם מאָמענט, ווען אין פּאַריז האָט אַריינמאַרשירט די באַרבאַרישע היטלער-אַרמיי. יאַדוויגאַ זאַק איז אומגעקומען אין אָשוויענטשים.

נאָך דער באַפרייונג פון פראַנקרייך האָט מען אין פּאַריז ווידער געעפנט זאַקס גאַלעריע, אין וועלכער עס איז שפּעטער איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון די דערמאָרדעטע יידישע קינסטלער-פּלאַסטיקער, וועלכע האָבן פאַר דער מלחמה געלעבט און געאַרבעט אין פראַנקרייך. אויף דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָבן זיך אויך געפונען די בילדער פון איניקע מאָלער, וועלכע זענען אומגעקומען אין פּוילן, ווי: קראַמשטיק, פעליקס פרידמאַן און מאַוריצי טרעמבאַטש.

וועגן עוגעניוש זאַק זענען דערשינען איניקע מאָנאָגראַפיעס. דער פראַנצויזישער קונסט-קריטיקער, מ. גאָטיע *), שרייבט וועגן זאַקן, אַז ער איז געווען אַ יידישער קינסטלער. אויך אין דער סעריע פון קינסטלער-מאָנאָגראַפיעס אין דער פּוילישער שפּראַך האָט סטעפאַניאַ זאַהאָרסקאַ **) אַרויסגעבראַכט אַ לעבנס-באַשרייבונג פון זאַקן מיט איניקע רעפּראָדוקציעס פון זיינע שאַפונגען.

---

*) M. Gauttier, Les Artistes Juives, Eugen Zak.

**) Stefania Zahorska, Eugeniusz Zak. Monografia artystyczna, tom XV.

# רודאָלף לעווי

מערב-פוילן, ד. ה. די פוילישע געביטן, וואָס האָבן זיך עטלעכע הינדערט יאָר געפונען אונטער דער פרייסישער הערשאַפט, האָבן אַרויסגעגעבן נישט איין באַרימטן פוילישן און אויך יידישן קינסטלער. אָבער זעלטן ווער פון זיי האָט געהאַט דעם מוט צו אָנערקענען זיך צו זיין נאַציאָנאַליטעט. אויף יעדן נישט-דייטש האָט געדריקט די טענדענץ צו אַסימילאַציע און ווער עס האָט זיך דער דאָזיקער טענדענץ נישט אונטערגעוואָרפן, האָט דערפילט די גאַנצע קראַפט פון גוואַלטאַט און האַרטנעקיקייט פון דער פרייסישער מאַכט. נאָר אַזאַ פון גאָט געבענטשטער קינסטלער, ווי דאַניעל כאָדאָוויעצקי, וועלכער איז געווען באַפריינדעט מיט דער גייסטיקער עליטע פון דייטשלאַנד: מיט געטע, לעסינג, ווילאַנד און מענדעלסאָן, האָט זיך געקענט דערלויבן צו אָנערקענען צו זיין פוילישער אָנגעהעריקייט. נישט געקוקט אויף דעם, איז ער געווען דער דירעקטאָר פון דער פרייסישער קונסט-אַקאַדעמיע אין בערלין. אָבער כאָדאָוויעצקי האָט געלעבט אין די צייטן פון נאַפאָלעאָנען, ווען דער פרייסישער קעניג איז געווען געצוואונגען זיך אונטערצוואַרפן דער זיגרייכער אַרמיי פון פראַנצויזישן אימפעראַטאָר, אין וועמענס רייען עס האָבן געקעמפט פוילישע מיליטער-טיילן. אונטער ביסמאַרקס הערשאַפט וואָלט דאָס שוין געווען אוממעגלעך, אַז אַ קינסטלער פון פוילישער אָפשטאַמונג זאָל פאַרנעמען אַ פאָסטן פון אַזאַ גראַד. אין היטלער-דייטשלאַנד האָט געקענט מאַכן אַ קאַריערע נאָר אַזאַ רענעגאַט ווי יוזעף סטרזשיגאָווסקי, וואָס איז געוואָרן דער אַפאָסטאָל פון „גערמאַנישן“ קונסט-אידעאַל. אַלץ, וואָס איז געווען אין דער וועלט דערהויבן און שיין, האָט ער פאַררעכנט צום געניוש פון דער גערמאַנישער ראַסע, וועלכע איז כלומרשט שפעטער באַרויבט געוואָרן פון אירע אוצרות און ס'האָבן זיי צוגעאייגנט אַנדערע פעלקער.

אין דער אָפהאַנדלונג וואָלט איך געוואָלט דערציילן וועגן גורל פון אַ באַדייטנדיקן קינסטלער פון יידישער אָפשטאַמונג, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין שטשעטשין, איז באַרימט געוואָרן אין פיל אייראָפעישע לענדער און אויך אין אַמעריקע און צום סוף האָט ער געטיילט דעם ביטערן גורל פון אַלע יידן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין די היטלער-לאַפעס.

רודאָלף לעווי איז געבוירן געוואָרן דעם 15 יולי 1875 יאָר אין שטשעטשין אין נישט קיין רייכער יידישער משפחה. זוכנדיק אַרבעט איז

ער צוערשט אַוועקגעפֿאָרן קיין גדאַנסק און שפּעטער אין דער הויפּטשטאָט פֿון באַדען — קאַרלסרוע, וווּ ער האָט זיך געלערנט סטאָלעריי. ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט אָט די מלאכה (וואָס איז אים אין די שפּעטערדיקע צייטן נישט איינמאָל זייער צונוץ געקומען), איז ער אַוועק אויפֿן וועג פֿון זיינע אמתדיקע נייגונגען און איז אַריינגעטראָטן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע אין מינכען. דאָ שטודירט ער אַ געוויסע צייט ביי דעם באַקאַנטן דייטשישן פּייזאַזשיסט היינריך פֿאָן ציגעל. אָבער די מינכענער קונסט אַנטשפּרעכט נישט דעם יונגן קינסטלער, כאָטש מינכען האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער סכעמאַטישקייט און דעם טרוקענעם אַקאַדעמיזם, וועלכן בערלין פֿון די האָהענצאָלערנס האָט געוואָלט פֿאָרסירן אין דער גאַנצער מלוכה. לעווין האָבן נישט געצויגן אַפֿילו די ראַדיקאַלסטע דעמאָלטיקע דייטשישע מאָלער, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער אַזוי גערופֿענער „סעצעסיע“, ווי מאַקס ליבערמאַן, קאָרינט, ווילהעלם פֿאָן אודע, סלעפֿאָגט און אַנדערע. אים באַפֿרידיקט שוין נישט אויסשליסלעך נאָר די קאָלאָריסטיק פֿון שיינע פּייזאַזשן, מיט וועלכער עס האָבן זיך פֿאַרנומען די דייטשישע אימפּרעסיאָניסטן. ער האָט זיך באַצויגן מיט איראָניע סיי צום גלאַטיקן אויסגעצאַצקעטן שלייפֿן, סיי צום אויסשליסלעכן אויסלעבן זיך אין דער אימפּראָוויזאַציע פֿון איינדרוקן. וואָס טיפֿער ער איז אַריינגעדרונגען אין תוך פֿון מאָלעריי, אַלץ בעסער האָט ער זיך אָריענטירט אין דעם, אַז די פֿראַנצויזישע מאָלער דריקן זיך אויס אַממיינסטן אוממיטלבאַר, צום ריינסטן און פֿיינסטן און דערביי איז זייער שעפֿערישער אימפּולס פּשוט און געזונט. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען אין דייטשלאַנד האָט מען געשעפּט פֿון אַלץ, וואָס קומט פֿון פֿראַנקרייך. די דייטשן האָבן גערופֿן דעם פֿראַנצויזישן אימפּרעסיאָניזם „קלעקסענמאָלעריי“ און האָבן געהאַלטן, אַז ער איז מיאוס, דעקאַדענטיש, און אַז ער קאָן קאַליע מאַכן דעם גוטן געשמאַק פֿון די דייטשן. רודאָלף לעווי, נישט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפֿט פֿון די שאָוויניסטישע דייטשישע קרייזן קעגן דער מאָדערניסטישער פֿראַנצויזישער קונסט, פֿאָרט קיין פֿראַנקרייך מיטן צוועק דאָרט פֿאָרצוזעצן זיין מאָלערישן שטודיום. ער באַקומט שטאַרק ליב פֿראַנקרייך און איז פֿול מיט אכטונג צו אירע קינסטלער, וואָס שאַפֿן נייע ווערטן, בלייבנדיק דערביי מענטשלעך און טאָלעראַנט צו דער אייגנאַרטיקייט פֿון קינסטלער, וואָס געהערן צו פֿאַרשידענע פֿעלקער. אין פּאַריז האָבן זיך געקענט ברידערן די דרייסטע שאַפֿונגען פֿון שפּאַניער — פּיקאַסאָ מיט די

ווערק פון האָלענדישן פּאָרהלומטן וואַן־גאָג, ווי אויך פון גאָגען — דעם אַנטפּלעקער פון דער אורהאַלטער, נישט געריהטער שיינקייט פון עקזאָטישע לענדער, דעסגלייכן מיט דער מאָלעריי פון מארק שאַגאַל, וועלכער האָט דווקא דאָ, אין פּאַריז, געקענט צום רואיקסטן פאַראייניקן אין א פאַנטאַסטישן געפלעכט די דערינערונגען פון יידישן שטעטל אין רוסלאַנד מיט זיינע פאַנטאַסמאַגאָריעס.

צום בעסטן אָבער אַנטשפּרעכט רודאָלף לעווין — מאַטיס (וואָס איז געווען קוים עטלעכע יאָר עלטער ווי לעווי), וועלכער האָט געשאַפן פאַר זיין טעמאַטיק פון קעגנשטאַנדן א נייע פאַנטאַסטיש־קאָלירטע דעקאָראַטיוויקייט, וואָס איז באַשטאַנען אין א נייעם אופן פון צונויפשטעלן קאָלירטע פלאַכקייטן. צום שטאַרקסטן באַוואונדערט לעווי איז דער פראַנצויזישער מאָלעריי דעם פאַקט, וואָס דאָס גרונט־פּראָבלעם איז דאָ דער מיזאַמער פּראָצעס פון שאַפן גופא, וועלכער שטרעבט צו באַרייכערן די פּלאַסטיק מיט נייע מאָלערישע עלעמענטן און ערשט אין רעזולטאַט פון דעם אַנטשטייען פאַרשידענע טעאָריעס און פאַרשידענע ריכטונגען. ווען לעווי איז אָנגעקומען קיין פּאַריז, זענען דאָרט, אין די קרייזן פון די דאָרטיקע קונסט־קענער און צווישן די קינסטלער גופא, אמשטאַרקסטן געשעצט געווען פּאָל סעזאַן (1839—1906), פּאָל גאָגען (1848—1903), וואַן גאָג (1853—1890). אָבער עס זענען שוין געוואקסן נייע, יונגע טאַלאַנטן, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך נייע שעפערישע אידעען, און וועלכע האָבן שוין קריטיקירט זייערע פאָרגייער, פאָרוואַרפנדיק זיי, אז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן האַלבן וועג. עס מערקן זיך שוין די נייע אקצענטן פון באָנאַר (1867—1947), סיניאַק (1863—1935), טולוז־לאָטרעק (1864—1901) און אנדערע.

יעדערער פון די דאָזיקע נייע מאָלער איז שוין דעמלט געווען א קליינער שטערן אויפן מאָנפּאַרנאַס. דאָ האָט לעווי געפונען דאָס, וואָס ער האָט באַדאַרפט: קינסטלער, וואָס פּרוּוון אריינטראָגן אין דער מאָלעריי אָריגינעלע און לעבעדיקע עלעמענטן, דערגרייכנדיק דאָס דורך טאָג־טעגלעכער מיזאַמער ארבעט.

פאַר לעווי — דעם יידישן קינסטלער פון שטשעטשין — אַנטפּלעקן זיך אין פּאַריז אַלץ נייע רעוועלאַציעס. זיין קינסטלערישער טעמפּעראַמענט איז נאָענט צו דעם, וואָס ער טרעפט אין דער ברוייזנדיקער קינסטלערישער אַטמאָספער פון פראַנקרייך. און ער איז גענייגט אויסצודריקן

זיין טעמאַטיק אין פאַרכישופטע פאַרבן־טאָנאַציעס, ווי א מענטש וואָס איז בארוישט פון שטאַרקן ווייַן.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט די גרעסטע באַוווּנדערונג ביי אים ארויסגערופן מאַטיסעס מאָלעריי. א געוויסע צייט ארבעט ער אפילו אין זיין אַטעליע. ער באַוווּנדערט זיין פאַנטאַסטישן סטיל פון קאָמפּאָזיציע און דעם טאָן, וואָס איז געווען אַזוי ריין ווי א געשליפענער דימענט. דער עיקר באַוווּנדערט ער זיין אויסערגעוויינלעך סימעטרישע גרופּירונג פון דער גאַנצער בילדער־פאַקטור. לעווים ארבעטן האָבן פּערמאַנט אַן אַנדערן אויסקלאַנג און זענען געווען אַנדערש טאָנירט, אָבער אין זייער קאָנצעפּציע זענען זיי זייער נאָענט צו די דאָזיקע בילדער פון מאַטיסן. לעווים שאַפונג האָט פאַרמאָגט אין איר לירישן אויסקלאַנג עפּעס ווייטיקדיקעס, מעלאַנכאָלישעס, עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ארויסגערופן פון פאַרבן, וועלכע זאָגן עדות וועגן אַן אַנדערער שעפערישער דערפינדערישקייט, איידער ווי ביי די פראַנצויזישע קינסטלער.

אין דער ווייטערדיקער פאַזע פון זיין שעפערישקייט אין פראַנקרייך דערנענטערט זיך לעווי צו דעם קרייז פון די פראַנצויזישע קוביסטן. דאָס איז געווען אינגאַנצן דער היפוך פון דער פאָרם, מיט וועלכער עס האָבן זיך באַנוצט די אוואַנגאַרדיסטן פון אימפּרעסיאָניזם. כאַראַקטעריסטיש פאַר איר איז געווען דאָס ווייזן געשטאַלטן אין שאַרפע ווינקלדיקע ליניעס, אין פאַרשידענע ברילע־אַרטיקע מאַסיווע פאָרמען, אָפט אפילו אין געאָמעטרישער ארכיטעקטאָניק.

נאָך דעם בראַק האָט אין דער קונסט ארויסגעדריקט איינע פון די גרעסטע מאַניפעסטאַציעס פון עמאָציאָנעלקייט דער קוביזם — א ריכטונג, וואָס וואַרפט אָפּ אַלץ, וואָס עס איז אקאַדעמיש־טרוקן, איינגעחזרט און טריוויאַל, כדי צו דערגיין צו א נייעם זיין, וואָס אַנטשפּרעכט אַמבעסטן דער נייער ווירקלעכקייט. אַזוי צום ביישפּיל, מאָלט פּיקאַסאָ זיין „מאַן מיטן קלאַרנעט" אין דער פאָרם פון א מין פּיראַמידע, וואָס באַשטייט פון פיל עלעמענטן ענלעכע צו קאַסקאַדעס ענלעך צו דעם מאָלט בראַק זיין „נאַטור־מאָרט מיט א צייטונג". אויך לעווים דעמלטיקע בילדער האָבן אין זיך ברילע־אַרטיקע פאָרמען צוגלייך מיט דער אייגנטימלעכער פאַר אים לירישקייט פון קאָלאָריט.

די אייראָפּעישע פּלאַסטיקער, און קודם־כל די פראַנצויזישע, האָבן אין דער צייט פון ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה געפּרווט אויסדריקן אין זייערע ארבעטן אקטועלע פּראָבלעמען פון דער מערבדיקער ציוויליז־

זאציע. די קונסט פון די דאָזיקע מאָלער־אוואַנגאַרדיסטן האָט באַדאַרפט אויסדריקן דעם פּראָטעסט קעגן דעם אָבסקוראַנטיזם פון רייכן בירגער, וואָס האָט גענומען זיך די רעכט אָנוואַרפן זיינע באַנאַלע קונסט־געשמאַקן. די קינסטלער האָבן געשטרעבט ענדלעך זיך צו באַפרייען פון דער בורזשואַזער אויסטייטשונג פון באַגריף „שיינקייט“, זוכנדיק ריינע, פינקטלעך־פאָרמולירטע פּראָסטע לעזונגען, וואָס אַנטשפּרעכן די געהעכערטע טעמפּן פון לעבן.

אויך זיין לעווים בילדער געפינען מיר די אָפּשפּיגלונג פון די ריכטונגען אין דער קונסט פון יענע צייטן. ער האָט טראַנספּאָנירט אויף דער פלאַכקייט פון בילד אינגאַנצן א נייע ריטמיק און אן אנדערן אקצענט אין דער פאָרמולירונג פון טעמאַטיק. לעווי איז געווען קודם־כל א פּייזאַזשיסט, ער האָט אָבער אויך געמאָלן שטיל־לעבן און פון צייט צו צייט אויך פּאָרטרעטן. ער האָט זיך באַמיט נישט אָפּצונייגן פון דער צילגעווענדטקייט און קאָנקרעטקייט פון דער טעמע און דאָס גיט צו זיינע אַרבעטן אייגנאַרטיקייט און נאַטירלעכקייט. עס איז אין זיי נישטאָ (ווי ביי פיל אנדערע דעמאָלטיקע קינסטלער) קיין נישט־דערזאָגטקייט און קיין פאַרנעפּלטקייט. דאָס, וואָס איז דויערהאַפטיק און תוכיק, איז אין לעווים בילדער שטאַרק סובלימירט און צוגלייך דערמיט פילט מען די גאַנצקייט פון דער אַטמאָספער מיט אלע אירע פאַרבינדונגען מיטן אַרום. די אייגנאַרטיקייט פון רודאָלף לעווים בילדער (אַזוי ווי ביי אנדערע קינסטלער פון א הויכער מדרגה), באַשטייט אין דעם, וואָס מען פילט זיי גלייך אויס צווישן אנדערע ווערק מיט אן ענלעכער פאָרם.

לעווים שאַפונג האָט מיט דער צייט באַקומען אַלץ מער אנערקענונג. ווען דער דרוק פון די האָהענצאָלערנס אויף דער קולטור־פּאָליטיק פון דייטשלאַנד און דער אַפּאָטעאָז פון מיליטאַריזם ווערן אין דער ווייַמאַרער רעפּובליק שוואַכער, און די פראַנצויזישע קונסט דערגרייכט ענדלעך צו אַלע דייטשישע קונסט־גאַלעריען און אויסשטעלונגען, — דעמאָלט הייבט זיך אָן אַ געוויסע אויפלעבונג און ענדערונגען אויך אין דער שאַפונג פון די דייטשישע קינסטלער, וואָס זענען געווען באַווירקט פון נייעם גייסט. נאָך דער 1־טער וועלט־מלחמה ווערן דאָ שטאַרק בכבודיק אַזעלכע מאָלער, ווי מאַקס ליבערמאַן, וואָס ווערט אפילו נאָמינירט אלס פּרעזידענט פון דער פּרייסישער קונסט־אַקאַדעמיע און פירט מיט איר אָן ביז היטלערס קומען צו דער מאַכט. אויך אַנדערע דייטשישע אימפּרעסיאָניסטן ווי קאָרינט, סלעפאָגט ווערן קלאַסיקער פון דער מאָדערנער מאָלעריי. צו יע־

נער צייט געפינען זיך לעווים בילדער אין די בכבודיקסטע דייטשישע קונסט-גאַלעריען. זיינע אַרבעטן באַקומען אַן אָפּקלאַנג אין די אויטאָריטעטסטע פאַך-קרייזן. איינס פון זיינע בילדער איז אפילו רעפּראָדוצירט געוואָרן אין דעם ווערק פון באַוווסטן קונסט-היסטאָריקער קאַראָל איינשטיין „די קונסט פון 20-טן יאָרהונדערט". וועגן אים האָבן אויך געשריבן אַזעלכע קאָריפייען ווי מאַקס דערי, פריץ שטאַל, קאַרל שעפלער א. א. אויך אויטאָריטעטע צייטשריפטן, ווי „קונסט אונד קינסטלער", „קונסט אונד דעקאָראַציאָן", „קווערשניט" האָבן געדרוקט גרעסערע אַרטיקלען מיט רעפּראָדוקציעס אויף דער טעמע פון דער שעפערישקייט פון קינסטלער רודאָלף לעווי. ביזן יאָר 1939 האָבן זיך רודאָלף לעווים בילדער געפונען נישט נאָר אין די גרעסטע קונסט-גאַלעריען פון דייטשלאַנד, נאָר אויך אין פּריוואַטע זאַמלונגען אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער. איינער פון זיינע פּייזאַזשן האָט זיך געפונען אין דער זאַמלונג פון ווילהעלם קרייס — איינער פון די גרעסטע דייטשישע אַרכיטעקטן פון 20-טן יאָרהונדערט. אויך די באַוווסטע זאַמלונגען פון קאַרנעגי-אינסטיטוט אין פּיטסבורג האָבן פאַרמאָגט רודאָלף לעווים בילדער.

ווען אויף די גאַסן פון די דייטשישע שטעט האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן וואָס אַמאָל מער ברוינע העמדלעך און אַלץ אָפטער האָט געקלונגען דאָס ווילדע „האָרסט-וועסעל ליד", איז לעווי אין 1933 אַוועק פון דייטשלאַנד. א געוויסע צייט האָט ער געלעבט אין פראַנקרייך, שפּעטער פאָרט ער אַריבער קיין איטאַליע. ער האָט געהאָפט, אַז דאָרט וועט ער זיין זיכערער ווי אין פראַנקרייך. אין דער זעלבער צייט האָט מען פון די דייטשישע קונסט-גאַלעריען אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן די ווערק פון יידישע קינסטלער. אויך פּריוואַטע קונסט-זאַמלער האָבן אָנגעהויבן רייניקן זייערע זאַמלונגען פון ווערק, וואָס עס האָבן געשאַפן נישט אַריער. דעם דאָזיקן אויטאָ-דאַפע זענען אויך אַוועקגעגעבן געוואָרן בילדער פון פּראָגרעסיווע דייטשישע מאָלער, ווי אָסקאַר קאָקאָשקאָ, געאָרג גראָש און אַנדערע.

די דייטשישע הענקער האָבן געפונען דעם קינסטלער לעווי אַפילו אין איטאַליע. אומגעקומען איז ער מן-הסתם אין איינעם פון די לאַגערן אין פּוילן. דער לעקסיקאָן פון 20-טן יאָרהונדערט 3-טער באַנד, זייט 222 שרייבט וועגן זיין טויט: „אין 1943 אומגעבראַכט אין א פאַשיסטישן ק. צ." און דעם זעלבן לעקסיקאָן לייענען מיר אין דעם אַרטיקל וועגן רודאָלף לעווי, אַז צום אָנדענק פון דעם דאָזיקן קינסטלער האָט מען נאָך

דער מלחמה אין פֿאַרשידענע שטעט פֿון דייטשלאַנד איינגעאָרדנט אויסשטעלונגען: אין מינכען, שטוטגאַרט, בערלין, האַנאָווער און אַז די קונסטגאַלעריע אין האַנאָווער האָט איינגעקויפֿט פֿאַר אירע זאַמלונגען לעווים 5 בילדער. פֿאַרשידענע צײַטשריפֿטן פֿון מערבֿ־דייטשלאַנד האָבן געווידמעט רודאָלף לעווינען נאָך דער מלחמה פֿיל אָפּהאַנדלונגען, אָנווײַזנדיק אויף זײַנע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער מאָדערנער קונסט. אויך דער באַקאַנטער היסטאָריקער פֿון דער מאָדערניסטישער קונסט, איינשטיין, האָט אין זײַן ווערק „מאָלערײַ דעם 20־טן יאָרהונדערט" מיט גרויס אָנערקענונג זיך אויסגעדריקט וועגן דער שאַפֿונג פֿון דעם דאָזיקן אויסגעצייכנטן קינסטלער.

## מאַקס ראַפּאָפּאָרט

מאַקס ראַפּאָפּאָרט איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער מאָלער. איז עס טאַקע אַ גרויסער וווּנדער, וואָס ער פֿיגורירט נישט אין דעם טהיעמעבעקער־לעקסיקאָן און אויך נישט אין דעם 4־טן באַנד פֿון דעם אַלגעמיינעם קינסטלער־לעקסיקאָן פֿון דעם 20־טן יאָרהונדערט, וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1958 יאָר. מאַקס ראַפּאָפּאָרט איז געשטאָרבן אין 1924 יאָר אין דרום־איטאַליע פֿון שווינדזוכט און מען האָט אין אים כמעט ווי פֿאַרגעסן. אָבער אין די עליטאַרע קרײַזן פֿון די קונסטקענער אין דייטשלאַנד איז דער דאָזיקער קינסטלער זײַנער צײַט הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן. די אָנגעזעענע זשורנאַלן, וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן מיט קונסט, האָבן וועגן ראַפּאָפּאָרטן פּובליקירט ברייטע אַרטיקלען פֿון זייער קאָמפּעטענטע קונסט־קריטיקער.

מאַקס ראַפּאָפּאָרט איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1884 אין ביעלסק (אויבער־שלעזיע), וואָס האָט אין יענע יאָרן געהערט צו עסטרײַך. דעריבער האָט ער שטודירט אין ווין. פֿון דאָרט איז ראַפּאָפּאָרט אַריבערגעפֿאָרן קיין פּאַריז און דערנאָך קיין בערלין. די דאָזיקע דרײַ קונסטצענטערס זענען פֿאַר דעם דאָזיקן קינסטלער געווען אַן אָרענע פֿון גרויסע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען און יעדע באַזונדערע שטאָט האָט געווירקט אויף דעם קינסטלער מיט איר אייגנאַרטיקייט. אין אופֿן פֿון פֿאָרמולירן די טעמע איז פֿאַראַן אין די שאַפֿונגען פֿון ראַפּאָפּאָרטן עפּעס אייגנאַרטיקס. אויב מען זאָל פֿאַרגלײַכן די טעגער פֿון זײַן פּאַלעטע מיט יענע,

וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט אַנדערע קרובהשע קינסטלער, קאָן מען זיי באַצייכענען אלס טענער, וועלכע זענען כּסדר אין אקציע. זיי וויברירן אויפֿן לייוונט אָן איבעררייס און דאָך בינדן זיי זיך גוט מיט דעם הויפּט־מאָטיוו. באטראכטנדיק א פּאָרטרעט, וועלכער איז געשאפֿן דורך ראפּאָ־פּאָרטן, דערקענען מיר גלייך די פּערזענלעכקייט, וועלכע איז געמאָלט געוואָרן, דערביי אָבער איז די מאָלערישע סובסטאנץ גאָר א באזונדערע. עס באמערקט זיך, אז אין דעם אופֿן פֿון אויפֿפֿאסן דורך דעם דאָזיקן קינסטלער איז פֿאָרגעקומען אַן אויסערגעוויינלעכע גראדאציע פֿון ליכט און שאָטן און דער רעזולטאַט איז אויסגעדריקט געוואָרן אין אַן אויפֿרע־גנדיקער קאָלאָריסטיק. די איבערלעבונגען און שטימונגען פֿון דעם קינסטלער האָבן זיך ווי איינגעקריצט אין דער געשטאלט פֿון זיין מאָדעל. די קערפּערס פֿון די געשטאלטן זענען ווי פּארוויקלט אין ליכט און דעמערונג. אָן שום שאָטן. פֿון דאַנען קומט, וואָס די נאַטירלעכקייט זיינע איז אזא וווּנדערלעכע.

דער ערשטער לערער פֿונעם קינסטלער אין ווין איז געווען גוסטאַוו קלימט, אַ קינסטלער מיט אַן אייגנאַרטיקער קולטור, וועלכער האָט אין זיינע בילדער איגסצעניזירט א ווונדערלעכע דעקאָראַטיוויקייט. פֿון זיין אַטעליע איז געקומען אַזאַ באַוווסטער קינסטלער, ווי אָסקאַר קאָקאָשקאָ, א מאָלער פֿון גאָר אַן אַנדערן כאראקטער, ווי זיין לערער איז געווען. גישט געקוקט דערויף, האָט קאָקאָשקאָ שטארק פֿארערט גוסטאַוו קלימט. די זעלבע באַציונג האָט געהאַט צו אים מאקס ראפּאָפּאָרט, הגם ער האָט די אויבערפֿלאַך אנדערש טראַקטירט אין זיין שפּעטערישער קאָנצעפּציע. מאַקס ראַפּאָפּאָרט האָט געלייגט ווייניק אכט אויף דער רייכקייט פֿון דער דעקאָראַציע, האָקעגן האָט ער מיט היימן פּאַטאָס געשטאַלטיקט די ריטמיק פֿון די אַרויסגערופֿענע געשטאַלטן. די צייכענונג פֿון ראַפּאָפּאָרטן איז היים אָנגעלאָדן אין דער קאָנסטרוקציע, אָבער ווייזט ארויס די טענדענץ צו שאַפֿן ברילעס. מאַקס ראַפּאָפּאָרט האָט א געוויסע צייט געאַרבעט אין דער אַטעליע פֿון פּיקאַסאָ, פֿון דאַנען זיך אַריבערגעטראָגן צו מאַטיס. ראַפּאָפּאָרט האָט א סך געגאָמען פֿון דער פֿראַנצויזישער שול, און דאָך איז ער אפֿילו אין זיינע פּאַריזער שאַפֿונגען נישט ווייט אַוועק פֿון זיין ספּעציפֿיק.

אין בערלין האָט ראַפּאָפּאָרט געשאַפֿן דעם פּאָרטרעט פֿון דעם בילדונגס־מיניסטער הייניש, דעם פּאָרטרעט פֿון דעם באַקאַנטן מוזיק־קריטיקער, פּראָפֿעסאָר וויסמאַן, פֿון דער באַקאַנטער פּראָגרעסיווער שריי־

בערין, דער פירשטין ליכנאָווסקי, וועלכע איז אויך געווען דער מעצענאַט פון דעם קינסטלער. ער האָט געשאַפן פּאָרטרעטן פון אַ סך באַקאַנטע פערזענלעכקייטן פון דער ווייַמאַרער רעפּובליק. אין דעם זשורנאַל „יאַרבוך דער יונגען קונסט“ האָט זיך אין 1923 יאָר באַוויזן אַן אַרטיקל פון פריץ נעמיץ וועגן דער שאַפונג פון מאַקס ראַפּאַפּאָרט באַגלייט מיט פיר רעפּראָדוקציעס פון זיינע בילדער: דער פּאָרטרעט פון פּראָפ. וויסמאַן, „אַן אַקט פון אַ מיידל“, „די נעגערין“ און „זי שלאָפט“. אויך די דייטשישע פּרעסע, ווי למשל, „דער בערלינער טאַגבלאַט“, „פאָסישע צייטונג“ און אַנדערע ליבעראַלע זשורנאַלן האָבן באַמערקט דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן טאַלאַנט. אַלץ מער מענטשן האָבן געוואָלט האָבן זייערע פּאָרטרעטן, געמאָלן דורך דעם דאָזיקן קינסטלער.

בעת דער קינסטלער האָט שטודירט, האָט ער געליטן גרויס נויט. ווען עס איז געקומען זיין טאָג פון אויפשטייג, איז זיין געזונט געווען רואינירט. די פינאַנסיעלע מיטלען זענען נישט בכוח געווען צו ראַטעווען האָס, וואָס איז רואינירט געוואָרן.

אין 1924 יאָר איז דער קינסטלער געצוווּנגען געווען צוליב זיין געזונט־צושטאַנד אַריבערצופאָרן אין אַ לאַנד מיט אַ מילדן קלימאַט. ער איז אַוועק קיין סיציליע, דאָס געזונט האָט זיך נישט געבעסערט און וואָס נענטער צום סוף, אַלץ מער האָט דער קינסטלער געלעבט מיט די וויזיעס פון זיינע בילדער; סיי פון די וועלכע ער האָט שוין געהאַט געשאַפן, סיי פון די וועלכע ער האָט געטרוימט צו שאַפן. ער איז געשטאָרבן אין 1924 יאָר, אין עלטער פון 40 יאָר.

# דוד אַלעקסאַנדער האַלטרעכט

די קונסט פון ד. האַלטרעכט, דער עיקר זיין טעמאַטיק, איז שטאַרק אייגנאַרטיק. באַזונדערס איז זי אָריגינעל פאַר אַ קינסטלער פון פּוילן. דער גרעסטער טייל פון זיינע בילדער איז געשאַפן געוואָרן אין די ווייטע לענדער, צווישן במעט אומבאַקאַנטע פאַר אונדז פעלקער.

ד. א. האַלטרעכט האָט געשטאַמט פון א יידישער רבנישער משפחה. ער איז געבוירן געוואָרן אין וולאָצלאַוועק אין 1880 יאָר אלס דאָס זיבעטע קינד אין דער משפחה. זיין פאָטער איז יונג געשטאָרבן און דעריבער איז דוד פון דער פריסטער יוגנט אָן געצוווּנגען געווען

אַליין צו פאַרדינען אויפן לעבן. ער האָט געאַרבעט אין לאָדזש אַלס אַ פאַרקויפער, אַלס וועבער. דער דראַנג צו לערנען זיך איז ביי אים גרויס געווען, האָט ער זיך געגרייט צו מאַטורע אַלס עקסטערן. ער האָט געפילט, אַז זיינע נייגונגען צו צייכענען און מאָלן טראָגן אַ טיפערן כאַראַקטער. אין יענעם פעריאָד האָט ער אָבער נישט געהאַט די מעגלעכקייטן ערנסט זיך צו פאַרנעמען מיט מאָלן. ערשט אין 1903 יאָר, דאָס הייסט אין עלטער פון 23 יאָר, איז האַלטרעכט אַוועק קיין אָדעס, ווו ער ווערט אָנגענומען אין דער קונסט=אַקאַדעמיע. די רעוואָלוציע פון 1905 יאָר האָט שטאַרק געווירקט אויף דעם יונגן קינסטלער און ער טרעט אַריין אין די רייען פון סדקפּל. די שיינע שטאָט אָדעס, וועלכע געפינט זיך אויפן ברעג פונעם שוואַרצן ים, מאַכט אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקן איינדרוק אויפן קינסטלער. שוין דעמלט טרוימט ער וועגן אַ רייזע איבער די עקזאָטישע לענדער, איבער אומבאַקאַנטע ימים. ער לערנט זיך פלייסיק אין דער קונסט=אַקאַדעמיע און שפּעטער לאָזט ער זיך קיין מינכען און פּאַריז. דאָרט האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דער פּלאַסטישער קונסט פון די עלטסטע צייטן אָן: מיט דער אַלטגריכישער, רוימישער, גאָטישער, מיט דער רענעסאַנס=קונסט ביז צו די מאָדערנסטע מאָלעריי=שטרעמונגען. באַזונדערס האָט אים געלאָקט דער מזרח.

האַלטרעכט קאָן פאַררעכנט ווערן צום טיפּ פון רוסישן קינסטלער, דאָס הייסט צו די קינסטלער=הומאַניסטן. ער איז ענלעך צו דעם באַקאַנטן רוסישן מאָלער און רייזנדער וואַסילי וואַסיליעוויטש וויערעשטשאַגין (1842—1904). ווי ביי וויערשטשאַגינען לעבט אין האַלטרעכטן די זעלבע בענקשאַפט. ער טרוימט צו באַקענען זיך מיט יענע פעלקער, וועלכע לעבן אונטער דער טראָפּיקאַלער זון, מיט די איינוווינער פון די מדבריות, פאָרשן זייער לעבנס=שטייגער, זייערע מנהגים, זייער פאָלקס=קונסט, מלבושים א. ד. גל. דאָרטן גלויבט ער צו געפינען אַ פאַנטאַסטיש=פּרעכטיקע אַרכיטעקטור און אַן אַנדערן טיפּ מענטש. קיין אייראָפּע זענען אין יענער צייט דערגאַנגען ידיעות וועגן אויסערגעוויינלעכע אַנטדעקונגען, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן אין די ווייטע לענדער. אין סוף פונעם XIX יאָרהונדערט אַנטשטייט די טענדענץ פון נעגירן די אייראָפּעישע ציוויליזאַציע און די אידעע אָפּצופרישן זי מיט דער הילף פון דער נאַטירלעכער קולטור פון די פּרימיטיווע פעלקער. דער גרויסער פראַנצויזישער מאָלער פּאָל גאָגען (1848—1903) האָט

אַ סך יאָרן פֿאַרבראַכט צווישן די איינוווינער פֿון טאַיטי און האָט זיך מיט זיי ענג צונויפֿגעלעבט. ער האָט אַפֿילו אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל, אין וועלכן ער האָט געטאַדלט די פֿראַנצויזישע קאָלאָניאַלע פּאָליטיק לגבי דעם דאָזיקן אינדזל. צוליב זיין שטעלונג איז ער פֿון טאַיטי אַרויסגעשיקט געוואָרן. שפּעטער האָט ער געוווינט אין אַן אַנדער פֿראַנצויזישער קאָלאָניע און דאָרט האָט מען אים אין תּפֿיסה פֿאַרשפּאַרט. די בילדער פֿון גאָגען, וועלכע ער האָט געשאַפֿן אויפֿן אינדזל טאַיטי, האָבן אַדאַנק זייער אומפּימלבאַרקייט און רייכקייט פֿון קאָלאָריסטישער האַרמאָניע געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער דעמאָלטיקער קונסט. די קינסטלער פֿון אַ ריי לענדער האָבן זיך געוואָרפֿן זוכן נייע מאָטיוון און איינדרוקן אין אַפֿריקע און אין אַזיע.

האַלטרעכט איז געווען אַ מענטש מיט פֿעסט אויסקריסטאַליזירטע אָנשויונגען; ער האָט אויך פֿאַרמאָגט פֿאָרשערישע נייגונגען. דער מזרח האָט אים געלאָקט נישט בלויז מיט זיין קאָלאָריסטיק: עס האָט אים אויך אינטערעסירט דער האָרטיקער מענטש גופֿא, זיין לעבן און שטייגער. דעריבער שטעלט פֿאָר זיין שאַפֿונג אַ ריי קורצע רעפּאָרטאַזשן פֿון די אָרטיקע לענדער. מיט צען יאָר שפּעטער נאָך וויערעשטשאַגינען איז האַלטרעכט אַרויסגעפֿאָרן קיין טורקמעניע און בוכאַרע, ווו עס געפֿינען זיך די אומשאַצבאַרע אוצרות פֿון דער פֿאַרשווּנדענער כאָרעזם־קולטור און פֿון דער אָריגינעלער מוזולמאַנישער קונסט. אָבער אין קעגנזאַץ צו וויערעשטשאַגינען, וועלכער האָט געוויינלעך געמאָלט גרויסע ליוונטן, האָט האַלטרעכט באַוויזן מענטשן־טיפּן אויף בילדער פֿון קליינעם פֿאָרמאַט, בעת זייער שווערער טאָג־טעגלעכער מי. רירנדיק שטעלט פֿאָר דער קינסטלער, למשל, די קוליסן און פֿאַריאַסן אין זייער אומבאַקוועמקייט לגבי די פּאַשאַס און עפֿענדים. האַלטרעכט פֿירט אַרויס מערסטנס מענטשן באַעוולטע, באַרויבטע פֿון זייערע מענטשלעכע רעכט, פֿאַרגעסענע, וועמען עס איז פֿרעמד יעדע פֿרייד. זיי איז אויך פֿרעמד די קראַפֿט פֿון בונט, פֿון ווידערשטאַנד. זייער אָרעם ברויט פֿאַרדינען זיי ביטער מיט דער הילף פֿון די פּרימיטיוווסטע אַרבעטס־מכשירים.

פֿון דער דאָזיקער רייזע האָט זיך האַלטרעכט אומגעקערט מיט אַ גרויסן און רייכן קינסטלערישן פֿאַרמעגן. די מלחמה אין 1914 יאָר האָט געטראָפֿן האַלטרעכטן אין שרייבערהאַו (היינט: שקלאַרסקאַ פּאָרעמבאַ), ווו עס האָט דעמאָלט געלעבט דער גרויסער דייטשישער שריי־

בער געריהאַרד האופּטמאַן און נישט ווייט דער ברודער פון געריהאַרד האופּטמאַן — קאַראָל, אויך אַ טאַלאַנטירטער שרייבער. האַלטרעכט איז דאָרט פאַרבליבן אַלס ציווילער געפאַנגענער. נאָך דער מלחמה איז ער אַריבערגעפאָרן קיין בערלין. אין דעם דאָזיקן פעריאָד זענען געשאַפן געוואָרן זיינע אַ סך פּייזאַזשן פון אַן אויסגעאיידלטער מאָלערישער קולטור. ער האָט אויך געשאַפן אַ סך פּאָרטרעטן פון אָנגעזעענע דייטשישע פּערזענלעכקייטן. אין 1918 יאָר האָט האַלטרעכט אָרגאַניזירט אין בערלין אַן אויסשטעלונג פון אַלע זיינע בילדער. זיי זענען אויפגענומען געוואָרן זייער גוט. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט זיך דער קינסטלער אומגעקערט קיין פּוילן, פון דאַנען איז ער דורך דעם ראַטנפאַרבאַנד געפאָרן קיין מאָנגאָליע און כינע. די קינסטלערישע טעטיקייט אין די דאָזיקע לענדער, דער עיקר אין מאָנגאָליע, איז אויסערגעוויינלעך באַשווערט געווען. דאָס לאַנד איז גרויס: איין ישוב פון אַנדערן ליגט ווייט, אָפט אין די בערג, וווהין מען האָט געקענט צוקומען בלויז מיט די פּרימיטיווסטע לאָקאָמאָציע-מיטלען. האַלטרעכט האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר די שוועריקייטן און ער איז געקומען אין אַזעלכע ערטער, וועלכע קיין אייראָפּעער האָט ביז אים נישט באַטראָטן. אויך זיינע שקיצן פון כינע גיבן אַן איבערבליק איבערן לעבן פון דעם דאָזיקן אַרבעטזאַמען פאָלק. אין פינף יאָר אַרום, דאָס הייסט אין 1930 יאָר, האָט זיך האַלטרעכט אומגעקערט קיין וואַרשע. אין דעם מזרח-אינסטיטוט אין וואַרשע האָט דער קינסטלער געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן די איינדרוקן פון די לעצטנס באַזוכטע לענדער. איינצייטיק האָט ער איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון די בילדער, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון דער רייזע. די אויסשטעלונג איז געווען ווי אַן אילוסטראַציע צו זיין פּרעלעקציע. שפּעטער פאָרט ער אַריבער קיין פּאַריז.

די שטרעבונג צו באַזוכן ווייטע לענדער ברענגט אים ווידער קיין פּוילן, פון וואַנען ער פאָרט אַרויס קיין קאָרעע און יאַפּאַן. אומעטום אינטערעסירט ער זיך מיט די אָרעמסטע שיכטן פון פאָלק, אויסזוכנדיק די צומערסטן כאַראַקטעריסטישע געשטאַלטן פאַר דער סביבה. דעריבער זענען די דאָזיקע שטודיומס אַן ערנסטע פּאָזיציע פאַר די פאָרשונגען איבער דער קולטור פון יענע לענדער, וועלכע דער קינסטלער האָט באַזוכט. די טעמע פלעגט ער געוויינלעך אויפפאַסן פון צוויי אַספּעקטן: אַלס פאָרשער און קינסטלער-ענטוזיאַסט. אַדאַנק דעם איז אים געלונגען צו דערנענטערן אונדז צו די דאָזיקע אומבאַקאַנטע פעלקער,

צו זייער טאָג־טעגלעכן לעבן און שטייגער. א גרויסן טייל פון די דאָ־זיקע שאַפונגען האָט האַלטרעכט געלאָזן אויפן אָרט אַלס אָנדענק פון דעם יידישן קינסטלער, דעם גאַסט.

אין די קאַטאַלאָגן פון דער וואַרשעווער „זאַכענטאַ" געפינט זיך א באַמערקונג פון 1908 יאָר וועגן די בילדער פון ד. האַלטרעכט. אין 1910 יאָר ווערט אין איינעם פון די זאַלן פון דער ניי־געשאַפענער קונסט־גאַלעריע אין לאָדזש אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער.

וועגן דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָט אין דעם וואַרשעווער זשורנאַל „שוויאַט" געשריבן דער באַקאַנטער רעזשיסער און קונסט־קענער מאַרק ארנשטיין (אונטערן פסעוודאָנים אַנדזשעי מאַרעק). ער לויבט זייער די שאַפונגען פון דעם יונגן קינסטלער. אין 1930 יאָר האָט דעם אריינפיר צום קאַטאַלאָג פון האַלטרעכטס אויסשטעלונג גע־שריבן דער באַקאַנטער קריטיקער מיעטשיסלאַוו שטערלינג. ער שטרייכט אונטער די ספּעציפיק פון דער שאַפונג פון דעם דאָזיקן קינסטלער, דעם ענטוזיאַסטישן רייזנדער און פאָרשער.

האַלטרעכט איז געשטאָרבן אין 1938 אין מאָסקווע. בעת דער וואַרשעווער נאַציאָנאַלער מוזיי האָט אין 1950 יאָר אָרגאַניזירט א קונסט־אויסשטעלונג געווידמעט דער אָריענטאַלער טעמאַטיק, זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אויך די בילדער פון דוד האַלטרעכט. א באַ־דייטנדיקער טייל פון האַלטרעכטס שאַפונגען געפינט זיך אין דעם וואַר־שעווער נאַציאָנאַלן מוזיי. אויך דאָס מיניסטעריום פאַר נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג האָט איינגעקויפט א ריי בילדער פון האַלטרעכטן.

## יוסף זיידענבייטל

יוסף זיידענבייטל, דער עלטערער ברודער פון דעם קינסטלער־צווילינג, אפרים און מנשה, וועלכע זענען באַקאַנט געווען אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן, איז געווען א נישט־דורכשניטלעכער מאָלער, וואָס צוליב זיין פריצייטיקן טויט האָט ער נישט באַוויזן אין דער פולער מאָס צו אַנטפּלעקן זיין גרויסן טאַלאַנט. פונדעסטוועגן, שוין דאָס וואָס ער האָט געשאַפן שטעלט אים אין איין ריי מיט די אָנגעזעענסטע יידישע מאָלער אין פוילן.

ווען איך פֿאַרטראַכט זיך איבערן גורל פֿון יוסף זיידענבײַטל, קומט מיר אויפֿן זינען דאָס לעבן פֿון דעם גרעסטן יידישן מאָלער פֿון XIX יאָרהונדערט — מאַוריצי גאָטליב. פּונקט ווי אין גאָטליבס משפּחה, זענען אויך ביי די זיידענבײַטלס דריי ברידער געווען טאַלענטירטע מאָלער=פּלאַסטיקער. ווי מאַוריצי גאָטליב, איז אויך יוסף זיידענבײַטל געשטאָרבן צו פֿרי — קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט געווען — און דעריבער נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן פֿון זיך ה'אָס, וואָס מ'האָט געקאָנט פֿון אים דערוואַרטן.

יוסף זיידענבײַטל איז געווען דער עלטסטער זון פֿון אַ בוכהאַלטער אין אַ גרויסער וואַרשעווער טעקסטיל=פֿירמע, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף דזשיקע גאַס — אַן אויפֿגעקלערטער מענטש, וואָס האָט אין דער יוגנט אַ סך געדרייזט. די משפּחה זיידענבײַטל האָט זיך אונטערשיידט פֿון די היימען אויף דזשיקע, קראָכמאַלנע, פּאַוויע אָדער פֿראַנציסקאַנער מיט דעם, וואָס דאָ זענען די אונטערוואַקסנדיקע קינדער דערצויגן געוואָרן אין אַ פֿאָרגעשריטענעם גייסט, האָבן באַקומען וועלטלעך וויסן. אין דער האָזיקער משפּחה האָט מען געוווסט ווי שלום צו מאַכן צווישן דעם דראַנג פֿון די יונגע צו וועלטלעכער בילדונג און דער יידישער טראַדיציע; איינס האָט נישט געשטערט דאָס צווייטע. דער עלטסטער זון יוסף, האָט זיך שוין אין די גימנאַזיע=יאָרן אינטערעסירט מיט יידיש און יידישער ליטעראַטור. מיט ברען האָט ער גערעדט וועגן פּרץ און זיך אינטערעסירט מיט די נייע שטרעמונגען, וואָס האָבן צו יענער צייט געווירקט צווישן דעם אויפֿגעקלערטן טייל פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט אין וואַרשע. זייער פֿרי האָט יוסף דערפֿילט דעם דראַנג צו צייכענען און אַלץ מער צייט געווידמעט דער האָזיקער ליידנשאַפֿט. מיט אומצופֿרידנקייט האָבן די עלטערן געקוקט אויף דעם יינגל, וואָס האָט מיט פֿלייס געצייכנט די ווייסע=חברה־ניקעס פֿון די ברודיקע יידישע הויפֿן. אין גימנאַזיע, פֿאַרשטייט זיך, האָט ער זיך אויסגעטיילט מיט זיין צייכענער=טאַלאַנט; אין דער צייט וואָס זיינע חברים האָבן דאָס צייכענען טראַקטירט ווי איינעם פֿון די לערן=קעגנשטאַנדן, האָט יוסף מיט אַ באַזונדערער אויפֿמערקזאַמקייט אויפֿגעכאַפּט יעדע אָנווייזונג פֿון די לערער, און אַזוי אַרום פֿאַרטיפֿט זיין פֿעיקייט.

יוסף זיידענבײַטל האָט געהערט צום צווייטן דור יידישע פּלאַסטיקער, וואָס האָט געזוכט שעפֿערישן אינהאַלט אין דער אייגענער

סביבה. ער איז ווייט געווען פון די, וואָס האָבן געזוכט צופעליקע
איבערלעבונגען. זיין דור האָט געמאָלן דאָס לעבן גופא.

אָבער דאָס הייסט נישט, אַז יוסף זיידענבייטל איז געווען א נאַ=
טוראַליסט. שאַפנדיק, האָט ער נישט אויסגעשלאָסן זיין פּערזענלעכ=
קייט. אין יעדער פון זיינע ארבעטן איז זי אויך געווען ווי אַ פאַרבאָר=
גענער עלעמענט.

ווען יוסף איז אַריינגעטראָטן אין דער וואַרשעווער קונסט=שול,
האָט ער שוין געהאַט א ריי איבערצייגעוודיקע אַרבעטן. ער האָט שטו=
דירט אין דער אַטעליע פון דעם באַקאַנטן פּאָרטרעטיסט סטאַניסלאַוו
לענצא, א קינסטלער מיט א סובטעלער פאָרם און א שאַרפער פּסיכאָ=
לאָגישער פאָרמולירונג. זיידענבייטל, וואָס האָט געהאַט קרובהשע אייגנ=
שאַפטן מיט זיין מייסטער, האָט געמאָלן אָן קאָנוועגאַנסן און זיך גע=
מיט פונעם מאָדעל ארויסצובאַקומען דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע,
דאָס וועזנטלעכסטע, וואָס האָט געגעבן זיינע בילדער אַ נישט=פאַר=
געגלעכן ווערט. אַזוי, צ. ב. איז אין דעם פּאָרטרעט „אַ ליידנדיקע
פרוי“, אַרויסגעבראַכט מיט דער גאַנצער עקספּרעסיע דער קרעפטיקער
פּסיכישער אמת פון דער געשטאַלט. אין פּנים פון דער ליידנדיקער פרוי
האָט איר אַזאַ לאָדונג פון יסורים, אַז דאָס דאָזיקע בילד ווערט אַ מי=
גאָנים פון אומזיכערע מאַמעס, וועלכע זענען נישט געווינט געווען צו
קלאָגן זיך אויף זייער שווערער דאָליע. פון זיידענבייטלס אַלע פרויען=
בילדער עמאַנירט אַרויס אַ גרויסע ליבע צו די געשטאַלטן, וואָס זענען
זיך מקריב פאַר דער היים, פאַר דער פאַמיליע. דער קינסטלער זעט זיי
אין לעבעדיקע, קלינגעוודיקע פאַרבן, אייגהאַלטנדיק דערביי די עלעגיש=
קייט, א גלענצנדיק טאָנירטע מיט דער רעאַליסטישער שיינקייט.

יוסף זיידענבייטל איז געווען אַ מאָלער אין צייט=אָפּשניט פון דער
ערשטער וועלט=מלחמה. געשאַפן האָט ער נישט לענגער ווי א זיבן, אכט
יאָר. ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער יונגער יידישער קינסטלער=צי=
גאַנעריע, וואָס האָט געהאַט איר מקום אין די אטעליעס אויף דעם
בוידעם פונעם הויז אויף טוואַרדע גאַס נומער איינס, וואָס נאָענט פון
אים האָט זיך געפונען אַ באַזאַר. פון צווישן דער דאָזיקער גרופּע, האָבן
זיך אויסגעטיילט אברהם אָסטזשעגאַ מיט זיינע לאַנגע האָר און פרוי=
אישן געזיכט, קראַטקאָ מיט זיין רעדן הויכע פראַזן, רובינליכט מיט זיין
ליבע צו פילאָזאָפירן, בערלעווי מיט זיין פאָזירן אויף אַ רענדי. צו
דער דאָזיקער גרופּע האָט אויך געהערט אפרים קאַגאַנאָווסקי, וואָס

האָט בשום־אופן נישט געקאָנט רעצידירן זיך, צי זאָל ער זיך ווידמען דער מאָלעריי, אָדער דער שרייבער־קונסט. דער סאַמע ניכטערער פון דער דאָזיקער גרופע איז געווען מאַקס עליאָוויטש, און דער סאַמע טומלדיקער דער טויבשטומער מינקאָווסקי. דער פון דער חברה, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן טאָג, ד. ה. ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַר־קויפן א בילד, האָט איינגעאָרדנט אַ סעודה. האָט מען דאַן געגעסן און געטרונקען פאַר היינט, פאַר נעכטן און פאַר מאָרגן...

אין די דערמאָנטע בוידעם־אַטעליעס פלעגן אַריינקומען די קונסט־ליבהאָבער: קאַווע, מינץ, ארצישעווסקאַ.

יוסף זיידענבייטלען האָט אין יענער צייט פאַסיאָנירט דאָס אילוס־טרירן דאָס יידישע בוך. ער האָט געטרוימט פון דעם, אַז דאָס יידישע בוך זאָל זיין נישט ווייניקער קינסטלעריש אויסגעשטאַט, ווי דאָס בוך פון דייטשלאַנד אָדער פון פראַנקרייך. אַדאַנק זיינע פּרעכטיקע אילוס־טראַציעס האָט טאַקע נישט זעלטן דאָס יידישע בוך אויסגעגליכט זיך מיט די אילוסטרירטע אייראָפּעישע אויסגאַבן. ער האָט געשאַפן דעם טיטל־בלאַט צו פערלעס „אונטער דער זון“, באַשיינט די ווערק פון אַנ—סקין און געשאַפן די באַקאַנטע צייכענונג פון דער טוימנמאַסקע פונעם שרייבער. זיידענבייטל איז געווען פאַרליבט אין דער יידישער אָרנאַמענטיק און ער וואָלט געוויס אַריינגעטראָגן פיל ווערטפולע נייעס אויף דעם דאָזיקן געביט. פול מיט איידעלן אידעאַליזם און פריי פון נאַציאָנאַליסטישע באַלאַסטן, האָט ער געשטרעבט צו זיין איינפאַך, מענטשלעך, פאַרשטענדלעך. מיט זיינע פעיקייטן האָט ער א סך גיכער געקאָנט דערגרייכן זיין קינסטלער־קאַריערע אויף דער פוילישער גאַס, ווי אויף דער יידישער, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דאָזיקן גרינגן וועג.

נאָכן טויט פון פאָטער איז יוסף זיידענבייטל געווען געצוווּנגען גיין אַרבעטן אויף פרנסה פאַר דער פאַריתומטער משפחה. די צוויי צווילינג־ברידערלעך זענען יינגער געווען פון אים מיט צען יאָר און אויך זיי האָבן ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן אויפן געביט פון דער פלאַסטישער קונסט. האָט ער געהאַלטן פאַר זיין באַזונדערן חוב, אַחוץ אַלעם, צו ווידמען זיי די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט.

צו פיראונצוואַנציק יאָר ווערט ער קראַנק אויף לונגען־טובערקולאָז. ער קרענקט אַזוי עטלעכע יאָר. פונקט ווי אין דער היים, אַזוי אויך שפּעטער, זייענדיק אין אָטוואָצק, גייט אָן אין אים א פאַרעקשנטער

גראַנגל צווישן דעם שאַפנדיקן קינסטלער און דעם גוף וואָס ווערט שטופנווייז צעשטערט פון דער בייזער קרענק. וואָס שווערער אים קומט אָן דאָס לעבעדיקע וואָרט, אַלץ אויסדרוקפולער ווערן די לייוונטן, וואָס גייען אַרויס פון אונטער זיין האַנט. דאָך איז זיין גרעסטע זאָרג די צוויי ברידערלעך, אַפרים און מנשה, וואָס זענען גלייכצייטיק זיינע איבער־געגעבענע שילער. ווייטער האָט ער די השגחה איבער זייער קונסט־אַר־בעט, אָבער גלייכצייטיק איז ער פול מיט מורא פאַר די פאָלגן פון זייערע וויזיטן ביי אים. ער האַלט זיך מוטיק, לאָזט זיך נישט ברעכן פון דער קראַנקהייט. אַפילו דעמלט, ווען צוליב דער פיזישער אָפּגע־שוואַכטקייט קאָן ער זיך נישט און דער פולער מאָס אָפּגעבן דער שאַפונג.

זייענדיק אין סאַנאַטאָריע, אָפּגעריסן פון דער קינסטלער־וועלט, פון וועלכע נישט איז דרויסנדיקע איינדרוקן, וואָס זענען אַזוי נויטווענ־דיק פאַרן קינסטלער; פון מייגונגס־אויסטויש, מעגלעכקייטן פון פאַר־גלייכן, וועלכע באַפרוכפערן דעם קינסטלער — האָט ער אָפּט געפילט זיך ווי אַן אָנפאַנגער און אַפילו די ברידער נישט געוויזן אַלע זיינע שקיצן און אַקוואַרעלן. אין די צייטן פון אַבסאָלוטער פיזישער אויס־געשעפּטקייט, אַ צוגעשמידטער צום בעט, האָבן פאַר זיינע אויגן גע־מיגיעט די וווּנדערבאַרע פאַרבן — קארמין, שאַרלאַך, פיאָלעט. ער האָט געטרוימט וועגן נייע קאָליר־ניואַנסן, וועגן נייע בילדער. אָבער די דאָזיקע טרוימען זענען שוין געווען פאַרמשפּט צו פאַרבלייבן אין דער ספערע פון פאַנטאַזיע.

ווען זיידענבייטל איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט, איז ער שוין געווען אַ רייפער מאָלער מיט אַ ראַפינירטן געשמאַק און אַ גרוי־סער פילבאַרקייט פאַר שיינקייט. אָבער דאָס וואָס ער האָט דאַן געמאָלן איז געווען גענומען פון זיין ענגן קרייז. דאָס זענען געווען פּויערים־טיפּן בעת זייער אַרבעט אויפן פעלד, אַרום דער באַלעבאַטישקייט; פאַרטראַכטע זקנות, וואָס וואַרעמען זיך אויף דער קילער האַרבסט־זון, קינדער. עס איז געווען די צייט, ווען די קינסטלער האָבן געזוכט די אַזוי גערופענע ר יי נ ק יי ט און זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס דאָזיקע קאָן מען געפינען אמבעסטן צווישן די אָרעמסטע פון די אָרעמע.

ווען מען איז נישט באַקאַנט דאָס אויפטרייסלענדיקע ווערק פון וואַן־גאָג: א ב י ל ד אָ ן מ ע נ ט ש ן? אינעם לייידיקן צימער שטייען בלויז צוויי הילצערנע בעטן, א טיש, א שטול. אָבער וואָס פאַר

און אַטמאָספער! דאָס דאָזיקע בילד טרייסלט טיף אויף, ווען מען קוקט אויף דעם, מיר קאָנען זיינע איינוווינער, הגם זיי זענען אויפן בילד נישטאָ. מיר ווייסן וואָס פאַר א מאכלים ס'האָבן געקאָנט שטיין אויף דעם טיש, ווי עס פילן זיך די מענטשן, וועלכע זענען געזעסן אויף די איצט ליידיקע שטולן, מיט וואָס פאַר א שווערן שלאָף זיי שלאָפן ביינאַכט אויף די הילצערנע בעטן, וועלכע זענען פאַרשפּרייט מיט דעם שווערן, ראצנדיקן בעטגעוואנט. און פאַרצושטעלן זיך, אַז די דאָזיקע „גליקלעכע" מיליע איז געווען גענומען פון איינעם פון די רייכסטע, צו יענער צייט, לענדער אין אייראָפּע — פון האָלאַנד.

סוף ניינצטן און אָנהייב הייַנטיקן יאָרהונדערט האָבן די קינסטלער באַמיט זיך וואָס אויפריכטיקער, געטרייער אויסצודריקן אין זייערע בילדער אַלץ וואָס איז מענטשלעך. אויך זיידענבייטל האָט געהערט צו די דאָזיקע מאָלער, וואָס האָבן נישט געהאַלטן פון מאַסקירן די ווירקלעכקייט דורך שיין=טאָנירטע פאַרבן.

דאָס ערשטע וואָס וואַרפט זיך אין אויג, ווען מע באַטראַכט אַ בילד, איז די צייכענונג, די קאָנסטרוקציע, אָדער קאָליר, ד. ה. די מיטלען, מיט וועלכע דער קינסטלער דיספּאָנירט, בכדי אויסצודריקן די רעאַליען, וואָס ער זעט און שטרעבט צו פאַראייביקן. נישט גלייך לאָזט זיך אויפכאַפּן די ספּעציפיק, וועלכע עס טראָגט באַזונדער אַריין יעדער אויפריכטיקער קינסטלער. ערשט פאַרטיפנדיק זיך אין זיידענבייטלס לייוונטן, דערזעט מען די איידעלע פּאָעטיק פון דעם דאָזיקן מאָלערישן טאַלאַנט, וועלכער איז בכוח געווען אויסצודריקן מוזיק מיט דער הילף פון מאָלערישע טענער.

יוסף זיידענבייטל האָט געלעבט אין אַ לאַנד, ווו די מאָלערישע קולטור איז נישט געשטאַנען אויף אַזאַ הויכן ניוואָ, ווי אַשטייגער אין פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, צי אַפילו דייטשלאַנד. דעריבער האָט אויך זיין דערשיינען נישט געצויגן קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. אַחוץ דעם איז זיידענבייטל געווען א ייד, וואָס האָט, פאַר יענער צייט, אויך געהאַט אַ נעגאַטיווע ווירקונג.

יוסף זיידענבייטל האָט געשטרעבט איבערצוגעבן אין זיינע בילדער די איבערלעבונגען פון מענטש צווישן זון=אויפגאַנג און זון=אונטערגאַנג, די שעהן פון וואָכעדיקן טאָג, זיינע טרוימען און ווירקלעכקייט, זיינע ליידן און פריידן און זיינעם געראַנגל פאַר פרנסה. דאָס אַלץ האָט ער געפרווט אַרויסבאַקומען מיט דער הילף פון ליניעס און פאַרבן=טענער.

מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן אויף דעם הויכן קינסטלערישן ניוואָ פון זיידענבייטלס לייוונטן, אָבער די קינסטלערישע עלעמענטן אין זיין פּלאַסטיק זענען געווען אַ ביסל פּאַרשפּעטיקטע, ווייל זיי זענען שוין געהאַט אויפגעטראָטן אין דריטן פערטל פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט ביי מאוריצי גאָטליב. נאָר דאָס איז געווען אַ גוטע טראַדיציע. די דאָזיקע מאָלעריי איז נישט געווען אויסשליסלעך די זאַך פון בלויזע עסטעטישע איבערלעבונגען.

אין פּוילן זענען געווען ווייניק אמתע קונסט־קענער, נאָך ווינציקער ליבהאָבער־קונים. דער מין בילדער, וואָס עס האָט געשאַפן זיידענבייטל, האָט זיך אין אַנדערע לענדער באַצאָלט מיט גאָלד. אָבער זיידענבייטל איז געווען א צו גרויסער ראָמאַנטיקער, ער זאָל זאָרגן דערפאַר, אַז זיינע בילדער זאָלן זיך געפינען אויפן מאַרק. דער דאָזיקער ראָמאַנטיזם איז, איבעריקנס, געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מערהייט יידישע קינסטלער—פּלאַסטיקער פון יענער צייט.

זיידענבייטל איז געווען איבערפולט מיט ליבשאַפט צום גרויען, איינפאַכן מענטש און פון זיינע ווערק שיינט ארויס דער זעלביקער צווייבער און חכמה, מיט וועלכע עס אָטעמען די שאַפונגען פון י. ל. פּרץ.

פאָרמירנדיק זיינע געשטאַלטן מיט גרענעצלאָזער ליבשאַפט, האָט זיך געפילט אין זיי דער ווייטיק און נאָכשיין פון פאַרשווונדענע גענעראַציעס. ער איז געווען נישט בלויז אַ מאָלער מיט „א האַרץ“, נאָר אויך מיט אַ ספּעציעלער עמפינדונג ביים צוקלייבן זיך די גייטיקע טיפּן — אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַפרייען פון דער סביבה, פון דער מאָנאָטאָנער טאָג־טעגלעכקייט, און רעזיגנירטע, וואָס האָבן שלום געמאַכט מיטן גורל. די טיפּן און פּראָפילן, וועלכע זיידענבייטל האָט אָנגעוואָרפן אויפן קאַרטאָן, שטעלן מיט זיך דעריבער פאָר אַ העלעכע גאַלעריע פון יידישע געשטאַלטן פון יענער צייט. ווי אַ לייט־מאָטיוו ציט זיך דאָ אויס די געשטאַלט פון י. ל. פּרץ און די גרופּע יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. צו די טרעפלעכע פּאָרטרעטן געהער אויך צבי פּרילוצקי, י. מ. ווייסענבערג, אפרים קאַגאַנאָווסקי, שלמה גילבערט. פאַר יעדן פון זיי געפינט דער קינסטלער יענע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וואָס שפּיגלען אָפּ זייער אינערלעכע וועלט. אַחוץ קאַגאַנאָווסקין, מאָלט אויך זיידענבייטל פּאָרטרעטן פון אַנדערע קאָלעגן קינסטלער, וואָס זענען פון זיין עלטער. אַזוי ווערט גע־

בוירן דער פּאָרטרעט פון סקולפּטאָר פישל רובינליכט און פון זיין האַרציקן פריינד אברהם אָסטזשעגאַ.

געשטאַלטנדיק מיט טיפער ליידנשאַפט און איבערלעבונג די וועלט אויסער זיך, זענען אָבער זייער ווייניק קינסטלער מסוגל צו געשטאַלטיקן זייער אייגענע עקזיסטענץ, די געזעלשאַפטלעכע אָנערקענונג פאַר זייער ווערק. צו די לעצטע דאַרף אויך פאַררעכנט ווערן דער קינסטלער יוסף זיידענבייטל. די ירושה וואָס ער האָט געלאָזן וואָלט באַדאַרפט ווערן אַ נאַציאָנאַלע צירונג. ליידער איז זי ביז איצט ווי נישט באַמערקט, איבערגעלאָזט אויף איר אייגענעם באַראָט. עס איז נישט געבליבן אַפילו אַ מנין פאַרערער פונעם טאַלאַנט פון דעם גרויסן קינסטלער, וואָס וואָלטן מיט דער געהעריקער פּיעטעט געזוכט, אויפגעזאַמלט זיינע אַרבעטן און זיי פאַרהיט אַזוי אַרום פון פאַרניכטונג. די צוויי טאַלאַנטפולע ברידער פונעם קינסטלער, אפרים און מנשה, וועלכע האָבן באַדאַרפט זיין די קדיש-זאָגער נאָך זייער גרויסן ברודער, זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט די מיליאָנען פּוילישע יידן אין דער גרויליקער היטלער-צייט.

יוסף זיידענבייטל איז געשטאָרבן צו ניין און צוואַנציק יאָר, איבערלאָזנדיק אַ גרויסע צאָל הויך-קינסטלערישע און ווערטפולע לייוונטן — די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט דאַרף די דאָזיקע ירושה זאָרגפעליק צונויפזאַמלען, ווי נאַציאָנאַלע קולטור-ווערטן, וואָס טאָרן נישט פאַרלוירן גיין פאַר די קומענדיקע דורות.

# אַרטור שיק

אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער קונסט איז די שאַפונג פון ארטור שיקן אַן אייגנאַרטיקע דערשיינונג.

דאָס איז נישט בלויז דערפאַר, וואָס שיק איז אַ מיניאַטוריסט מיט אַן אייגענעם פאַרנעם, נאָר הויפּטזעכלעך דערפאַר, וואָס נישט קיין סך קינסטלער האָבן געשאַפן אַזוי פיל מיניאַטור-ווערק. דער הויפּט-פּרינציפּ פון אַרטור שיקס קונסט איז איר זאַכלעכקייט. זיינע אידעען זענען אַזוי קאָנקרעט, אַז ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן דעם קינסטלער אַלס אימפּראָוויזאַטאָר. די הויפּט-אַרבעטן זיינע, זענען אייגנטלעך ציקלען מיניאַטורן, וואָס באַהאַנדלען געוויסע היסטאָרישע געשעענישן. אַזוי

אַרום זעגען שיקס ווערק אייגנאַרטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן, אַרויסגעבראַכט מיט דער הילף פון מאָלערישע מיניאַטורן פון אַ מאָנומענטאַלן אינהאַלט.

אַרטור שיק האָט אָנגעהויבן פון דער געשיכטע פון יידן, אָנקניפּנדיק צו דער אַלטער אילומינאַציע־מאָלעריי פון די מגילות און הגדות, וואָס האָבן זיך באַוויזן נאָך פאַרן באַנוצן זיך מיט דרוק. מע קאָן דעריבער דרייסט באַהויפּטן, אַז אַרטור שיקס שאַפן וואָרצלט אין דער אַלטער יידישער קולטור. גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט שיק געמאַכט אַ רייזע קיין פּאַלעסטינע, כדי אויפן אָרט צו שטודירן די דאָרטיקע לאַנדשאַפט און די אַלטערטימלעכקייטן פון דער העברעישער קולטור. ער האָט געגלויבט אין דעם ווידערגעבורט נישט נאָר פון דער קולטור, נאָר אויך פון דער יידישער קונסט.

אָנהייב הייַנטיקן יאָרהונדערט האָט מאַרטין בובער זיך באַמיט אַריינצוציען די קונסט אין דער ספערע פון מיטלען אויפצולעבן די יידישע נאַציאָנאַלע אידעע. צום ערשטן מאָל האָבן דאָס פאַרווירקלעכט אין פוילן אַזעלכע מאָלער ווי מאַוריצי גאָטליב, מאַוריצי מינקאָווסקי. אָבער צום בולטסטן איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין דער שאַפונג פון צוויי לאָדזשער קינסטלער: אַרטור שיק און יאַנקל אַדלער.

איינע פון שיקס ערשטע שאַפונגען איז אַ ציקל מיניאַטורן א. נ. „שיר השירים“, וואָס אָטעמט מיט אַלט־העברעישער מזרח־עקזאָטיק. אויפן הינטערגרונט פון פּאַלעסטינישן לאַנדשאַפט, פון וועלכן עס ווייעט דער גליענדיקער אָטעם פון מזרח, וויקלט זיך פאַנאַנדער אַ פּאָעמע פון אַ וואונדערבאַרער אורשפּרינגלעכער ליבע. מיט דעם דאָזיקן ווערק הייבט שיק אָן די פאַרוואַנדלונג פון די ביבלישע פּאַסירונגען אין פאַנטאַסטישע, קאָלירפולע בילדער.

אַרטור שיק איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש אין יאָר 1894, אין אַ רבנישער משפחה. זיין עלטער־זיידע איז שמחה יהודה קאַצענעלסאָן. אַרטור שיק אַליין איז שוין געווען אינגאַנצן אַסימילירט מיט דער פּוילישער און אייראָפּעישער קולטור. ער איז דאָך, זעט אויס, געווען זייער גוט באַקענט מיט העברעיש, וועגן וואָס עס זאָגן עדות זיינע ווערק, אין וועלכע ס'קומט צום אויסדרוק דאָס טיפע וויסן פון אַלט־העברעישן שריפטוועזן און איבערהויפּט די אילומינאַציע־קונסט.

אַרטור שיק האָט געהערט צו דעם קרייז פון די יונגע לאָדזשער ראָמאַנטיקער, וואָס האָבן זיך גענומען אויסצוגראָבן פאַרשיטע, אַלטע

קוואַלן. צו דעם קרייז פֿון די דאָזיקע זוכער האָבן אויך געהערט יצחק קאַצענעלסאָן, יאַנקל אַדלער, הענעך באַרטשינסקי, משה בראָדערזאָן און אין משך פֿון אַ געוויסער צייט אויך יוליאַן טוווים, וועלכער איז געווען זייער באַפֿריינדעט מיט שיקן.

די שאַפֿונג פֿון אַרטור שיקן וואָלט מען געקאָנט אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרגלייכן צו די קוואַדראַטן פֿונעם העברעישן אַלף־בית, אין וועלכן יעדע זייט פֿון די דאָזיקע פֿיגורן פֿילט אויס אַ באַזונדערע, ספּעציפֿישע פֿונקציע. איין זייט דאָס איז די יידישע קונסט, וואָס באַזירט אויף אַלט־העברעישע קוואַלן; די צווייטע שטעקט איינגאַנצן אין דער געשיכטע פֿון פּוילישן פֿאָלק, וואָס איז אין משך פֿון יאָרהונדערטער געבונדן מיט דער געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק; די דריטע לענט זיך אָן אויף דעם אוניווערסאַלן, וווּ די פֿאָרם נעמט אַרום אַלגעמיינע פּראָבלעמען פֿונעם איצטיקן לעבן.

נאָך דעם דערמאָנטן ציקל „שיר השירים“ האָט שיק געשאַפֿן אַ צווייטן ציקל פֿון 20 קאָלירטע מיניאַטורן „מגילת אסתר“. דאָס דאָזיקע ווערק האָט זיך באַוויזן אין דער עפֿנטלעכקייט אין יאָר 1922 אויף דער אויסשטעלונג אין לאָדזש. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהערט אויך דער ציקל מיניאַטורן וועגן דעם אַרויסגאַנג פֿון די יידן פֿון מצרים און אַנדערע עפּיזאָדן פֿון דער הגדה.

אין די יאָרן 1926—1928 איז אַנטשטאַנען אַרטור שיקס הויפּטווערק, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פֿון זיין רום אַלס „דער מייסטער פֿון דער מיניאַטור“ אין אייראָפּע. דאָס איז געווען זיין „קאַלישער סטאַטוט“. דער דאָזיקער ציקל פֿון אילומינירטע מיניאַטורן נעמט אַרום די געשעענישן פֿון יאָר 1264, ווען באָלעסלאַוו, דער פֿירשט פֿון קאַליש, האָט געגעבן יידן רעכט און פּריווילעגיעס. די דאָזיקע פּריווילעגיעס פֿון די יידן, וואָס זענען אויפֿגענומען געוואָרן אין פּוילן, זענען דער קערן פֿונעם „קאַלישער סטאַטוט“. ער באַשטייט פֿון פּלאַנשן באַפּוצטע מיט אילומינאַציעס און געשריבן מיט דער האַנט אין דער העברעישער, פֿראַנצויזישער, פּוילישער און לאַטייַנישער שפּראַך. אָבער שיק באַגרענעצט זיך נישט אינעם „קאַלישער סטאַטוט“ בלויז צו דער פֿאַרגאַנגענער צייט. ער פֿירט אין אים אַריין אויך די געשיכטע פֿון דעם צושטייער פֿון די יידן אין דער ווירטשאַפֿט און קולטור פֿון פּוילן ביז די לעצטע צייטן, ד. ה. ביז דער צייט, ווען ער האָט געשאַפֿן דאָס ווערק. דאָס שערבלאַט פֿונעם „קאַלישער סטאַטוט“ שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם פֿאָר־

טרעט פונעם קעניג קאָזשימיעזש דעם גרויסן, דעם אַפּאָטראָפּוס און באַשיצער פון ייִדן. דער קינסטלער שטעלט אים פאָר אין זיין גאַנצן מיַעסטאַט זיצנדיק אויפן טראָן; און איין האַנט האַלט ער דעם קעניגלעכן סצעפּטער און אין דער צווייטער א פּאַרמעט, אויף וועלכן עס זענען אויסגערעכנט די רעכט פון ייִדן.

צווישן די בילדער פון דעם „קאַלישער סטאַטוט“, וועלכע אילוסטרירן די געשיכטע פון די ייִדן אין פּוילן, זעען מיר אויך דעם קעניג זיגמונט אויגוסט, בעת ער נעמט אויף די יידישע דאָקטוירים, וואָס דער סולטאַן האָט אים געשיקט צו היילן זיין געליבטע ווייב באַרבאַראַ פון די ראַדזיווילס. צווישן די ווייטערדיקע בילדער געפינט זיך אויך א בילד, וואָס שטעלט פאָר דעם טויט פון בערעק יאָסעלעוויטש, דעם קאַמף פון ייִדן־לעגיאָניסטן און אַנדערע. באַזונדערס רירנדיק איז דורכן קינסטלער פאַרגעשטעלט די לוויה פון בערעק יאָסעלעוויטש, ווי אויך די ייִדן, וואָס שטייען נעבן הארמאַטן, און אונטער דעם פּוילישן אָדלער, וועלכער ווערט אונטערגעהאַלטן פון צוויי לייבן, געפינט זיך אַן אונטערשריפט „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט“.

פון דעם נעענטערן געשיכטלעכן פעריאָד האָט אַרטור שיק פאַראייביקט אויף איינעם פון זיינע בילדער דעם אָנטייל פון די ייִדן פון זיין געבוירן־שטאָט לאָדזש אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג קעגן דעם צאַרישן אָקופּאַנט אין יאָר 1905. מיר זעען דאָ אויף די באַריקאַדן א גרופּע ייִדן, וועלכע שטעלן זיך אַנטקעגן די רעגולערע אָפּטיילונגען פונעם רוסישן מיליטער.

די אַלע מיניאַטורן שטעלן מיט זיך פאָר אַ זאַמלונג פון 45 אילומינירטע פּלאַנשן, זיי זענען אויסגעפירט מיט גרויס פּאַסיע, דערביי איז דער לייטמאָטיוו, וואָס פאַרבינדט אין איין גאַנצעם אַלע צייכענונגען, סיי די, וואָס האָבן אַ געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט (ייִדן בעלי־מלאכות, ייִדן מינצער, ייִדן, וועלכע עקספּאָרטירן די לאַנד־פּראָדוקטן דורך דאַנציג אין די ווייטע לענדער מעבר־לים און אנד.) — די קאָלירטע אילוסטראַציע־ראַם פון יעדן באַזונדערן בלאַט.

אַרטור שיקס „קאַלישער סטאַטוט“, וועלכער איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין לאָנדאָן, פּאַריז, ניו־יאָרק און אַנדערע הויפּטשטעט, האָט אַרויסגערופן אַן אמתע סענסאַציע. די לאָנדאָנער אויסשטעלונג האָט געעפנט נחום סאָקאָלאָוו און דער דעמלטיקער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, וועלכער האָט אָפּגעקויפט איינעם פון די ע״שטע עקזעמ־

פליאַרן פון „סטאַטוס“ און אים פייערלעך דערלאַנגט סאָקאָלאָוון אַלס מתנה פאַר די יידן אין פאַלעסטינע.

דאָס ווייטערהדיקע גרויסע ווערק פון שיקן איז אַ ציקל מיניאַטורן, וועלכע אילוסטרירן דעם אַנטייל פון פאַליאַקן אין די באַפרייאונגס־קאַמפן פון צפון־אַמעריקע. דער דאָזיקער ציקל איז אַנטשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיטן יובל פונעם 200־טן געבוירנטאָג פון דזשאָרזש וואַשינגטאָן (1732—1799). אויך דאָ, אַזוי ווי אין „קאַלישער סטאַטוט“, שטעלט ארטור שיק פאַר אַ קייט פון היסטאָרישע געשעענישן, אָנהייבנדיק פונעם אויסקעמפן די אומאָפּהענגיקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ביז די גייסטע צייטן. מיר זעען דאָרט די פּאָרטרעטן פון וואַשינגטאָן און אַבראַהאַם לינקאָלן, ווי אויך באַרימטע פאַליאַקן: קאָשטשושקאָ, פולאַסקי, פאַדערעווסקי און אַנד., וועלכע האָבן אָדער אָנטיילגענומען אין די דערמאָנטע פרייהייטס־קאַמפן, אָדער האָבן זיך צונויפגעלעבט מיטן אַמעריקאַנער פאָלק. דאָס דאָזיקע ווערק איז אַנטשטאַנען לאַנג פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אַרטור שיק האָט אויך געשאַפן אַ ציקל מיניאַטורן אויף דער טעמע פון די פרייהייטס־קאַמפן אין דרום־אַמעריקע אונטער דער אָנפירונג פון באָליוואַרן.

פון די אַנדערע גרויסע מיניאַטור־ציקלען דאַרף מען אויסרעכענען: „די הגדה של למברג“, ווי אויך אַן אלבום, וועלכן ער האָט אָנגערופן „די שעפער פון דער נייער אָרהענונג“.

שוין אין יאָר 1919 האָט שיק אויסגעשטעלט אין דער וואַרשעווער זאכענטע אַ מיניאַטור א. נ. „דער מאָלדאַווער אומטערטעניקייטס־אַקט“.

חוץ דעם האָט ער אויך געשאַפן אילוסטראַציעס צו רוסישע משלים, און זייענדיק אין פראַנקרייך, האָט ער אילוסטרירט פלאָבערס „די נסיונות פונעם הייליקן אַנטאָן“. ער האָט אויך אילוסטרירט אַ סאַטירע פון יוליאַן טוווים וועגן דער דייטשישער רעוואָלוציע. פון דער יידישער ליטעראַטור האָט שיק אילוסטרירט דאָס בוך פון משה בראָדערזאָנען „אַלדאָס גוטס“, דאָס בוך פונעם פראַנצויזיש־יידישן דיכטער אַנדרע ספיר — „לעגענדעס“, ווי אויך ס. לאַנדינסקים „לידער פון יידישן זעלנער“; דאָס לעצטע — צוזאַמען מיט לעאָפּאָלד גאָטליבן. חוץ דעם האָט ער געשאַפן אַ ריי הומאָריסטישע צייכענונגען צו דער זאמלונג פאַר אנעקדאָטן און מעשהלעך וועגן יידן, געשריבן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך דורך קורנאנסקין און ביגטאַקן. די זאמלונג

הייסט: „דער לאַנגדיקער ייד" (לע זשואיף קי רי); א פאָררעדע צו דעם בוך האָט אָנגעשריבן דער דעמאָלטיקער קולטור־מיניסטער אַנאַ־מאַל דע־מאָנזיע.

מע וואָלט נאָך געקאָנט אויסרעכענען אַזעלכע אַרבעטן, ווי „מאַרס אימפּעראַטאָר רעקס מונדי", „אַלעקסאַנדער מוקדון", „דער אַרציבי־שאָף יאַדוס" ווי אויך „דאָס מגייר זיין זיך פון די מאַראַוויטן". עס פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט שיקס ווערק א. נ. „בערעק יאָסעלעוויטש הינטער קאָצק", „דער טויט פון טרומפּעלדאָרן אין דער שלאַכט מיט די אַראַבער", אָדער דאָס בילד פון די קאַמפן בעתן אויפשטאַנד אין יאָר 1861, וואָס שטעלט פאָר דעם יידישן בחור מיט פאות לאַנגע אין מאָ־מענט, ווען ער הייבט אויף דעם קרייץ, וועלכן ער האָט איבערגענומען פון די הענט פונעם כאָראַנזשי, וואָס איז געפאַלן געטראָפן פון די רו־סישע קוילן. לאַנגע דערמוטיקט דערמיט די אויפשטענדלער צו דער ווייטערדיקער שלאַכט.

צווישן די מאָדערנע קינסטלער זענען ווייניק געווען אַזעלכע, וואָס זאָלן אַזוי געשעצט ווערן אין די פאַרשידנסטע לענדער, ווי אַרטור שיק. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט ביי אים באַשטעלט א פאָרטרעט — א מיניאַטור פון דעם סולטאַן פון מאַראָקאָ, ווי אויך א פאָרטרעט פונעם קולטור־מיניסטער דע־מאָנזי. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אָפּגע־קויפט ביי שיקן דעם ציקל צום 200־טן געבוירנטאָג פון וואַשינגטאָן. דער לוקסעמבורגער מוזיי אין פּאַריז האָט אָפּגעקויפט זיין מיניאַטור „שלמהס שיר". אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסשטעלונג פון שיקס אַרבעטן אין דער גאַלעריע פון דעקערן באַקומט ער דעם ערן־טיטל: וועלט־מייסטער אויפן געביט פון דער מיניאַטור.

ניישט קוקנדיק אויף די אַלע אויסצייכענונגען, גרויסן כבוד און דערפאָלג, ווערט אַרטור שיק פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה א קינ־סטלער, וואָס וואַנדערט אַרום איבער גאַנץ אייראָפּע. קיין פּוילן קומט ער דעמאָלט, ווען עס האָבן שוין אָנגעהויבן צו בליען די שוואַרצע בלומען פון היטלעריזם.

ווען שיק איז געווען אין לעמבערג, האָט מען אים אונטערגערוקט דעם געדאַנק צו שאַפן א מיניאַטור־ציקל פון דער געשיכטע פון לעמ־בערג. אַזוי אַנטשטייט זיין „הגדה של למברג", א ווערק, וואָס שטעלט פאָר די סכנה פאַר דעם פּוילישן יידנטום מצד דעם דייטשישן האַקנקרייץ. אויף דער טעמע האָט שיק געשאַפן איינציקע פּלאַנשן, וועלכע האָבן

געזאָלט געדרוקט ווערן אין דער נאַציאָנאַלער דרוקעריי אין קראָקע. אָבער דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט דער דייטשישער אַמבאַסאַדאָר זיך אַריינגעמישט אין דעם ענין און געפֿאָדערט, אַז דאָס דרוקן זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן. דאָס זעלבע איז געשען אין פּראָג, וווּ די היטלעריסטן האָבן שוין געהאַט דעם מוט צו שטערן דרוקן אַפֿילו קונסט־ווערק, וואָס זענען נישט געווען באַקוועם פֿאַר זיי. צוליב דעם טאַקע באַווייזט זיך די „הגדה של למברג“ א סך שפּעטער און ד אָ ס אין לאָנדאָן. דערביי האָט דער מחבר דאָס אויסגעפֿירט אויף פּאַרמעט אין איין עקזעמפּליאַר.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אַרטור שיק געווען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און דאָרט געשאַפֿן אַן אַלבום „די טרעגער פֿון דער נייער אָרדענונג“. אין די מיניאַטורן פֿון דאָזיקן ציקל פֿירט ער אַרויס די אונטערצינדער פֿון דער וועלט און שטעלט פֿאַר זייער בלוטיקן באַגער צו פֿאַרניכטן די מענטשהייט און איר קולטור.

נאָך אַ זייער מיזאַם לעבן איז אַרטור שיק געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 14־טן נאָוועמבער 1951 אין פֿריען עלטער פֿון 57 יאָר.

## יאַקוב שטיינהאַרדט

דער דאָזיקער אָריגינעלער קינסטלער איז געבוירן געוואָרן אין זערקאָוו (פּויזנער וואָיעוואָדשאַפֿט) אין 1887 יאָר. דעמלט און אויך אין משך פֿון די ווייטערדיקע דרייסיק יאָר האָט די דאָזיקע פּראָווינץ געהערט צו פּרייסן. דערפֿאַר איז אַ וווּנדער, וואָס זייענדיק אַן אָפּשטאַמיקער פֿון אַ געוויינלעכער דייטשישער פּראָווינץ, געהערט שטיינהאַרדט גראָר צו די סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע שעפֿער, וואָס ווייזן דאָס לעבן פֿון פּוילישן ייִדנטום. דאָס דאָזיקע לעבן האָט דער קינסטלער געוויזן מיט גרויס געפֿיל, נישט ווי אַ מענטש, וואָס שטייט אין דער זייט. נאָר ווי איינער וואָס אָטעמט מיט דער זעלבער אַטמאָספֿער און וואָס איז אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פֿון דעם. שטיינהאַרדטס טיפּן פֿון די פּוילישע ייִדן זענען אַזוי ווי גענומען פֿון די ביבלישע צייטלעך, קרישטאַליק און סובסטאַנץ, ווי די געשטאַלטן פֿון געניאַלן רעמבראַנדט.

צווישן די ייִדישע מאָלער געהערט שטיינהאַרדט צו די, וואָס שטייען אַמנאָענסטן צו דעם האָלענדישן מאָלער יוסף איזראַעלס

(1824—1911) וועמענס בילדער „די יידישע חתונה“, „דער ספּר“ אָדער „דער זון פון אַלטן פאָלק“ פאַרמאָגן אין זיך די קווינטעסענץ, אַזוי צו זאָגן, פון די אייגנטימלעכע יידישע טראַדיציעס. אויך אין שטיינהאַרדטס ווערק הערשן דעריבער מעלאַנכאָלישע שטימונגען און גייסט פון איזראַעלס.

דער פאָרגייער פון שטיינהאַרדטן צווישן די יידישע קינסטלער אין פוילן איז געווען שמואל הירשענבערג, וואָס האָט אין זיינע בילדער „די ישיבה“, „גלות“, „די שוואַרצע פאָן“, „דער יידישער בית-עולם“, „בעטלער“ א. א. געוויזן דעם גאַנצן אומעט און האָפענונגסלאָזיקייט פון דעם פאַרדרעגטן אין געטאָ יידישן לעבן.

ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז צווישן די היינטצייטיקע מאָלער איז יאַקוב שטיינהאַרדט איינער פון יענע קינסטלער, וואָס האָבן אויסגעדריקט אויף דעם אינטערעסאַנטסטן אופן די אויפטרייסלונגען, וועלכע די מזרח-יידן האָבן אַדורכגעלעבט אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, אייגנהיטנדיק אין דער בולטסטער פאָרם די טראַדיציאָנעלקייט פון יידישן לעבן אין משך פון הונדערטער יאָרן ביז דעם לעצטן קאַטאַקליזם און איר גאַנצער פאַרשידנאַרטיקייט און פילפאַרביקייט.

שטיינהאַרדט האָט סיי אין זיין מאָלן סיי אין זיינע האָלצשניטן איבערגעגעבן אַמבולטסטן די דאָזיקע ספּעציפיק, וועלכע מען קען אָנרופן דער יידישער באַראָק. זיינע בילדער זענען איבערצייגנדיק דערמיט, וואָס נישט נאָר זיי דרינגען אריין טיף אין דער טעמע, נאָר זיי דריקן אויך אויס דעם גייסטיקן מהות פון קינסטלער גופא. דערביי באַמיט ער זיך צו זיין אויפן העכסטן אופן קורץ און אויסדריקלעך. אויף דער דיסטאַנץ פון אַנדערהאַלבן צענדליק יאָרן נאָך דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע פון פוילישן יידנטום רופן שטיינהאַרדטס בילדער ביי אונדז אַרויס זכרונות און רעמיניסצענצן וועגן די צייטן פון אָנגעשטרענגטן יידישן לעבן אין הונדערטער שטעט און שטעטלעך און וועגן מענטשן, צווישן וועלכע מיר האָבן געלעבט און מיט וועלכע מיר זענען געווען אָרגאַניש פאַרבונדן. היינט לעבן זיי כמעט אויסשליסלעך אין אַזעלכע קונסט-ווערק ווי אין די בילדער פון מאַוריצי גאָטליב, שמואל הירשענבערג, יאַנקל אַדלער, מאַרטשינסקי, מאַרקאָוויטש, שיק, שטיינהאַרדט און אַנדערע.

שטיינהאַרדטס קאָלאָריסטישע גאַמע קאָן מען באַצייכענען ווי אַ עקספּרעסיווע, ווייל דער אינהאַלט פון זיינע בילדער איז אַ דראַמאַטי-

שער. אין זײַנע בילדער װײַזט ער דעם טיפן צער נישט נאָר פון יחיד, נאָר אָפּטמאָל אױך פון גאַנצן ייִדישן כּלל. די געשטאַלטן, װאָס לעבן אױף זײַנע בילדער, זענען ייִדן אָנגעטאָן אין זײערע טראַדיציאָנעלע מלבּושים, אין שװאַרצע קאַפּאָטעס, מיט שװאַרצע בערד און אומעטיקע אױגן. בלױז זײערע װײַסע בלוטלאָזע פּנימער העלן אַרױס פון שװאַרצן פאָן. נישט געקוקט אױף דער אױסערלעכער אײנזײַטיקײט, װיבּרירט יעדע געשטאַלט מיט איר אײגנאַרטיקן לעבן. שטײנהאַרדט איז װי אַ פּנקס=שרײַבער פון די מזרח=ייִדן מיט זײער חושבֿריקער פאַרגאַנגענהײט און פאַרגליװערטע טראַדיציעס. ער האָט אָבער פאַראײביקט די דאָזיקע דערשײנונגען מיט גרױס געפיל און פּיעטעט. ער װײַזט אונדז מענטשן, װאָס אױסער די ראַמען פון זײער טראַדיציעס, אָנערקענען זײ גאָרנישט. אױב מיר קוקן זיך, למשל, צו צו דעם געזיכט פון אַלטן מאַן, װאָס האַלט אין זײַנע הענט אַ תּורה, װאַרפט זיך אין די אױגן די גערירטקײט זײַנע, מיט װעלכער ער פירט אױס די הײליקע עבֿודה. זײַן גאַנצע געשטאַלט דריקט אױס אַ גרױסע איבערלעבונג.

די תּורה איז נישט געװען פאַר ייִדן בלױז אַ טרוקן געזעץ, נאָר אַן אינהאַלט, װאָס האָט פול געמאַכט זײַן גאַנץ לעבן. אױך די בילדער, װאָס װײַזן דאָס געמײנזאַמע לעבן פון טראַדיציאָנעלע ייִדן, שטיצן זיך אױף דעם זעלבן, װי דאָס בילד פון אַלטן מאַן װאָס טראָגט די תּורה. אײנס פון שטײנהאַרדטס בילדער באַװײַזט דאָס לעבן פון ייִדן אין פּױלישן דאָרף. דורך אַ שפּעדיקער פאַרשנײטער גאַס מיט צװײ רײען ענלעכע הײַזלעך, װאָס זעען אױס װי אָפּגעקאַלעכטע קעסטלעך, ציט זיך אַ שנירעלע ייִדן אין שװאַרצע קאַפּאָטעס, װעלכע קערן זיך אום, װײַזט אױס, פון שול אַהײם. נאָר אױפן ערשטן בליק קאָן זיך אױסדאַכטן, אַז דאָס דאָזיקע בילד איז געגעבן סטאַטיש. אין דער אמתן איז עס פול מיט אָנגעשטרענגטקײט און דראַמאַטישקײט.

די גרונט=טעכניק פון שטײנהאַרדטס שעפערישקײט איז געװען האָלצשניט. װי געפירט דורכן אינסטינקט, נעמט זיך דער קינסטלער גראָד פאַר דעם דאָזיקן זשאַנר, װעלכער איז בכּוח אַמבולטסטן איבערצוגעבן זײַן ספּעציפישן אינהאַלט. מיט דער הילף פון אָט דער טעכניק האָט שטײנהאַרדט געקאָנט מיט אַן אױסערגעװײנלעכער שטאַרקײט אונטערשטרײַכן די דראַמאַטישקײט פון די קאָנטראַסטן, װאָס זענען פאַראַן אין זײַנע מאָטיװן.

אָט זעען מיר, װי דורך אַ פענצטערל פון אַ קלײן קרום הײַזל,

וואָס מאַכט דעם איינדרוק, אַז עס שאָקלט זיך, דערשיינט אַ קאָפּ פון אַ ייִדן מיט אַ ציגן=בערדל, די פּאַרטונקלטע, שאָטנדיקע באַלייכטונג גיט דער דאָזיקער סצענע צו כמעט אַ מיסטישן אויסקלאַנג. ווייל אומעטום אַרום זענען אָנגעוואַלגערט קעסטלעך פון ענלעכע מאַנאָטאָנע הייזלעך, וואָס זענען אַזוי ווי צעוואָרפן אין נערוועזן אומרו.

ער האָט מיט דער גרעסטער פּיעטעט פאַרגעשטעלט מענטשן, וועלכע פילן זיך ווי פאַרלוירענע אין דער וועלט. ער האָט געמאָלט אַ באַוואָלהטע בעטלערקע, אַ באָבע מיט אייניקלעך, אַן אלמנה, ייִדן, וואָס טראָגן ספר=תורות אין בית=מדרש; ייִדן, וואָס איילן זיך אין שול אַריין מיט די טליתים=זעקלעך אונטערן אָרעם, מלמדים, ייִדישע קליינע קרעמער א. א. פון גרופּן=סצענעס ווייזט שטיינהאַרדט אַ ייִדישע לוויה, ייִדן ביים דאַווענען. שטיינהאַרדט האָט אויך געשאַפן פיל פּייזאַזשן און שטאָט=מאָטיוון. אין קעגנזאַץ צו פיל מאָדערניסטישע מאָלער, וואָס האָבן אָפּגעגעבן אַ סך אויפמערקזאַמקייט דעם מאָלן אַקטן, קאָמפּאָנירט שטיינהאַרדט זייער פיל אויף ביבלישער טעמאַטיק. עס זענען באַקאַנט זיינע בילדער אויף טעמעס פון די נביאים, הגדה, מגילות=אסתּר און דאָס חורבן מאַכן פון בית=המקדש. אין שטיינהאַרדטס שאַפונג טרעפן מיר אַ פאַרשידנאַרטיקע טעמאַטיק, וואָס ווייזט דעם מענטשן אין גאַנץ פון זיין לעבן ביז צום טויט.

אַ מאָדנע איז די וועלט, וועלכע שטיינהאַרדט מאָלט. צו אירע מענטשן דערגייט כמעט נישט די אייראָפּעישע ציוויליזאַציע.

זיי לעבן אין אַן ענגן קרייז, ווי זייערע פאָטערס און זיידעס, ווי זיי וואָלטן געווען איין גרויסע משפּחה. אַלץ וואָס געשעט אויסער זייער קרייז, איז פאַר זיי פרעמד און גלייכגילטיק, חתונות, אַלטע מנהגים, לוויות — דאָס זענען די איינציקע עמאָציעס פאַר די דאָזיקע מענטשן. זיי אַלע שלעפּן אַ זייער שווערן יאָך אין קאַמף פאַרן טאָג=טעגלעכן שטיקל ברויט. דעריבער זענען זייערע פּנימער פול מיט צער און אומעט. אין שטיינהאַרדטס אַלע בילדער, סיי אין די, וואָס ווייזן דעם יחיד, סיי אין די, וואָס ווייזן דעם כלל, פילן מיר אַן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג און אַ מין צושטאַנד פון דערוואַרטונג, וואָס דאַרף ברענגען סוף כל סוף פאַרלייכטערונג. אָבער איינצייטיק פילט מען אויך אַ קאָלאָסאַלע אָנמאַכט און זינלאָזיקייט פון קאַמף, אין גייסט פון „הבל הבלים“.

די מאָטיוון פון שטיינהאַרדטס בילדער ווירקן שווער אויפן געמיט פון צושויער. אַלע מענטשן, וואָס ווערן דאָ געוויזן, זעען אויס ווי געקומען אויף דער וועלט, כדי אָפּצוקומען פאַר זינד, וועלכע זיי זענען נישט באַגאַנגען, ווי אַ פאַנטאַסטישער סצענאַר אין בילדער פון דער פילדורותדיקער סטאַגנאַציע פון פוילישן ייִדנטום. גלייכצייטיק אָנגעהאַלט אויך אין זיך שטיינהאַרדטס ייִדישע טעמאַטיק אַ מין וויזיאָנערישן פאַרגעפיל פון דער טראַגעדיע, וואָס דערנענטערט זיך.

די נויט פון די ייִדישע מאַסן, וואָס שטיינהאַרדט ווייזט אַזוי איבערצייגנדיק, האָט נישט געהאַט איר גלייכן ביי קיין שום פאָלק און ביי קיין שום געזעלשאַפטלעכן שיכט אין אייראָפּע. ער מאָלט דאָס מיט גרויס ליבע און ווייטיק, אָבער אייגנטימיק, וואָרום אָן שום געזעלשאַפטלעכן אַנאַליז.

מיר ווייסן, אַז סוף 19־טן יאָרהונדערט זענען אויך צווישן ייִדן אויסגעבראָכן בונטן קעגן פאַרשאָלטענעם גורל, קעגן אָפּגעשטאַנענקייט און וועגעטאַציע. עס באַווייזן זיך שטראָמען פון סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין. אויך דעמלט איז שוין דער קאַמף געגאַנגען נישט בלויז וועגן פאַרקירצן די לאַנגע קאַפּאָטעס און אָפּשערן באָרד און פאות, אָדער אַז מ'זאָל דער ייִדישער חתונה־געהאַטער פרוי איבערלאָזן איר נאַטירלעכע באַפּוצונג אויפן קאָפּ — די האָר; דער קאַמף איז אויך געגאַנגען פאַר רעכט אויף אַרבעט, פאַר רעכט צום לעבן. שטיינהאַרדטס בילדער ווייזן זעלטן די האַזיקע טעמאַטיק. נישט געקוקט אויף דעם אָטעמט פון זיי אָבער מיט הומאַניזם.

שטיינהאַרדטן געלינגט צו פאַרביגדן דאָס ארכאַיש־ייִדישע מיט דער הײַנטצייטיקייט. די געשטאַלטן פון דער הגדה, איוב, ירמיהו שטייען אָפּט אויף תחית־המתים אין די געשטאַלטן פון ייִדן, אָנגעטוענע אין קאַפּאָטעס און שטריימלעך.

אין די ערשטע צייטן פון זיין שאַפונג ווערט שטיינהאַרדט צוזאַמען מיטן גאַנצן ייִדנטום אויפגעטרייסלט פון די פּאָגראָמען אין דעמלטיקן צאַרישן רוסלאַנד, פון ביילים־פּראָצעס און פון די מאַסן־וואַנדערונגען פון ייִדן מחמת פחד און פאַרפאָלגונגען. אונטער דער ווירקונג פון די איבערלעבונגען שאַפט שטיינהאַרדט בילדער, אין וועלכע ער שטעלט פאַר מענטשן אין אַן אויסגאַנגסלאָזער לאַגע, ווען טויט און אייביקייט שפּאַנען ביינאַנד נעבן זיך.

דאָך, נישט געקוקט אויף זייער הילפלאָזיקייט, זענען שטיינהאַרדטס מענטשן בכוח צו שטעלן אַן אינערלעכן ווידערשטאַנד, אָנשטאָט רעזיגנאַציע זענען זיי פול מיט גלויבן, אַז די צוקונפט וועט פאַר זיי ברענגען עפּעס אַן ענדערונג צום בעסערן. דערפאַר איז שטיינהאַרדטס קונסט אָפט פאַטעטיש און זיינע יידן זענען מאָנומענטאַלע געשטאַלטן, פון וועלכע עס שטראַלט אַרויס עפּעס אַ מאָדנע דערהויבנקייט. ענלעך צום ביבלישן איוב, וואָס נישט געקוקט אויף די קלעפּ און אומגליקן, וועלכע האָבן זיך אויף אים געשאָטן, איז ער דאָך געבליבן אינגאַנצן געטריי דעם גאָט, וואָס האָט אויף אים די דאָזיקע פּלאָגן געשיקט.

זינט שטיינהארדט האָט צוזאַמען מיט זיין גאַנצן פאָלק איבערגעלעבט די קאָשמאַרע הערשאַפט פון דער היטלעריסטישע־כוואַסטיק אין אייראָפּע, ווערט זיין שאַפונג אין דער עמיגראַציע וואָס אַמאָל מער אויסקריסטאַליזירט. ער באַזעצט זיך אין ארץ־ישראל, אָבער איז ווייטער מיט אַלע זיינע פיבערן פאַרבונדן מיטן גורל פון די מיליאָנען יידן, וואָס זענען אַרייַנגעפאַלן אין די לאַפּעס פון היטלעריזם. די אויסדרוק־פאָרם ביי שטיינהאַרדטן ווערט מער קוביסטיש, אַזוי ווי ער וואָלט אין דער דאָזיקער פאָרם געשטרעבט איינצוהאַלטן דעם וויי־געשריי וואָס דרינגט דורך זיין גאַנצן וועזן. ער שאַפט צום ביישפּיל אין האָלצשניט אַ געשטאַלט פון אַ נביא — די פאַרקערפּערונג פון שוידערלעכער איינזאַמקייט. זיינע אויגן דריקן אויס איבערמענטשלעכע אימה און ליידן, דערזעענדיק דאָס בילד, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אים. שטיינהאַרדטס נביא איז לויט זיין פיזיאָנאָמיע אַביסל ענלעך צו ספּינאָזען.

שטיינהאַרדטס בילדער, וואָס שטעלן פאָר שטעט, זענען איינגעהילט אין שוואַרצע וואָלקנס, וואָס פאַרטונקלען יעדן שטראַל, וועלכער באַמיט זיך דורכצורייסן דורך זיי. די מויערן פון די הייזער אויף די בילדער — אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געקאָרטשעט פון וויי־קראַמפּן. זיי זעען אויס ווי פינצטערע וועלדער, איבער וועלכע עס רוקט זיך אָן עפּעס אַ טייוואָלישער קאָשמאַר.

שטיינהאַרדט איז אַ קינסטלער, וואָס וואָלט געוואָלט שפּאַנען איבער אַלע צייטן פון דעם יידישן שיקזאַל, און דערפאַר אַזעלכע טעמעס ווי חד־גדיא, מגילת אסתר, איוב, ירמיהו און געשטאַלטן פון די צייטן פון דער אינקוויזיציע און צאַרישע פּאָגראָמען. די אייגנאַרטיקייט פון שטיינהאַרדטס קונסט איז איר דראַמאַטישקייט.

פון דער זעלבער קליינשטעטלדיקער אטמאספער, וואס האט שטייגהארדטן, דעם האלב-דייטשישן ייד, באגייסטערט צו שאפן ווערק, וועלכע אנטפלעקן די ספעציפיק פון די מזרח-יידן, קומען ארויס צוויי אנדערע פענאמענאלע יידישע קינסטלער — מארק שאגאל און חיים סוטין. אין קעגנזאץ צו דער חושנדיקייט פון שטייגהארדטס טעמאטיק, שפיגלט שאגאל ארויס פון כמעט די זעלבע מאטיוון א ספעציפישע ליריק, מוזיקאלישקייט און אפילו הומאר. סוטין ווידער אנטפלעקט זיך אין פארשידענע געשטאלטונגען, נישט נאר אין מענטשלעכע, נאר אויך אין בעל-חיים. זיינע מאטיוון ווייזן מער רעליעף דעם באַרבאַריזם, וועלכן עס האט מיט זיך געבראכט די הייגטצייטיקע ציוויליזאציע און זענען ווי דער סימבאָל פון ליידן, דערנידערונג און פאראכטונג צום פשוטן מענטשן. סוטינס בילדער טרייסלען אויף מיט זייער קאלאָריסטישער דינאמיק, און אין דער צייט ווען שטייגהארדט שטעקט מיט זיין גאנצן איך אויסשליסלעך אין דער ספעציפיק פון דער יידישער אטמאספער, ווייזט אונדז סוטין די ליידן אין אוניווערסאלן זין.

# משה קיסלינג

משה קיסלינג איז געבוירן געוואָרן אין דער משפחה פון אן אָרעמען יידישן שניידער אין יאָר 1891 אין קראָקע. אין דער דאָזיקער שיינער און אַלטער שטאָט פון פרעכטיקע היסטאָרישע אַלטערטימלעכקייטן, ווי דער וואַוועל, פון וועלכן מע קאָן אַרומנעמען מיטן אויג א וווּנדערלעכע פאַנאָראַמע, איז קיסלינג אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן.

צו יענער צייט האָט אין דער פּלאַסטישער קונסט שוין מער נישט געלאָקט דער אימפּרעסיאָניזם. אויפן האָריזאָנט באַווייזן זיך נייע לאָזונגען און נייע דרייסטע אינטערפּרעטאַטאָרן: מאַטיס, פּיקאַסאָ, קאַנדינסקי, וועלכע ברענגען אַריין א נייעם ריטם און דינאַמיק.

די הויפּט-ראָל הייבט אָן שפּילן דער מוח, דער געדאַנק. קיסלינג האָט דעמאָלט שטודירט אונטער דער לייטונג פון פּאַנקעוויטש, א מענטש זייער אָן עמפּינדלעכן, וואָס האָט אָפּגעפּילט די גרויסע ענדערונגען, וועלכע קומען פאַר אינעם ארום. אונטער דער הערשאַפט פון פּראַנץ יאָזעפן האָט די פּוילישע קולטור גיבער געהאַט די מעגלעכקייט

זיך אויסצולעבן און אנטוויקלען איידער ווי אין די אַנדערע אָקופּירטע פּוילן. ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס קיין קראָקע האָבן גע־צויגן מענטשן פון אַלע עקן פון פריערדיקן פּוילן. אַזוי אַרום טרעפט מען אין דער קראָקעווער אַקאַדעמיע פערדינאַנד רושטשיצן פון ווילנע, יאַן סטאַניסלאַווסקין פון אוקראַינע, יאַצעק מאַלטשעווסקין פון ראַדאָם, לעאָן וויטשולקאָווסקי פון וואַרשע. פּאַנקעוויטש האָט געשטאַמט פון לובלין. גאַליציע און איבערהויפּט איר הויפּטשטאָט קראָקע, האָט נאָך געלעבט מיט די טראַדיציעס פון מיכאַלאָווסקין, מאַטעיקאָ, קאַטסיסן און סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי, וועמענס זשעני עס האָט אויפגעשיינט אין סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט. מע קאָן אויך נישט אויסמיידן די ווירקונג פון אַזעלכע מאָלער, ווי יוליאַן פאַלאַט, אָלגאַ באַזענסקאַ, וועל־כע האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער פּוילישער קולטור.

אין אַזאַ סביבה איז אויסגעוואַקסן משה קיסלינג. אין אָנהייב האָט ער געהאַט בייצוקומען צוויי שוועריקייטן: ער איז געווען א קבצן און א ייד.

אלט זייענדיק צוואַנציק יאָר רייסט זיך קיסלינג אַרויס פון קראָקע קיין פּאַריז. ער האָט שוין געהאַט איינגעזאַפּט אין זיך אַלע ווערטן פון די היינטצייטיקע קראָקעווער מייסטער און מיט א סומע פון צען פראַנק לאָזט ער זיך אין דער ווייטער רייזע, אין אן אומבאַקאַנטער, פרעמדער וועלט, וו עס הערשן אַנדערע מנהגים און אַנדערע געוווינהייטן. ער פאַרשטייט אָבער זייער גוט, אז דווקא פּאַריז דאַרף זיין דער ווייטער־דיקער עטאַפּ נאָך זיין באַליבטן קראָקע. אין אָנהייב גייט אים זייער שלעכט, נאָך ערגער ווי ביי זיין טאַטן דעם אָרעמען שניידער. ווי ער האָט אליין שפּעטער דערציילט, פלעגט ער אָפט אָנשטאָט אַ מאָלצייט באַגנוגענען זיך מיט א פּאַפּיראָס, מיט וועלכן מ'האָט אים מכבד געווען.

איינמאָל, זיך אומקערנדיק אהיים ווי תמיד א הונגעריקער, האָט ער געטראָפן א בריוו פון מאָסקווע. עמעצער אן אומבאַקאַנטער האָט באַשטימט פאַר אים 150 פראַנק א חודש אין משך פון א יאָר צייט. אַזוי האָט זיך פאַר קיסלינגען פאַרענדיקט די צייט פון הונגער און דחקות.

האָבנדיק אַ באַשיידענע, אָבער געזיכערטע עקזיסטענץ, גיט ער זיך איינגאַנצן אָפּ זיין שאַפן. ער מאָלט הויפּטזעכלעך מענטשלעכע פיגורן, וועלכע זעען מייסטנס אויס ווי מענטשן, וואָס זענען פּלוצלונג איבער־

ראַשט געוואָרן צוליב עפּעס אַ געשעעניש, טייל קוקן מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן, ווי קינדער, טייל זענען אַזוי ווי פֿאַרקוקט אין דער טיפֿקייט פֿון זייער אייגענעם וועזן. קוקנדיק אויף זיינע בילדער ווערט פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ צוליב זייער טראַגישקייט. דערביי איז אָפֿט שווער צו זאָגן, צי די געמאָלטע געשטאַלט איז גענומען פֿונעם ווירקלעכן לעבן, אָדער דאָס איז אַ פּראָדוקט פֿון דעם קינסטלערס פֿאַנטאַזיע. איינס איז בלי ספֿקדיק — אַלע געשטאַלטן פֿון קיסלינגן זענען קאָמוניקאַטיוו, וואַרפֿן סוגעסטיוו אָן זייער אינערלעכע אומרואיקייט, ליידן און ווייטיק.

זיך אַליין מאָלט קיסלינג, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַרויסגעשפּרונגען פֿון אַ שוואַרצער, אומהיימלעכער טרומנע. זיין שטערן איז גערינצלט, דאָס קיילעכדיקע נאַיווע פּנים קוקט מיט שרעק אויף דער וועלט און זיינע שוואַרצע אויגן וואָס קוקן מיט אַ קאַלטן, זאַכלעכן בליק, פֿאַרמאָגן עפּעס אַ מאַגנעטישע צוציונגס־קראַפֿט.

משה קיסלינגס שאַפֿונגען פֿאַרמאָגן אין זיך אַן עלעמענט פֿון ביבלישער לאַקאָנישקייט. זיין שווייגן, וואָס איז פֿאַרמירט אין געשטאַלט פֿון ריזיקע, שווערע בלאָקן, איז טיילמאָל אַזוי דורכדרינגענדיק, אַז עס ווילט זיך אויסרופֿן: „רעד העכער, שריי!" די העלדן זיינע דערקענט מען אָפֿט לויט דער נערוועזיטעט פֿון זייערע פֿינגער, קאָנוווּלסיווע פֿאַרצויגענע ליפּן, גערינצלטער הויט פֿון דער נאָז. אַפֿילו דער אופֿן ווי ער מאָלט די האָר ביי זיינע פֿרויען־געשטאַלטן איז זייער אַן אויסדריקלעכער, פֿאַרמאָגט אַ סך געפֿיל.

אין דער מאָדערנער קונסט שטעלט מיט זיך פֿאָר משה קיסלינגס שאַפֿונג עפּעס אַ מאָדנע דערשיינונג, אַזוי ווי אַן אַנטיטעזע צום לעבן. זיין קונסט רייסט זיך אַריין אין דער נשמה מיט איר קאַלטן אָבער שטימונגספֿולן אויסקלאַנג. די שטימונג, וואָס עס שאַפֿן זיינע טיפּן, איז זייער אַ דראַמאַטישע. זיי פֿאַרכאַפּן אונדז מיט זייער ראַפֿינירטער פּשוטקייט, דערביי איז דער הויפּט־טאָן זייערער — ליידן. באַזונדערס שיין זענען קיסלינגס פֿרויען־טיפּן, וועלכע מאַכן אָפֿט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן זיך געפֿונען אויף דער בינע און זיך איינגעהערט אין זייערע אייגענע טראַגישע איבערלעבונגען, וואַרטנדיק אויף פֿרישע קלעפּ פֿון גורל.

די אומרואיקייט, וועלכע עס ברענגט אַרויס דער קינסטלער אין זיינע בילדער, איז בלי־ספֿק אַן אָפּשפּיגלונג פֿון זיינע אייגענע איבערלע־

בוונגען. א גרויסער טייל פון זיינע בילדער פארמאגן דעם דאזיקן אומ=
רו, אבער יעדע פיגור, וואס ער שאפט. איז א נייע געשטאלט, וואס
לאזט זיך נישט פארגלייכן צו אנדערע און ניי איז אויך דער פסיכאלא=
גישער פראבלעם וועלכן זי אנטהאלט. דאך פאראייניקט זיי אלעמען
עפעס געמיינזאמעס ווי א מין משפחה=שטריך, וואס דריקט אויס
ליידן. נישט קיין פריילעכע איז די וועלט, אין וועלכער קיסלינג זוכט
זיינע מאדעלן, אבער געפינענדיק זיי, דערזעט ער אויך זייער וויר=
דיקייט.

קיסלינגס פרויען זענען זייער עלעגאנט, תמיד זייער זארגפעליק
און שיין פארקעמט, אבער ס'פילט זיך נישט אין זיי די מינדעסטע
עראטישע אלוזיע.

די טראגישע געשטאלטן קיסלינגס פארמאגן א לייכטן שמייכל,
ס'איז אבער שווער צו טרעפן די באדייטונג פון דאזיקן שמייכל.

אין זיין קונסט איז קיסלינג די פארלייקענונג פון זיין אייגענער
מיינונג, אז ער איז נישט קיין אינטעלעקטואליסט און „נישט קיין פסי=
כאלאגישער מאלער“. — אין דער אמתן איז ער סיי דאס ערשטע, סיי
דאס צווייטע. קיסלינג באמיט זיך ארויסצובאקומען פון יעדער ארויס=
געבראכטער געשטאלט איר אינערלעכן תוך, נישט באריקזיכטנדיק דעם
הינטערגרונט, דאס הייסט די ספערע, צו וועלכער יעדע פון די געשטאלטן
געהערן.

קיסלינגס קונסט האט אין א געוויסן שטאפ פארמאגט עלעמענטן
פון קוביזם, פון יענער נייער ריכטונג, וואס האט געוואלט פארריכטן
און דערגענצן דעם קלאסיציזם.

ביי די קוביסטן קאן מען באמערקן די פולקייט און טיפקייט פון
די טראדיציעס פונעם קלאסיציזם, וועלכן זיי האבן זיך באמיט מיט
גרויס פיעטעט צו קאנטינואירן. דאס איז פארגעקומען דעמלט, ווען
נאך דעם רעוואלוציאנערן, אימפרעסיאניסטישן שטורעם איז געבליבן
בלויז א שלעכטער סוראגאט, און פון דער דעמלטיקער מעטאמארפאזע
פון דער קאראקטעריסטיק איז אויסגעוואקסן די געזונטע רעאקציע פונעם
קוביזם. אבער אינצווישן איז אויך דער קוביזם דערגאנגען צו דער גע=
פערלעכער גרענעץ, ווו ער האט אנגעהויבן פארגליווערט צו ווערן אין ענגן
קרייז פון דער פארם, וועלכע ער האט געשאפן.

קיסלינגען געלינגט אבער צום גליק ארויסצומיידן דעם דאזיקן
ענגן קרייז. דער יסוד פון זיין קונסט שפארט זיך נישט אן אויף וועל=

כער ס'איז פאָרם, נאָר אויף איר אייגנטלעכן זין — אויפן מענטשן. מיט דער הילף פון דער צייכענונג און קאָליר באַמיט ער זיך אויסצו־דריקן דעם אינהאַלט פון דער מענטשלעכער פסיכיק און אויך פונעם פּייזאַזש און, דאָס וויכטיקסטע, ער געפינט זיין אייגענעם און אייגנ־אַרטיקן קאָמענטאַר.

קיסלינג האָט געמאָלט א בילד, מיטן נאָמען „יתומים“, וואָס דערמאָנט זייער שטאַרק א ווערק פון מאָוריצי מינקאָווסקי אויף אַן ענלעכער טעמע. הגם ביידע קינסטלער האָבן אַרויסגעבראַכט דעם סינ־טעז פון ליידן, נעמט יעדער פון זיי אויף אַן אַנדערע זייט פון דער טע־מע. ביי קיסלינגען זענען ליידן א דעמאָנישע איבערלעבונג, אַן אימפּול־סיוו געפיל, עפּעס אַזוינס, וואָס רייסט זיך אַריין ווי א גריליץ אין דער סטאַטישער ווירקלעכקייט. אויך די פּייזאַזשן זיינע, טויטע נאַטור, בלומען, טייכן אָדער בערג זענען פול מיט מעלאַנכאָליע.

משה קיסלינג איז געווען אַ פּאָעט, וועלכער האָט אויסגעדריקט זיינע וויזיעס אין קאָנסטרוקציעס. אַלע זיינע מאָטיוון זענען ליריש־דראַמאַטישע. יעדעס בילד זיינס פאַרמאָגט אין זיך חוץ די ריין פּלאַס־טישע וואַלאָרן אויך די פולקייט פון שפּאַנונג און אויסדרוק.

די שאַפונג פון קיסלינגען שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס ספּעצי־פישעס, און ס'איז שווער צו געפינען פאַר זיי וועלכע ס'איז באַ־שטימטע מאָס.

די צוקונפט וועט באַווייזן, צי קיסלינג האָט מיט זיין שאַפן אויס־געדריקט דאָס פנים פון אַ געוויסער עפּאָכע, לכל־הפחות אין א באַ־שרענקטן פאַרנעם, אָדער ער איז געווען אַ מאָלער, וואָס האָט באַטראַכט די דערשיינונג אויסשליסלעך דורך זיין אייגענער פּריזמע. איינעם כאָאָס פון די סאַמע האַפּיגיריטע פאַרמען איז קיסלינגס קונסט אַזאַ, וואָס יע־דער צושויער באַנעמט איר שיינקייט אויף זיין אופן. ער געהערט צו די יעניקע שעפער, וועלכע האָבן קולטיווירט די איידעלע ווערטן, וואָס עס האָבן געשאַפן אונדזערע אָבות.

ס'וואָלט אפשר געווען ריכטיק צו פאַרגלייכן קיסלינגען מיט די עלטערע מייסטער, ווי פּוסען, סעזאַן, דעלאַקרואַ, ברייגעל און אפשר אַפילו על־גרעקאָ, מיט וועלכן קיסלינג איז זייער נאָענט אין זין פון דראַמאַטישקייט פון זיינע געשטאַלטן. ווייל אַזוי ווי על גרעקאָ האָט געקאָנט באַנעמען מיט דער גאַנצער טיפקייט די נשמה פון אַ מאָרקווע־מאַדאָ, וועלכן ער האָט אַרויסגעבראַכט ווי דעם סאַמע כאַראַקטערים־

טישן פאַרשטייער פון די דעמלטיקע ספערן פון רעליגיעזער אומטאָלע־ראַנץ, אַזוי האָט אויך קיפלינג פאַרגעשטעלט די מענטשן פון זיין צייט אין דער גאַנצער דעמאָנישקייט פון זייער אויסערלעכן גלאַנץ און אינער־לעכער פוסטקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר געוויסע טיילן פון דעם בירגערטום בעת דעם פעריאָד צווישן די צוויי לעצטע מלחמות און קאַטאַסטראָפעס. אין קיפלינגס שאַפונג באַווייזן זיך בילדער, וואָס פאַראורטיילן דעם ציניזם פון דער איצטיקער ציוויליזאַציע, וואָס חוזקן אָפּ פון דער אַזוי גערופענער פריוואַטקייט פונעם מענטשן. פאַראַן ביי אים, צום ביישפּיל, אַ פרויען־געשטאַלט, וואָס איר גרויסער אומעט און ווייטיק קאָנטראַסטירט שאַרף מיט דער אַרומיקער שפע פון דער נאַטור. די פרוי איז פון קאָפּ ביז די פיס איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצער טוך און דאָס פּנים אירס הריקט אויס געוואַלדיקע ליידן, ווי זי וואָלט דאָ גע־שטאַנען בלויז דערפאַר, כדי אויסצוגיסן איר אומעט און ווי אויף דער נאַטור, וואָס רינגלט זי אַרום. זי איז אויסגעהוילט פון אַלע לייד־שאַפטן, נישט פעיק מער צו ליבן אָדער צו האַסן, ווי איר גאַנץ וועזן וואָלט איבערגעלעבט זייער אַ שטאַרקע אויפטרייסלונג.

טייל קריטיקער, ווי מיר האָבן עס שוין דערמאָנט, האָבן געהאַלטן קיפלינגען פאַר אַ פסיכאָלאָגישן קינסטלער, וואָס ער אַליין האָט אָפּגע־לייקנט, אַנדערע ווידער האָבן אים באַטראַכט ווי אַ נאַיוון שעפער — אָבער איינס איז זיכער, אַז וואָס ער האָט געשאַפן פאַרמאָגט אין זיך עלעמענטן פון אמתער, ריינער קונסט, וועלכע איז תמיד לעבעדיק און טרייסלט אויף.

## יוזעף בודקאָ

די אייגנאַרטיקייט פון אַ קינסטלער באַווייזט זיך נישט בלויז און אויסשליסלעך אויף זיין טאַלאַנט, נאָר איז אויך אָפּהענגיק פון דעם אופן, ווי ער נוצט אויס זיינע קענטעניש, פון זיין אויספילן די ספּעצי־פיק פון דער געגעבענער עפּאָכע, ווי אויך פון זיינע פעיקייטן אַרויסצו־ברענגען זיי אין זיינע שאַפונגען.

יוזעף בודקאָ קען דינען אַלס ביישפּיל פון אַ קינסטלער אין וועלכן מענס שאַפונג עס איז פאַראייניקט די אַלטע פאָרם און קולטור מיט דער נייער, הייַנטצייטיקער.

בודקאָ שטאַמט פון אַ קליין מאַזאָוויש שטעטל — פלאָנסק. דאָ איז ער געבוירן געוואָרן אין 1880 יאָר אין אַ יידישער חסידישער משפחה. דער איינדרוק פון רעליגיעז־חסידישן לעבן, וואָס ער האָט באַקומען אין דער יוגנט, בלייבט ביי בודקאָ ביז אין סוף, פאַראייביקנדיק אין זיין גאַנצער שאַפונג אויסשליסלעך מאָטיוון פון ביבלישע לעגענדעס און אַלטע מנהגים פון יידישן שטייגער. אַלע זיינע גרופן אַרבעטן, זענען נישט נאָר אייגנאַרטיק אויפגענומען, נאָר זאָגן עדות וועגן דער גרויסער פיעטעט, מיט וועלכער דער קינסטלער האָט רעאַליזירט זיינע ווערק.

שטיקנדיק זיך אין דער אַטמאָספער פון קליינעם שטעטל, ווו ער איז געווען געצוווּנגען צו היטן זיך מיט זיין שעפערישער ליידנשאַפט, פאָרט בודקאָ אַוועק קיין וואַרשע. אָבער אויך אין וואַרשע קען ער אַפילו נישט טרוימען וועגן אַן אָרט צו אַרבעטן אָדער וועגן אָנגענומען צו ווערן אין דער קונסט־שול. דאָך וואַקסט זיין טאַלאַנט אַדאַנק זיין איינגעשפאַרטער אַרבעט איבער זיך. יעדע ווייטערדיקע צייכענונג, וואָס ער מאַכט, איז אַלץ טיפער און אַלץ פרעציזער. צו דער צייט ווען בודקאָ איז געקומען קיין וואַרשע האָט אין וואַרשע געלעבט י. ל. פרץ, וועמענס שאַפונג עס האָט באַשטראַלט וואָס אַמאָל שטאַרקער און טיפער די גאַנצע יידישע שעפערישע אינטעליגענץ. י. ל. פרצעס פאָרטרעט, געשאַפן פון יוסף בודקאָ באַווייזט, אַז בודקאָ האָט געמוזט זיין כאָטש אַ געוויסע צייט נאָענט צום קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור.

פון וואַרשע פאָרט בודקאָ קיין בערלין, זייענדיק אַלט קוים 20 יאָר. אין דער דייטשישער הויפטשטאָט האָט מיט בודקאָ זיך פאַראינטערעסירט דער גלענצנדיקער גראַפיקער און מאָלער הערמאַן סטרוק. אים האָט טאַקע בודקאָ צו פאַרדאַנקען זיין שפעטערדיקע קינסטלערישע קאַריערע. ביי די דעמאָלטיקע פאַרהעלטנישמעסיק ליבעראַלע באַדינגונגען אין בערלין, האָט זיך בודקאָס טאַלאַנט אין געביט פון אילוסטראַטיווער און באַצירונגס־קונסט געקענט פריי אַנטוויקלען. דער דאָזיקער זשאַנר איז גראָד צו יענער צייט, ד. ה. אין 20־טן יאָר פון לויפנדיקן יאָרהונדערט, געשטאַנען אויף אַ זייער הויכן ניוואָ. יוסף בודקאָ האָט זיך באַנוצט אין זיין שאַפן מיט גראַווירן, האָלץ־שניצעריי און קריצעריי. וואָס שייך דער טעמאַטיק פון זיינע אַרבעטן — האָט זי אַרומגענומען ביבלישע מאָטיוון, ווי אויך די ווערק פון דער דעמאָלטיקער יידישער ליטעראַטור, ווי פרץ, מענדעלע מוכר ספרים און שלום־עליכם.

אויף דער אויסשטעלונג אין דער געביידע פון דער יידישער קהילה

זומער 1921 האָבן זיך געפֿונען עטלעכע צענדליק בודקאָס אַרבעטן אויף פֿאַלגנדיקע טעמעס:

„אברהם און יצחק", „יעקב און עישו", „רחלס קבר", „יעקב און זיינע זין", „יוסף און זיינע ברידער", „דוד", „יחזקאל", „ירמיהו", „טרייסט רחלען", „דער טויט פֿון משהן", „תשעה־באב" א.א.וו. פֿון היינטצייטיקער טעמאַטיק זענען דאָרט געווען מאָטיוון פֿון זיין היים־שטעטל פֿלאָנסק. אויף דער זעלבער אויסשטעלונג איז אויך געווען דער אויבן דערמאָנטער פּאָרטרעט פֿון י. ל. פּרץ.

אין בודקאָס שאַפֿונג פֿון יענער צייט באַגעגענען מיר ניט נאָר אָקצענטירטע סענטימענטן פֿאַר זיין היים־שטאָט, נאָר אויך פּאַראַיגטערע־סירונגען מיט ברייט־אויפֿגענומענע פֿייזאַזשן־פּאַנאָראַמעס פֿון אַנדערע שטעט, ווי אויך אַלטערטימלעכע בנינים. ער טראַקטירט יעדן מאָטיוו זייער אָביעקטיוו און עס אָטעמט פֿון אים מיט טיפֿער לירישקייט און דערהויבנקייט. אויף אַזאַ אופֿן ווייזט ער צ. ב. דעם יונגן דוד, ווען אויף אים איז געצילט דער צאָרן פֿון קעניג שאול. גאָר אַנדערש נעמט ער אויף די געשטאַלט פֿון יחזקאל, אָדער דעם מאָטיוו: „אברהם שטויסט אָפּ הגרן" — א ביז גאָר פּרימיטיווע סצענע, וואָס איז אָבער אַדורכגעזאַפּט מיט דעם פֿייער פֿון עקזאָטיק.

בודקאָ האָט אויף אַ זייער ראַפֿינירטן אופֿן אינטערפּרעטירט די טעמע הגדה, אין אַקוואַפּאָרט פֿון פֿלאַנשן, אויסשלייפֿנדיק יעדן פּרט אין גאָר קלייניקע בילד־מיניאַטורן און אין קינסטלעריש־באַצירטע איניציאַלן. יעדע מיניאַטורקע איז געווען פֿול מיט דעליקאַטן, פֿאַנטאַסטישן אינהאַלט. אויך אין די פֿלאַנשן, וואָס ווייזן גרופּן־סצענעס, וואָס זענען ניט גרעסער פֿון דער דיק פֿון גרויסן פֿינגער, האָט דער קינסטלער גע־קענט מייסטערהאַפֿט געבן א פּרעכטיקע סימפֿאָניע פֿון אינהאַלט און פֿאָרם.

בודקאָ איז אַ קינסטלער אַ דורכאויס היינטצייטיקער און די פּאָע־טישקייט און מוזיקאַלישקייט פֿון זיינע ווערק האָבן דורכאויס א יידישן אויסקלאַנג. גאַנץ ספּעציפֿיש איז די אינסטרומענטאַציע פֿון זיין קונסט. ביי זייער גאַנצער פּשטות זענען זיינע אַרבעטן זייער פֿאַסצינירנדיק און טיף. פֿון זיין גראַפֿיק פֿילט מען אַרויס דעם גאַנצן ווייטיק און ליידן פֿון דעם פֿאָלק, פֿון וואַנען ער שטאַמט. דערביי זענען זיי אויסערגעוויינלעך פּלאַסטיש און מאָלעריש אויסגעדריקט. בודקאָס גראַפֿישע ווערק שטעלן מיט זיך פֿאָר אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער קונסט אַ באַזונדער

כּינטעז פֿון אַלטן מיטן נייעם. ער האָט באַוויזן אויף אַ גלענצנדיקן אופֿן אַרויסצובאַקומען לעגענדאַרע מאָטיוון און פֿאַרקערפּערן זיי אין אַ לעבעדיקער, פֿולסיהנדיקער פֿאָרם. בודקאָ איז געווען איינער פֿון די ווייניקע קינסטלער, וואָס לעבנדיק אויף עמיגראַציע זענען זיי געווען פֿאַרבונדן מיט ייִדיש און גייסט פֿון פּוילישן ייִדנטום.

ווען בודקאָ האָט דערגרייכט דעם זעניט אין זיין קינסטלערישער רייפֿקייט האָבן זיך איבער דייטשלאַנד אָנגעהויבן קלייבן די כמאַרעס פֿון די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע פֿינצטערע כּוחות. ער באַשליסט אַרויסצופֿאָרן קיין ארץ-ישראל. דאָרט האָט ער פֿאָרגעזעצט זיין שעפֿערישע אַרבעט און דאָרט איז ער געשטאָרבן אין 1940 יאָר אין ירושלים. יוסף בודקאָ איז אויך געווען אַ באַדייטנדיקער מאָלער, אָבער זיינע גרעסטע שעפֿערישע דערגרייכונגען זענען גראַפֿישע אַרבעטן אויף די אויבנדערמאָנטע טעמעס און אויך פֿיל אילוסטראַציעס צו פֿאַרשידענע ייִדישע ליטעראַרישע ווערק. צו די פּרעכטיקסטע אַרבעטן זיינע דאַרף מען פֿאַררעכענען די שוין דערמאָנטע „הגדה“, אויסגעקריצט אין 26 פּלאַנשן און אויך זיינע אילוסטראַציעס פֿון האָלצשניטן צום „ראַבי פֿון באַכאַראַך“ פֿון היינריך היינע.

## יאַנקל אַדלער

יאַנקל אַדלער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1895 אין לאָדזש. אין פֿאַריקן יאָרהונדערט איז לאָדזש פֿון אַ קליין דערפֿל אויסגעוואַקסן צו אַ האַלב-מיליאָניקער שטאָט, וועלכע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פֿון די גרעסטע וועלט-צענטערן פֿון דער טעקסטיל-אינדוסטריע. דאָס איז געווען אַ שטאָט פֿול מיט קאָנטראַסטן. פֿון איין זייט ריזיקע פֿאַבריקן-קאַשאַרן און פּאַלאַצן, פֿון דער צווייטער צונויפֿגעפּרעסטע, שמוציקע, ענגע הילצערנע הייזקעס.

ווען מיר באַטראַכטן אַדלערס אַ בילד, וואָס שטעלט פֿאָר זיינע עלטערן, וואַרפֿט זיך אין די אויגן, אַז דער קינסטלער שטאַמט פֿון זייער אַן אָרעמער היים. ס'איז דעריבער צו באַוואונדערן, פֿון וואַנען עס נעמט זיך צו אַדלערן אַזאַ פֿיינער געשמאַק, אַזאַ טיף אָפּפֿילן די קאָלאָריסטיק, אַזויפֿיל מאָנומענטאַלישקייט און אַזאַ גרויסע האַרמאָנישקייט.

אין דער פריער יוגנט פון קינסטלער האָבן זיך זײַנע עלטערן, אין דער האָפענונג צו פֿאַרבעסערן זייער מאַטעריעלע לאַגע, איבערגעצויגן פון לאָדזש קיין בארמען — א שטאָט אין רײַנלאַנד, וואָס האָט פֿאַרמאָגט פונקט ווי לאָדזש, א סך טעקסטיל־פֿאַבריקן. די דאָזיקע נייע וועלט און נייע באַדינגונגען מאַכן אַ טיפֿן אײַנדרוק אויפֿן יונגן יאַנקלען, וועלכער איז נישט בלויז זייער עמפּפֿינדלעך אויף שיינקייט, נאָר האָט ליב צו זײַן שטענדיק מיט עפּעס באַשעפֿטיקט. דאָ שניצט ער, דאָ מאַכט ער קעסטעלעך, צייכנט אָדער קלעפּט ליימענע פיגורן.

ווען די דאָזיקע פּלאַסטישע פֿעיקייטן זײַנע דערוויסט זיך דער לערער־קאָלעקטיוו פון דער אָרטיקער דעקאָראַטיווער שול. דאָס קליינע ייִנגל ווערט פֿאַרבעטן אין שול אַרײַן און ס׳ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער פֿופֿצניאָריקער יאַנקל פֿאַרמאָגט אַזוי פיל געשמאַק, שוווּנג און געשיקטקייט, אַז ער איז ווייט אַריבערגעשטיגן די שילער, וואָס לערנען זיך דאָ שוין 2—3 יאָר מאָדעלירן, שטיכערײַ, גראַוויר־אַרבעטן און דעקאָראַטיווע קונסט.

באַזונדערס האָט זיך מיט יאַנקלען פֿאַראינטערעסירט דער פּראָפֿ. וויטהיכטער, וועלכער האָט אים אַרײַנגענומען אין זײַן קלאַס און אַרומגערינגלט מיט פֿרײַנדלעכער אויפֿמערקזאַמקייט.

יאַנקל האָט שוין דעמאָלט באַהערשט די פֿאָרם און אַלץ, וואָס איז אַרויס פון זײַנע הענט, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט א זייער קאָמפּליצירטער טעכניק אויפֿן געביט פון אָנגעווענדטער קונסט. אַלעמאָל א באַהערשטער און רואיקער, האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס געפֿיל פֿאַר זעלטענער פּרעציזער אויספֿירונג. יאַנקל האָט דעמאָלט שוין געהאַט איבערגעשטיגן זײַנע חברים צום ווינציקסטן מיט 10 יאָר, און די דאָזיקע דיסטאַנץ איז כסדר געבליבן — די זעלבע. ער האָט פֿאַרמאָגט א באַזונדערע פֿעיקייט אַרויסצוברענגען אין זײַנע קונסט־שאַפֿונגען די ריינסטע עלעמענטן און א זעלטענעם חוש פֿאַר נאַטירלעכער שיינקייט, נישט שאַפֿנדיק קיינמאָל עפּעס צופֿעליקס. אין אַלע זײַנע ווערק שלאָגט זיך דורך א קלאָרער פֿירנדיקער געדאַנק. דאָס פֿילט מען אָפּ אַפֿילו בײַ דער קלענסטער פֿאַקטור פון זײַנע אַרבעטן. עס טרעפֿט, אַז געוויסע אַרבעטן זײַנע מאַכן פֿונעם ערשטן אויגנבליק דעם אײַנדרוק פון איבערגעלאָדנקייט, אָבער די קאָנסטרוקציע פון די בילדער זײַנע איז שטאַרק אַרכיטעקטאָניש.

עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. אַדלער איז געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן דײַטשלאַנד און קערט זיך אום צוריק קיין לאָדזש.

דער דעמלטיקער לאָדזשער פעריאָד איז אַדלערס „שטורעם און דראַנג“־פעריאָד. אַדלער איז נישט בלויז געווען אַ מאָלער, ער האָט אויך ליב געהאַט צו טעאָרעטיזירן און געשריבן לידער. אָבער צוממייסטן האָט ער קאָנקרעט אויסגעדריקט זיינע געדאַנקען אין צייכענונגען און געמעלן. אין זיינע בילדער האָט אַדלער פאַרפיקסירט נישט בלויז רעאַלע מאָטיוון. אין הינטערגרונט פון זיינע שאַפונגען איז זייער אָפט געווען אויך עפעס פענאָמענאַלס, גלייך ווי דער קינסטלער וואָלט וועלן אונטערשטרייכן, אַז מחוץ דעם אומפאַנג פון אונדזער דערקענטעניש ציט זיך נאָך אַ פעלד פול מיט רעטענישן, וואָס לאָזט זיך נישט ארומנעמען.

אין משך פון די דאָזיקע לאָדזשער עטלעכע יאָר האָט אַדלער געשאַפן קערנדיקע ווערק אויף יידישער טעמאַטיק. דערביי איז ווערט אונטערצושטרייכן, אַז אויף זיינע דעמלטיקע שאַפונגען האָט געהאַט אין אַ געוויסער מאָס אַ ווירקונג מאַרק שאַגאַל. אָבער אויב די דעמלטיקע בילדער זיינע זענען אין אַ געוויסן זין געווען נאָענט צו מאַרק שאַגאַלס שאַפונגען, מוז מען דאָך אָנווייזן, אַז זיי האָבן נישט פאַרמאָגט קיין געמיינזאַמע באַרירונגס־ליניע אין סטיל און אין אינהאַלט. די מוזיקאַלישקייט אין שאַגאַלס ווערק טראָגט אויף זיך דעם חותם פון דעליקאַטער לירישער אינסטרומענטאַציע, ווו עס איז פאַראַן אַן איבערגאַנג פון די נידעריקסטע ביז די העכסטע טענער. אַנדערש איז די האַרמאָניע און ריטמיק פון אַדלערס ווערק. די קאָליר איז דאָ נישט די גרונט־זאַך, זי דינט אים אויסשליסלעך אונטערצושטרייכן די קאָנסטרוקציע, אָנשפאַרנדיק זיך אויף געוויסע פרינציפּן. אַן אויסנאַם שטעלט מיט זיך פאָר אַדלערס בילד „די לעצטע שעה פון רבין“, וואָס פאַרמאָגט אַן אינטענסיווע גייסטיקע שפאַנונג. דאָ איז דער קינסטלער דערגאַנגען צו דער שוועל פון מיסטיק, ווו ער אַליין בלייבט שטיין פאַר אַ רעטעניש, וואָס ער קאָן נישט לעזן. דאָס דאָזיקע בילד, וואָס פאַרמאָגט אַ שלל פון האשיקע קאָנטראַסטן, איז דורכגעזאַפט מיט שטאַרקער דראַמאַטישער שפאַנונג. מיט דער הילף פון קאָלירן באַמיט זיך דער מאָלער אַרויסצוברענגען די גסיסה פון אַ מענטשלעכן קערפער, אין וועלכן ס'איז נאָך שטאַרק דער גייסט.

להיפוך צום דאָזיקן זייער עקספרעסיוון ווערק, ווו מיט דער הילף פון קאָלירן איז געמאַכט געוואָרן אַ פרווו צו דעמאַטעריאַליזירן דעם קערפער, איז דער פאָרטרעט פון אַדלערס עלטערן דורכאויס קאָנקרעט, שוין אַפילו צו שטאַרק קאָנקרעט.

אָבער אויך דאָס בילד טרייסלט אויף דעם צושויער מיט זיין

נאַקעטן אמת אָן שום קאָנווענאַנסן. די בולט אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן פון דעם ווערק זענען ווי סינאָנימען פון אַן אָרעמער יידישער היים און האָבן נישט קיין ענלעכע אין וועלכע ס'איז עלטערן-פּאָרטרעטן, אָנהייבנדיק פון רעמבראַנדטן ביז דיקסן.

דער דאָזיקער פּאָרטרעט האָט די פאָרם פון אַ שמאָלער ברעט, דערמאָנענדיק מיט זיין אויסזען אַ האַלבע טיר פון אַן אָרעמער יידישער שטוב, דורך וועלכער מען האָט געוויינלעך געקענט זען נאָר די געשטאַלט פון איין מענטשן. אויפן אָרט, וווּ ביי יעדער יידישער טיר איז אַמאָל געהאַנגען אַ מזוזה, האָט דער קינסטלער אָנגעמאָלט אַ פּירקאַנטיק פאַרשריבן שטיקל פּאַרמעט — די כתובה פון זיינע עלטערן. די מוטער, אַ פרוי מיט אַ קיילעכדיק פּנים, מיט אַ שייטל אויפן קאָפּ, זיצט מיט צוויי אויפגעהויבענע פינגער פון דער רעכטער האַנט און מיט אַ מאַיעסטעטישער מינע אויפן פּנים. דער פאָטער, אַ פראָסטער ייד, ווייזט אָן מיט דער האַנט אויף דער כתובה.

* *

*

אין יענע יאָרן איז אין לאָדזש אַנטשטאַנען אַן אייגנאַרטיקע דינאַמישע גרופּע קינסטלער, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „יונג-יידיש". זי איז באַשטאַנען פון די דיכטער משה בראָדערזאָן און מלך ראַוויטש, די פּלאַסטיקער: אַדלער, הענעך באַרטשינסקי, יצחק ברוינער, דינה מאַטס, מאַרק שוואַרץ און אַנדערע.

„יונג-יידיש" האָט אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט, געדרוקט אויף פּאַק-פּאַפּיר, וואָס האָט רעפּרעזענטירט אַלע ראַדיקאַלע שטרעמונגען צווישן די נייע קינסטלער.

יאַנקל אַדלער איז געווען איינער פון די צוממייגסטן דינאַמישע מיטגלידער פון יענער גרופּע. ער באַמיט זיך אין זיין שאַפונג צו דערגרייכן די טיפסטע וואָרצלען פון פאָלקישקייט און אין זיינע זוכענישן שטויסט ער זיך אָן אויף חסידיזם. מ'האָט אפילו דערציילט, אַז אין יענעם פּעריאָד פלעגט דער קינסטלער אַריינפאַלן אין משונהדיק-עקסצענטרישע עקסטאַז-שטימונגען, האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, זיך געקליידט אויסטערליש, טראָגנדיק איין שוך אַ געלן און דעם צווייטן פון ציגלקאָליר און אויפן קאָפּ אַ סאַמעטן היטעלע. די ווערק, וועלכע ער האָט

דעמלט געשאַפן, זענען פול מיט דינאַמישער עקספרעסיע. צו זיי קאָן מען פאַררעכענען זיין „באַלעגאָלע מיטן פערד“, וואָס וואָלט געקאָנט אָנגיין ווי אַן אַלוזיע צו פרצעס „באָנטשע שוויג“. דער מענטש, וואָס ווערט דאָ פאָרגעשטעלט, פאַרכאַפט דעם צושויער מיט זיין פרימיטיווקייט. דער מענטש און די חיה אויף דעם בילד שטעלן מיט זיך פאָר במעט איין אומצערייסבאַרע גאַנצקייט. דער שאָטן, וואָס פאַלט פונעם פערד אויף דער ערד, סימבאָליזירט דעם שוואַרצן גורל פון ביידע באַשעפענישן.

צו דער זעלבער קאַטעגאָריע אַרבעטן וואָלט מען באַדאַרפן פאַררעכענען אויך דאָס בילד זיינס, וואָס שטעלט פאָר צוויי יידישע זעלנער, וועלכע דאַווענען. איינער פון זיי זיצט און אויף דער האַנט און שטערן טראָגט ער תפילין, דער צווייטער דאַקעגן שטייט, אָנגעטאָן אין א זעלנערישן שינעל, און בלויז דאָס קאָנצענטרירטע פנים מיטן שפראָץ פון אַ בערדל זאָגט עדות, אַז ער איז פאַרטאָן אין א תפילה. דאָס בילד פאַרכאַפט אונדז קודם כל מיט זיין מאָטיוו, אָבער עס פאַרמאָגט אויך גרויסע קאָלאָריסטישע עלעמענטן. די הויפט־איינשאַפט פונעם בילד איז דער אינטערעסאַנטער אַרכאַישער שטריך און די פשוטקייט פון באַנעמען דעם מאָטיוו. אַזעלכע איינשאַפטן פאַרמאָגן אויך אַנדערע בילדער פון יענער צייט, ווי „חתן־כלה“, „דער אַקאָרדעאָניסט“, „דער פידלער“, „פורים־שפילער“.

נאָך דעם לאָדזשער פעריאָד, אַנטשטייט אין אַדלערס שאַפונג כמעט אַ צוויי־יאָריקער איבעררייס צוליב זיין אָננעמען אַרבעט אין בעלגראַד.

בעלגראַד פאַרמאָגט אַ פרעכטיקע פאַנאָראַמע. זי ליגט אויף אַ באַרג און איר שענסטער פונקט איז דער פאַרק פון קאַלימעגדאַן, ווו ס'איז אַמאָל געשטאַנען אַ טערקישע פעסטונג. די דאָזיקע שטאָט האָט אויפן יונגן קינסטלער געמאַכט אַ נישט פאַראיבערגייענדיקן איינדרוק.

יאַנקל אַדלער איז אַנגאַזשירט געוואָרן אויף אַרבעט אינעם אַנשטאַלט פונעם קעניגלעכן גראַווירער און שטעמפל־מאַכער. צוליב דעם האָט ער ווייניק צייט געהאַט צו מאָלן. דאָס סערבישע פאָלק, לאַנגיאָרהונדערטער פאַרשקלאַפט דורך די טערקן, איז געווען קולטורעל אָפגעשטאַנען. דער טראַגישער גורל פון דעם פאָלק האָט ביי אַדלערן אַרויסגערופן גרויס מיטגעפיל און פאַראינטערעסירונג. דאָ, אויפן באַלקאַן, איז אַדלער געווען אינגאַנצן אָפגעריסן פון דער אייראָפעישער ציווי־

ליזאַציע, ער האָט אָבער אָנגעשטאָט דעם געפֿונען אַנדערע ווערטן: אמתע
פּשוטקייט און ליבע צו דער נאַציאָנאַלער קולטור. ער האָט געפֿילט, אַז
עס רינגלט אים אַרום אַן אַטמאָספֿער פֿון אויפֿריכטיקייט. עס האָט אים
בלויז געפֿייניקט דאָס, וואָס די אַרבעט האָט ביי אים צוגענומען דעם
גאַנצן טאָג און צוגערויבט די מעגלעכקייטן צו מאָלן.

אין יאָר 1920 פֿאַרלאָזט אַדלער בעלגראַד און פֿאָרט אָפּ קיין דייטש=
לאַנד, באַזעצנדיק זיך אין דיסעלדאָרף. אַ געוויסע צייט באַזוכט ער דאָ
די אָרטיקע קונסט=אַקאַדעמיע. אַדלער דערפֿילט זיך ווי אַ באַגייסטער. ער
ווערט דרייסטער אין זיין שאַפֿונג. די קאָלירן אין זיינע בילדער טרעטן
עטוואָס אָפּ לטובֿת די קאָנסטרוקטיווע עלעמענטן. אין דער דעמלטיקער
מאָלעריי זיינער באַמיט ער זיך צו שאַפֿן אויף גרויסע פֿלאַכן, פּונקט ווי
טייל סקולפּטאָרן, וואָס שטרעבן צו מאָנומענטאַלע פֿאָרמען און דריקן
זיך אויס אין ריזיקע דענקמעלער. אַ כאַראַקטעריסטיש בילד, וואָס ער
האָט דעמלט געשאַפֿן, איז געווען „אַן אַרבעטער". דעם דורכשניטלעכן
צושויער, וואָס באַטראַכט דאָס בילד, וועט אַפֿילו נישט איינפֿאַלן וואָס
פֿאַר אַ קאָמפּליצירט ווערק ער זעט. די וואַנט, וואָס שאַפֿט דעם הינטער=
גרונט, איז אינקרוסטירט מיט אמתדיקן זאַמד און דער טיש, ביי וועלכן
עס זיצט דער פֿאָרגעשטעלטער אַרבעטער, איז פֿון אמתדיק האָלץ...
נישט געקוקט דערויף איז די גאַנצע קאָמפּאָזיציע אַזוי האַרמאָניש, אַז זי
שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אָנגענעמע עמפּינדונג פֿאַרן אויג.

אַדלער האָט אין זיין שאַפֿונג מייסטערהאַפֿט פֿאַראייניקט די עלע=
מענטן פֿון ריין באַלמעלאָכישער אַרבעט מיט שעפֿערישער, אַזוי ווי עס
האָבן די האָזיקע קונסט באַהערשט די גרויסע קלאַסיקער פֿון רענעסאַנס.
אַדלערן אימפּאָנירט דעמלט די פֿרעסקן=מאָלעריי. ער באַמיט זיך אַרויס=
צורייסן פֿון דער ביז איצטיקער טעכניק און שטאַלונג=פֿאָרם. ער אַנט=
ציקט זיך מיט די עגיפּטישע פֿרעסקן און מיט די וואַנט=מאָלערייען אויף
די רואינען פֿון פּאָמפּיי, וועלכע זענען אויסגעגראָבן געוואָרן פֿון אונטער
דער לאַווע. איצט ווייסן מיר, אַז פֿרעסקן=מאָלעריי איז אויך נישט פֿרעמד
געווען די אַלטערטימלעכע יידן. באַלד נאָך דער ערשטער וועלט=מלחמה
האָט מען אין די סירישע אויסגראָבונגען, אין די אַזוי גערופֿענע דוראַסע=
אוראָפּאַס, אַנטדעקט וווּנדערבאַרע פֿרעסקן=בילדער, וואָס זענען געשאַפֿן
געוואָרן דורך יידן. דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס די דאָזיקע
פֿרעסקן שטעלן מיט זיך פֿאָר גרופּן=ציקלען פֿון מענטשלעכע געשטאַלטן...
אין ניינצנטן יאָרהונדערט פֿאַרשווינדט כמעט אינגאַנצן די פֿרעסקן=

קונסט. איצט איז צווישן די ערנסטע פאָרשטייער פון דער קונסט במעט דער איינציקער פאָרשטייער דער מעקסיקאַנער מאָלער דיעגאָ ריווערא, וועלכער איז באַרימט געוואָרן דורך דעם, וואָס ער האָט די געשיכטע פון זיין אומגליקלעכן פאָלק פאַראייביקט אויף די ווענט פון ריזיקע עפנטלעכע געביידעס.

אין יאָר 1926 האָט די שטאָט-פאַרוואַלטונג פון דיסעלדאָרף פאַר-פלאַנירט אויפצושטעלן דעם ערשטן פלאַנעטאַריום אין דייטשלאַנד. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז געמאָלדן געוואָרן אַ קאָנקורס אויף אַ וואַנט-געמעל, וואָס זאָל פאַרפּוצן די געביידע. צווישן 350 קאַנדידאַטן, וואָס האָבן צוגעשיקט פּראָיעקטן, איז אויך געווען יאַנקל אַדלער, וועלכער האָט באַקומען דעם ערשטן פּריז. זיין פּראָיעקט איז באַלוינט געוואָרן מיט 5.000 מאַרק — אַ סומע פאַר יענע צייטן זייער אַ גרויסע. פון דעמלט אָן האָט מען זיך אָנגעהויבן זייער ערנסט רעכענען מיט דעם דאָזיקן טאַלענטירטן מאָלער.

אַדלערן האָט דעמלט נישט געשטערט זיין יידישער נאָמען אין דייטשלאַנד, ווו עס האָט געהערשט אַ פאַרהעלטנישמעסיק טאָלעראַנץ. אָבער שוין אין אָנהייב יאָר 1930 באַווייזן זיך אין דייטשלאַנד, הויפּטזעכ-לעך אין זיינע אינדוסטריעלע צענטערן, קלענערע אָדער גרעסערע גרופּן פונעם „פּעבל". דער אַנטיסעמיטיזם הייבט אָן צו טריאומפירן. מיט יעדן יאָר ווערן אַלץ שטערער די רייען פון די, וואָס וואַגן זיך אַנטקעגנ-צושטעלן דעם פאַשיסטישן טעראָר.

אין יאָר 1933 זינגט מען שוין פראַנק און פריי אויף די גאַסן פון די דייטשישע שטעט דאָס „האָרסט-וועסעל-ליד". פון דעמלט אָן ווערט דאָס לעבן פון נאָרמאַל-דענקענדיקע מענטשן פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום. יאַנקל אַדלער פאַרלאָזט דייטשלאַנד.

* *

*

דער ערשטער עטאַפּ פון זיין עמיגראַציע איז פּאַריז. אָבער שוין אין יאָר 1935 קערט ער זיך אום קיין פּוילן מיט דעם באַשלוס זיך דאָ צו באַזעצן סטאַביל. ער אָרדנט איין אין וואַרשע אַן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער אין זאַל פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. די דאָזיקע אויסשטע-

לונג האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אויך די פּוילישע פּרעסע האָט פריינדלעך און מיט אָנערקענונג געשריבן וועגן איר.

די פּוילישע רעאַקציע האָט אָבער שוין אין יענער צייט געריכט די מעטאָדן פונעם היטלעריסטישן שבֿן. אַדלער, זעענדיק, אַז אויך דאָ וועט ער נישט קאָנען רואיק אַרבעטן, פאַרלאָזט וואַרשע און פאָרט צוריק קיין פּאַריז. ער נעמט דאָרטן אָנטייל אינעם אָרגאַניזירן אין יאָר 1937 דעם וועלט-קאָנגרעס פון דער יידישער קולטור. אין יאָר 1940 מעלדעט זיך אַדלער פריווויליק אין דער פּוילישער דיוויזיע, וואָס האָט זיך אָרגאַני-זירט אין פראַנקרייך. ער מאַכט דורך דעם שווערן גורל פון אַ זעלנער ביז ער ווערט דעמאָביליזירט אין ענגלאַנד, וווּ ער בלייבט וווינען.

דעמלט צעפינקלט זיך אַדלערס טאַלאַנט אין זיין פולן פאַרנעם. די לעצטע איבערלעבונגען זיינע, ווען ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט פון דער נאָענט זיך צוצוקוקן צו דער מלחמה, וואָס פאַרניכטעט אויף אַ באַר-באַרישן אופן די קולטור-אוצרות, אָנגעזאַמלטע אין משך פון יאָרהונדער-טער, האָבן איבערגעלאָזט אויף אים אַ טיפן איינדרוק. זיין קונסט מאַכט דורך אַ האַסטיקע ענדערונג. ער האַלט, אַז די קונסט דאַרף זיך אָפּרייניקן און אויסלייטערן, אָפּוואַרפן די פּסולת פון סנאָביזם, עגאָיזם, טעמפּער עקלעקטיק און ווערן פול מיט מענטשלעכן אינהאַלט. ער זוכט פאַר זיין פלאַסטישער שפּראַך דעם פּאַסיקסטן אויסדרוק און סטיל. זיינע דעמל-טיקע בילדער זענען קאָנסטרוקטיוו, געבויט אויף געאָמעטרישע יסודות און פאַרמאָגן זעלטענע, טיילמאָל זייער העלע טענער. זיינע מענטש-לעכע פיגורן און אפילו חיות און קעגנשטאַנדן זענען ווי דורכגע-לויכטן פון אינעווייניק. באַטראַכטנדיק די לעצטע בילדער אַדלערס, האָט מען דעם איינדרוק, אַז אַלע באַשעפענישן, וואָס זענען אַרויסגעבראַכט אויף די לייוונטן, צעפאַלן זיך אויף זייערע באַזונדערע טיילן, דערביי ווערט יעדער באַזונדער גליד אַרויסגעבראַכט אין פאַרשידענע וואַריאַ-ציעס.

אָפט דוכט זיך אויך אויס, אַז עפּעס פון דער קראַנקער צייט, וואָס אַדלער האָט דורכגעמאַכט, איז אויך אַריינגעדרונגען אין זיין קונסט. דער עפּעס לאָזט זיך נישט באַצייכענען מיט ווערטער — דאָס זענען אי-בערלעבונגען, וועלכע דער מענטשלעכער אָרגאַניזם מאַכט דורך בעתן שלאָף. עס זעט אויס, ווי דער קינסטלער וואָלט איבערגעטראָגן און פאַר-פיקסירט אויפן לייוונט אַ געפילכט פון פאַבולעס, וואָס האָבן פאַר אים דורכגעשוועבט, ווען ער איז געווען פאַרזונקען אין טיפן טראַנס. עס דאַ-

מיגירט ביי אדלערן דאָס פּסיכאָלאָגיזירן, דער ווילן ארויסצובאקומען דעם עצמדיקן זין פון די קעגנשטאַנדן און די קאָמוניקאטיווקייט און גוטן זין פון וואָרט.

* *
*

יאנקל אַדלער איז געווען און געבליבן פאר דער וועלט א פּוילישער ייד. ער איז מיט אלע זיינע חושים פארבונדן מיט דער יידישער קולטור. ס'איז זעלטן צו טרעפן א מאָדערנעם קינסטלער, וועגן וועלכן מען וואָלט געקאָנט זאָגן אזוי, ווי וועגן אַדלערן, אז זיין מאָלעריי איז די ריינסטע טראנסקריפּציע פונעם יידישן לשון. שלום אַש האָט זיך אנטציקט מיט אַדלערס בילדער, און דוד פרישמאן האָט גוט פארשטאַנען, וואָס עס שטעקט אין דעם האָזיקן ברויזנדיקן קינסטלער. אדלערס אינטערפּרעטאַציע פון דער יידישער טעמאטיק איז אפילו געפעלן דעם רעאליסט נאָמבערג. אויך מיט וויסענבערגן האָט אַדלער געקאָנט געפינען א געמיינזאמע שפּראך. צו די פארערערינס פון זיין קונסט האָט אויך געהערט די גרויסע דייטשישע דיכטערין און קינסטלערין עלזא לאַסקער־שילער און דער גרויסער חיים נחמן ביאַליק.

אַלץ, וואָס אדלער האָט פארפלאַגירט, האָט ער אויסגעפירט פּינקטלעך.

איך האָב זיך באַקענט מיט אים אין זיין אטעליע. ער איז נישט געווען קיין אָנהענגער פון מאָלערישן צערעמאָניאל און קינסטלערישער צעפאָרנקייט. אין זיין אטעליע איז געווען אויסערגעווייינלעך ריין, אזוי ווי אין א לאבאָראַטאָריע. דאָרט זענען געשטאַנען ברייטע טישן, צונויפגעקלאַפּטע פון גלאַט געהובלעוועטע ברעטער. מ'האָט געהאט דעם איינדרוק, אז מען געפינט זיך אין אן אטעליע פון אן ארכיטעקט. די צייכענונגען זיינע זענען געווען אויסערגעווייינלעך ריין, אָן וועלכן ס'איז איבעריק שטריכעלע. ער האָט ליב געהאט צו באנוצן צום צייכענען דאָס פיינסטע פּאַפּיר.

צו די לעצטע בילדער, וועלכע ער האָט געשאפן אויף יידישער טעמאטיק אין לאָנדאָן געהערן: „דער כהן“, „די טאָכטער פון בעל־שם“. אָבער צוממיינסטן טרייסלט אויף דאָס בילד, געמאָלן אין יאָר 1942, וואָס שטעלט פאָר צוויי רבנים, וואָס איינער פון זיי האלט אין האנט

אַ שטיקל פּאַרמעט מיטן אויפשריפט „מיזעריקאָרדיאַ“. דאָס בילד איז ווי אַ סינאָנים פון דער טראַגעדיע פונעם פּוילישן ייִדנטום בעת דער היטלער־אָקופּאַציע. נישט געקוקט אויפן גרויסן דערפאָלג, וואָס ער האָט געהאַט אין דער הויפּטשטאָט פון ענגלאַנד, האָט ער זיך דאָרט געפילט גענוג איינזאַם.

דאָרט, טאַקע אין לאָנדאָן, דעם 28־טן אַפּריל 1949 יאָר איז יאַנקל אַדלער געשטאָרבן.

## יהודה ווערמוס

יהודה ווערמוס איז געבוירן געוואָרן אין 1908 יאָר אין וואַרשע. ער האָט געשטאַמט פון אַן אַסימילירטער ייִדישער משפּחה. ער באַזוכט אַ ייִדישע גימנאַזיע און ווי די מערהייט פון זיינע קאָלעגן, געהערט ער צו דער אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר“. שפּעטער ווערט ער אַ חלוץ. ער פאָרט קיין פּאַלעסטינע און צוזאַמען מיט דער גרופּע, מיט וועלכער ער איז אַרויסגעפאָרן, אַרבעט ער שווער אין אַ ניי אָרגאַניזירטן קיבוץ. אָבער, באַזיצנדיק קינסטלערישע נייגונגען, קען ער זיך נישט באַגרענעצן אויסשליסלעך מיט פיזישער אַרבעט. ער קערט זיך צוריק אַהיים קיין וואַרשע און טרעט אַריין אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. שטודירט ביי וולאַדיסלאַוו סקאָטשילאַס — דעם גלענצנדיקן מאָלער און מייסטערהאַפטן האָלץ־שניצער. אונטערן איינפלוס פון זיין לערער, וואָס בינדט אָן זיין קונסט צו אַלטער פאָלקס־קונסט, ספּעציאַליזירט זיך ווערמוס אין גראַפיק און אין האָלץ־שניצעריי. די טעמאַטיק צו זיינע אַרבעטן שעפּט ער דער עיקר פון טאָג־טעגלעכן לעבן. זייער גערן ווייזט ער דער עיקר אין זיינע האָלץ־שניטן מענטשן, פּראָסטע, טאָג־טעגלעכע, די שטאָטישע און דאָרפישע אָרעמקייט. זיין באַליבטע טעמע איז אַ טיפּ פון אַ ייִדן — ער באַווייזט אים ביי דער אַרבעט, אין בית־המדרש, אויף דער גאַס, אויפן בית־עולם א.א.וו. די האָלץ־שניטן פון יהודה ווערמוס זענען פון אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ און זיי האָבן באַקומען אין זייער צייט גרויס אָנערקענונג. אין נאָוועמבער 1933 האָבן זיי זיך באַוויזן אויף דער אויסשטעלונג אין דער קאַפּע פון אינסטיטוט צו פּראָפּאַגירן קונסט (א. פּ. ס.) און קורץ נאָך דעם (דעצעמבער דעם זעלבן יאָר) האָט אַ גרופּע יונגע טאַלאַנטפולע ייִדישע פּלאַסטיקער, צווישן זיי אויך ווערמוס, אויסגע־

שטעלט אירע ארבעטן אין זאַל פון דער יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפרייטן קונסט אין וואַרשע. דאָרט האָט מען באַוויזן שאַפונגען פון פישל זילבערבערג, די סקולפטורן פון נתן ראַפּאָפּאָרט, מיניאַטורן פון יצחק שאָר און אויך יהודה ווערמוסעס האָלצשניטן. צוויי פון די דאָזיקע אַרבעטן זענען געווען רעפּראָדוצירט אין „גאַש: פּשעגלאָנד אילוסטראָוואַני" („גאַלעווקי" און „דאָס ייִנגל"). ווי אַזוי מען האָט אָפּגעשאַצט די קינסטלערישע ווערק פון יהודה ווערמוס זאָגט עדות די רעצענזיע וועגן דער דאָזיקער אויסשטעלונג, געשריבן פון פעליקס פרידמאַן אין די „ליטעראַרישע בלעטער" (נר. 52, 1933 יאָר). ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז פעליקס פרידמאַן איז געווען א גוטער ערנסטער רעצענזענט, נישט איבעריק גענייגט צו לויבן. פעליקס פרידמאַן שרייבט: „אמשענסטן פון די 4 קינסטלער רעפּרעזענטירט זיך די גראַפיק פון ווערמוסן. ווערמוס געהערט צו די יונגע קינסטלער, וואָס באַמיען זיך צו דערגרייכן סיי אין אקוואַפאָרט, אָדער אקוואַטינט די טעכנישע פולקאָמענהייט. אדאַנק דעם, קען דער קינסטלער זיך גאַנץ גוט אויסדריקן אין יעדער קאָמפּאָזיציע. די קאָמפּאָזיציע איז ביי אים לייכט, ער פאַרשטייט איבערצוגעבן דעם כאַראַקטער פון דעם ליטעראַרישן ווערק. אין די האָלצשניטן פון פרצעס ווערק „די גאָלדענע קייט", געווען רעפּראָדוצירט אין „ליטעראַרישע בלעטער", זענען די שוואַרץ=ווייסע פלעקן גוט ארויסגערופן געוואָרן, וואָס גיט צו לעבן און קאָנטראַסטקייט. זיינע אילוסטראַציעס צו יוליאַן טווימס שאַפונג זענען טעכניש גאָר אַנדערש אויפגעפאַסט. דער קינסטלער באַמיט זיך, אַז יעדע ארבעט זאָל נישט ענלעך זיין צו דער צווייטער. ווערמוס איז אָן ספק נאָך יונג און וועט נאָך אויף דעם געביט פון גראַפיק שאַפן גאָר פיינע זאַכן".

ווערמוס איז געווען א קינסטלער מיט א ליידנשאַפטלעכן שעפערישן ברען. אלץ, וואָס ער האָט געשאַפן, האָט ער געטאָן מיט גרויס פאַסיע. ער האָט געשאַפן האָלצשניטן, וואָס דערשיטערן ביז היינט מיט זייער עקספרעסיע. 6 אילוסטראַציעס צו דער פּאָעמע פון מ. נאַטיש „מוליער הירש" (ארויסגעגעבן פון „קולטור=ליגע", וואַרשע 1934) ווייזן געשטאַלטן, וועלכע האָבן אין ווערמוסעס אינטערפּרעטאַציע באַקומען א לעבעדיקן עמאָציאָנעלן אויסקלאַנג. יעדע פיגור פון די דאָזיקע האָלצשניטן איז גלעצנדיק אויסציזעלירט און אויסדעסטילירט און רירט מיט איר נאַטירלעכקייט. אין ווערמוסעס גראַפיק באַקומט דאָס פּראָזאישע יידישע קליינשטעטלדיקע לעבן לירישע טענער. אין די דאָזיקע קליין=פאָר

מיקע אילוסטראציעס ווייזט דער קינסטלער א פּאַנאָראַמע פון גאַנצן ייִדישן שטעטל מיטן קלויסטערל אין צענטער, מיט די ענגע אָרעמע געס־לעך. אויף איינעם פון אזא געסל שלעפּט זיך אַן אויסגעמאָגערטע שקאַ־פּע, וואָס שלעפּט א וואָגן אָנגעלאָדן מיט מעל. דער טעקסט פון דעם ליד, צו וועלכן די דאָזיקע אילוסטראַציע איז געשאַפן, זאָגט, אַז דער בעל־עגלה פּארדינט קוים אַבּיסל גילדן א וואָך און האָט אויף זיין אויס־האַלט א היפּש געזינדל קינדער. אין אַן אַנדערער אילוסטראַציע צו דער דאָזיקער פּאָעמע זעען מיר א ייִדישן אַפּטייקער שמועסן מיט א מויערער פאַר דער אַפּטייק, וואָס געפינט זיך אין א הילצערן הייזל. דערנעבן אָבער האָט ער אָנגעהויבן בויען א געמויערט הויז, און דער ייִדישער אַרבעטער ליגט אים פאַר זיין אַרבעט. וועלנדיק וואָס ביליקער קויפן זיין אַרבעטס־קראַפט, דינגט ער זיך עקשנותדיק מיטן אָרעמען מויערער. די העלדן פון גאַטישעס פּאָעמע זענען אָרעמע, נאַיווע, פּראָסטע מענטשן, וועלכע ווערמוס האָט גלענצנדיק פאַרקערפּערט אין זיינע האָלצשניטן.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט ווערמוס געשאַפן אילוסטראַ־ציעס אויך צו פּרצ'עס ווערק („די גאָלדענע קייט"), צו טוווימס („דער באַפליגלטער בעל־עגלה") און אויך צו ווערק פון אַנדערע שרייבער. אויפן סמך פון זיינע אייגענע באַאַרבעטונגען שאַפט ער האָלצשניטן, וואָס שטעלן פאַר די גאַלעוועס, יידן אין גאַס, ביים האַוועגן, אין די קלויזן, חסידים, וואָס פאָרן צום רבין און ענלעכע.

ווערמוסעס שאַפונג קאָן מען נאָכפאָרשן נאָר לויט זיין צוויי־יאָרי־קער קינסטלערישער טעטיקייט אין די יאָרן 1933—1934, ד.ה. פון די אויבנדערמאָנטע אויסשטעלונגען און רעצענזיעס, ווי אויך פון די נאָ־טיצן אין די „ליטעראַרישע בלעטער" (1933 יאָר, 52 נר. זייט 847), „נאַש פּשעגלאָנד" (1933, 54, 40 נר.), „שטוקי פּיענקנע" (1934) און „גלאָס פּלאַסטיקוו" (דעצעמבער 1934). אויך זיינע אילוסטראַציעס צום מוליער הירש זענען דערשינען אין 1934 יאָר.

אָבער ווערמוס האָט אין פּוילן נישט געפונען פאַר זיך קיין געהעריקע באַדינגונגען. דער אַנטיסעמיטיזם אונטער די איינפלוסן פון דייטש־לאַנד פּאַרטיפט זיך אלץ מער און מאַכט אוממעגלעך דער אַמביציעזער, שעפערישער ייִדישער יוגנט אַרויסצושלאָגן זיך אויפן קינסטלערישן גע־ביט. אין 1934 יאָר איז קיין פּוילן אָנגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד א גרופּע סאָוועטישע פּלאַסטיקער. זיי האָבן צוגערעדט ווערמוסן אַריבערצופאָרן קיין סאָוועטן־רוסלאַנד, וו ער וועט באַקומען א מעגלעכקייט אין גאַנצן

פאַרנעם צו אַנטוויקלען זיין שיינעם טאַלאַנט. אין דעם זעלבן יאָר איז ווערמוס אַריבערגעפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט האָט ער ווירקלעך זיין די וויטערדיקע צוויי יאָר געהאַט גלענצנדיקע באַדינגונגען פאַר זיין אַרבעט. ער איז אַפילו געוואָרן אַן אינסטרוקטאָר אין אַ לערנאַנשטאַלט. אין 1937 יאָר ווערט ווערמוס אַרעסטירט און אַרויסגעפירט אין ווייטן סיביר ווו ער שטאַרבט אין יאָר 1943. אין טויט פון ווערמוס האָט די יידישע קונסט געליטן אַ גרויסן פאַרלוסט. יהודה ווערמוס איז געווען אַ פיל צוזאָגנדיקער טאַלאַנט אויפן געביט פון גראַפיק.

## מאַרעק וולאָדאַרסקי *

די מאָלעריי פון מאַרעק וולאָדאַרסקי אונטערשיידט זיך פון די אַלגעמיין אָנגענומענע קאַנאָנען. זי אָטעמט עפּעס מיט אַ מין אויסטערלישער עקזאָטיק און דעריבער איז זי נישט פאַר אַלעמען צום פאַרדייען. וולאָדאַרסקי געהערט צו די סאַמע פּראָבלעמאַטישסטע קינסטלער ביי אונדז אין לאַנד. זיין מאָלעריי זעט אויס, ווי אַ מאָזאַיק פון אָן אַ שיעור קליינע טיילעכלעך, וועלכע עס איז נישט לייכט צו אַנאַליזירן, סיי יעדעס באַזונדער, סיי אין זייער גאַנצקייט. דערביי איז זי אין דער העכסטער מאָס סוגעסטיוו און פאַרבלענדנדיק.

שוין פון ערשטן בליק אויף זיינס אַ בילד קאָנסטאַטירן מיר, אַז דער שעפער אָפּערירט מיט אַ ספּעציפישער אינסטרומענטאַציע. ווען איר קוקט זיך צו נעענטער, קומען אויף באַגריפן און אַסאָציאַציעס פון גאָר אַן אַנדערער ספערע פון פונקציאָנירונג און פון אַ גאָר אַנדערן אופן פון עקזיסטענץ. מיר געפינען דאָ גאָרנישט פון דעם, וואָס מיר זענען געוווינט צו באַצייכענען אַלס נאַטירלעך. די בילדער פון מאַרעק וולאָדאַרסקי שטעלן מיט זיך פאָר גיכער אַ ספּיריטועל געוועב, וואָס זיין ערשטיקער גרונט זעט אונדז אויס ווי כאַאָטיש. די קאָנסטרוקציע פון זיין בילד איז ווי אַ כסדרדיקע וויבראַציע פון זיינע באַשטאַנד־טיילן. די קונסט פון וולאָדאַרסקין וואָלט זיך צומבעסטן געלאָזט באַנעמען מיט דער הילף פון די זעלבע קאַטעגאָריעס, מיט וועלכע מיר באַנוצן זיך אין באַצוג צו מוזי=

* די אָפּהאַנדלונג איז אָנגעשריבן האַרט פאַרן טויט פון קינסטלער

קאַלישע שאַפונגען, ווייל זיינע בילדער זענען פול מיט לירישן אויסקלאַנג און פון ספּעציפישער סימבאָליק. די ליניעס פון די בילדער וויבּרירן, די ווימאַליטעט פון דער געשילדערטער מאַטעריע איז פול מיט דרייסטער דינאַמיק. דאָ טרעפן מיר זיך אָן, פון איין זייט, אויף פלוציםדיקע שטע־רונגען, פון דער צווייטער זייט, אויף ליניעס האָריזאָנטאַלע און ווערטי־קאַלע, איבערגעהאַקטע דורך געאָמעטרישע פיגורן.

די שאַפונג פון מאַרעק וולאָדאַרסקי לאָזט זיך איינטיילן אין צוויי צייט־אָפּשניטן. איינער אונטערן נאָמען פון הענריק סטרענג, דער צווייטער, אָנהייבנדיק פון דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, אונטערן נאָמען מאַרעק וולאָדאַרסקי.

מיט דעם נאָמען הענריק סטרענג איז פאַרבונדן דער שעפערישער אויפשווונג פון קינסטלער, זיין פאַריזער פעריאָד, די לעמבערגער גרופּע „אַרטעס" און די טראַגישע צייט פון דער אָקופּאַציע, כאָטש אין קאָנצענ־טראַציע־לאַגער שטוהאָף האָט ער זיך שוין גערופן מאַרעק וולאָדאַרסקי. אין פאַרמלחמהדיקן פעריאָד איז הענריק סטרענג געווען באַקאַנט ווי אַ דרייסטער נאָוואַטאָר אין דער מאָלעריי. אין פאַריז האָט ער שטודירט ביי פערנאַנד לעזשע. די צייט פון מאָלערישער רייפקייט פאַלט אויס אין די יאָרן אָנהייבנדיק פון 1945. פון דער צייט פאַרנעמט ער זיך אויך מיט פעדאַגאָגישער אַרבעט, ווי אַ לעקטאָר פון דעקאָראַטיווער מאָלעריי אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע.

הענריק סטרענג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1903 אין לעמבערג. ער לערנט דאָרט צוערשט ביי קאַזשימיעזש סיכולסקין (1879—1942), אַן אויסגעצייכנטער פּייזאַזשיסט און שעפערישער קאַריקאַטוריסט, אַ מענטש פון אַ הויכער פעריזענלעכער קולטור. אין די דרייסיקער יאָרן פאָרט ער אוועק צוזאַמען מיט זיין פריינד, דעם מאָלער אָטטאָ האַהן קיין פאַריז, וווּ ער שטודירט אַ געוויסע צייט אונטער דער אָנפירונג פון פער־נאַנד לעזשע.

פון סאַמע אָנפאַנג פון זיין טאַלאַנט האָט סטרענג זיך אויסגעצייכנט אָריענטירט אין געביט פון קאָנקרעטקייט פון דער פאָרם און לייכט אויס־געקומען אָן די איבעריקע אקצעסאָריען, וועלכע זענען געווען כאַראַקטע־ריסטיש פאַר דעם אקאַדעמיזם און פסיידאָ־קלאַסיציזם. ער האָט פאַר־געשטעלט מיט זיך אַ יונגן מאָלער מיט אַ קלאָרן געדאַנק און קריסטאַ־ליזירטן אויסדרוק פון פאָרם.

אויף זיין ערשטן שעפערישן עטאפ איז הענריק סטרענג, ווי געזאָגט, געווען פאַרבונדן מיט דער לעמבערגער גרופע „אַרטעס“, וואָס איר ריכ־טונג אין דער מאָלעריי האָט דעמלט פאָרגעשטעלט מיט זיך עפּעס נייס. צו דער גרופע האָט געהערט דער זייער אָריגינעלער לודוויק ליל 1897—1957, וועלכער האָט שוין דעמלט זיך ארויסגעוויזן מיט זיינע פילאָזאָ־פישע נייגונגען; אַלעקסאַנדער רימער (1899—1943), וועלכער האָט זייער גערן קאָמפּאָנירט אויף פאַבלהאַפטע טעמעס; אָטטאָ האַהן, א ציגיינער, וועלכער האָט זיך אָנגעטראָפן שטענדיק אויף עפּעס פענאָמענאלס, וואָס ער האָט בליץ־שנעל אויפגעכאַפּט אין זיינע צייכענונגען מיט אַ רייפער אָרנאַמענטיק, טראַקטירנדיק די טעמע אַבסטראַקט; דער שטימונגספולער גראַפיקער סירואוויטש, ווי אויך די זייער געשיקטע אין דער פאָרמולירונג פון דער טעמאטיק — מאריע רייך־ס־עלסקא.

סטרענג איז אין דער גרופע געווען דער צוממערסטן לירישער. ער האָט געשאפן דער עיקר קאָנסטרוקטיווע פאָעמעס, ענלעך צו דעם, וואָס עס שאפט טיילמאָל די נאטור אליין. אַהאַנק א געוויסער מעכאניק, וועלכע איז געווען אייגנטימלעך דעם דאָזיקן מאָלער, זענען זיינע בילדער געווען קאָמוניקאטיוו. העגריק סטרענג האָט נאָך פאר דער מלחמה געהערט צו די פאָרגעשריטענע מאָלער, וועלכע האָבן פראָטעסטירט קעגן דער מאַכט פון דער סאַנאַציע, קעגן דער אונטערדריקונג פון אַרבעטער, קעגן דער ברוטאַלער פאַציפיקאציע פון די דעמלטיקע פוילישע האנד־געביטן. צו יענער צייט געהערט האָס בילד „באריקאדן“, וואָס גיט איבער דעם קאמף פון די לעמבערגער ארבעטער. די קאָמפּאָזיציע פון דעם בילד אונטער־שיידט זיך פון יעדן שאַבלאָן, איז דורכוים ליריש, און אירע קאָמפּאָנענטן באזיצן הויכע מאָלערישע וואַלאָרן. דאָס איז א טיף און סוגעסטיוו בילד. סטרענג־וולאָדארסקי מאָלט אָפט אזעלכע טעמעס, אויף וועלכע נישט פיל מאָלער וואָלטן באַוויליקט פטרן זייער צייט. אַזוי שטעלט ער פאָר אַ קרעמל, ווו מען פארקויפט נאַפט; מוזיקאנטן, וועלכע שפּילן אונטער אַ פארקאן, אַ יונגן הייצער, אַ „דענקמאָל פון קעגנשטאַנדן“ און אַנדערע, אין וועלכע ער פירט ארייַן דעם סאָציאלן מאָמענט.

וולאָדארסקי איז פון דער נאטור א ליריקער. קיין שום שארפע קאנ־טיקע פאָרמען פאַסן זיך נישט אריין אין זיין שאפונג. דער עיקרדיקער באַשטאַנד־טייל פון זיינע ווערק איז די באוועגונג און דאָס פאבלהאַפטע, וואָס גייט איבער אין רעאַליטעט, טיילמאָל אין סוררעאַליטעט. אָבער וולאָ־דארסקי לאָזט זיך נישט צופירן צו קיין שום „איזמען“. די סטרוקטור פון

זיינע בילדער דריקט אוים אלץ און... גאַרנישט. זיינע בילדער זענען קאָמ־פּאָנירט ווי אין אַ לעגראָ־טעמפּ, זענען מילד און פול מיט וואַרעמקייט און גאָבעלער רימישקייט.

צום לעמבערגער פּעריאָד געהערן אויך די פאַרביקע אילוסטראַציעס צום ביכל פון חבורה פּאַגעל „אַקאַציעס בליען", וועגן וועלכע עס האָט געשריבן ברונאָ שולץ אין „נאָשאַ אָפּיניאַ" נומער 77/199 יאָר 1936 פאָלגנדיקס:

„דעם טעקסט פון ביכל (ד. פאַגעל) דערגענצן די קאָנגעניאַלע און זייער שיינע סורעאַליסטישע אילוסטראַציעס פון ה. סטרענג, וועמענס רייכע און אָריגינעלע מאָלערישע שאַפונג איז נאָך ווייניק באַקאַנט".

וולאָדאַרסקי האָט פון דער יוגנט אַרויסגעוויזן א נייגונג צו דעקאָראַ־טיוויקייט און אָרנאַמענטיק. בכלל האָט די מאָלעריי פון יענער צייט אַדאָפּ־טירט פיל עלעמענטן פון דער פאָלקס־קונסט. אין דער שאַפונג פון וולאָ־דאַרסקין איז זייער פרי געקומען צום אויסדרוק די פאָלקסטימלעכע פאַר־ביקייט, נאָר סטיליזירט און מיט א מער באַהערשטן ריטם. דער מאָלער געשטאַלטיקט זיין בילד אין הסכם מיט געוויסע פּרינציפּן, אין דער צייט ווען אין דער פאָלקס־קונסט איז דער שעפערישער סטימול גיכער דער טעמפּעראַמענט און אינסטינקט.

וולאָדאַרסקי געהערט צו די אַוואַנגאַרד־מאָלער. זיין ספּעציפיק וואָלט געפאָדערט דאָס אויסהריקן זיך אויף גרעסערע פלאַכן. ערשט דעמלט וואָלט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו רעאַליזירן אין דער פולער מאָס זיין פאַנ־טאַזיע און הוש פאַר קאָנסטרוקציע. צום באַדויערן האָט ער ערשט נאָך דער מלחמה באַקומען די אויפגאַבע צו מאַכן אייניקע גרעסערע אָביעקטן אין געביט פון פּרעסקן־אָרנאַמענטיק.

אין יאָר 1956 זענען די אַרבעטן פון וולאָדאַרסקין געווען אויסגע־שטעלט אין פּוילישן פּאַוויליאָן פון די ביענאַלן אין ווענעציע. אונדזערע קריטיקער און קונסט־היסטאָריקער פון פאַרשידענע לענדער האָבן זייער פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט זיין שאַפונג. אין פיל פּאָפּולערע צייטונגען, גע־ווידמעט דער הייגטצייטיקער קונסט, האָבן זיך באַוויזן רעפּראָדוקציעס פון זיינע ווערק.

וולאָדאַרסקי האָט באַרייכערט די פּוילישע מאָלעריי מיט בילדער פון אַ ספּעציפישער פאָרם. עס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיי, אויב אפילו נישט אין קיין באַדייטנדיקער מאָס, דאָך א באַשטימטער רעאַליסטישער עלעמענט

פון דער ווירקלעכקייט פון אונדזער צייט. ער געהערט צו די מאָלער — נאָוואַטאָרן, וועלכע האָבן אויסגעמיטן דעם נאַטוראַליזם, שטרעבנדיק צוצופּאַסן זייער קונסט צום טעמפּ פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

מארעק וולאָדאַרסקי איז אויך נישט געווען גלייכגילטיק צו געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. נאָך פאַר דער מלחמה האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג. צוריקקומענדיק פון קאָנצענטראַציע-לאַגער און שטוטהאָף קיין פאָלקס-פּוילן, האָט ער זיך גלייך געזעלשאַפטלעך אַנגאַזשירט אין דער סביבה פון די קינסטלער-פּלאַסטיקער. ער איז געווען איינער פון די ערשטע באַנייער פון דעם פאַרבאַנד פון פּוילישע קינסטלער-פּלאַסטיקער און דער ערשטער סעקרעטאַר פון זיין הויפּט-פאַרוואַלטונג.

וולאָדאַרסקי איז אויך איינער פון די ווייניקע פּלאַסטיקער, וועמען עס איז טייער דער צושטייער פון די יידן אין דער פּוילישער קונסט. ער האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט די יידישע אַלטערטימלעכקייטן אויף דער פּוילישער ערד, געמענדיק אַ לעבעדיקן אָנטייל אין די אַרבעטן פון דער באַנייטער „יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט“ און פרייענדיק זיך מיט יעדן אָפּגעפונען בילד, סקולפּטור, צי צייכענונג, וועלכע עס האָט זיך דער „געזעלשאַפט“ איינגעגעבן צו דעראָבערן.

ער איז געווען דער זשורי-פאָרזיצער פון דעם קאָנקורס אויף אַ פּלאַקאַט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 5-טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אין זיין שיין געבויטן רעפעראַט, וועלכן ער האָט געהאַלטן אויף אַן אָוונט פון קולטור-געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין יאָר 1956, געווידמעט דעם דערשיינען פון בוך וועגן די יידישע קינסטלער-פּלאַסטיקער פון אויטאָר פון דעם בוך האָט ער אויף אַ דורכדרינגלעכן אופן אַנאַליזירט די פּראָבלעמאַטיק פון פּלאַסטישער קונסט ביי די פּוילישע יידן.

אין דעם דאָזיקן פּויליש-יידישן קינסטלער זענען פאַראייניקט די שיינע כאַראַקטער-שטריכן פון פאַרנונפט, ערנסטקייט און ווירדע. זיין גרויסע נייגונג צו מאָנומענטאַלקייט ווי זיין גאַנץ וועזן באַשטראַלט אַן אינערלעכער פּאַטאָס פון שיינקייט.

# די משפחה דאָרנהעלם

פון דער משפחה דאָרנהעלם שטאַמען עטלעכע מענער און א פרוי, וואָס האָבן אין א הויכער מאָס באַהערשט די קונסט פון באַצירונג אויף איידעלע מעטאַלן, פון שניצערייִ, ציזעלירונג, גראַווירערייִ און אויך די קונסט פון סקולפּטור.

זייער שאַפונג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס געשמאַק. אַלס רוי־מאַטעריאַל צו זייער אַרבעט האָבן זיי באַנוצט דערהויפּט איידעלע מעטאַלן, זילבער און גאָלד. פון דער דאָזיקער נישט געוויינלעכער משפחה זענען אַרויס אין דער וועלט קונסט־ווערק פון זעלטענער פּראַכט. דער פאָ־טער פון די לעצטע דאָרנהעלמס איז געווען א גראַווירער (זיין נאָמען איז שוין שווער פעסטצושטעלן) און האָט געוווינט און געאַרבעט אויף איינער פון די אָרעמסטע גאַסן אין לוואָוו. ער איז געווען א טראַדיציאָנעלער ייִד און האָט געשטרעבט דערצו, אַז זיינע קינדער זאָלן זיך אויסלערנען דעם טאַטנס פאַך און אים העלפן פאַרקויפן די אויסגעאַרבעטע קעגנ־שטאַנדן. די דאָזיקע משפחה האָט געלעבט און געאַרבעט אין אָפּגע־לאָזענער, פון אַלטקייט שוואַרץ־געוואָרענער קליינער הייזקע, וואָס איז געשטאַנען אין דעם הויף־געסל — דאָרטן, וווּ עס האָט זיך גענעסטעט די לוואָווער ייִדישע אָרעמקייט. דער דאָזיקער דאָרנהעלם האָט פאַרמאָגט דריי זין: ברוך, איזידאָר און שמחה. ער האָט זיי אויסגעלערנט זיין פאַך. דער פעיקסטער פון זיי איז געווען ברוך און ער איז געבליבן ביים טאַטנס מלאכה.

ברוך דאָרנהעלם איז געבוירן געוואָרן אין לוואָוו אין יאָר 1854 און געשטאָרבן אין 1928 אין זיין היימשטאָט. נישט אַלע זיינע אַרבעטן זענען געווען ווערק פון זיין אייגענער דערפינדערישקייט. פיל פון די ווערק, וואָס זענען אַרויס פון דאָרנהעלמס וואַרשטאַט, זענען געווען א מין צענויפגיסונג פון קלאַסיציסטישע מוסטערן מיט א צומיש פון קינסט־לערס אייגענער פאַנטאַזיע. ער האָט זיי געגרן געשאַפן אין קלאַסיציסטישן סטיל אָבער אייגנצייטיק האָט ער זיי באַדעקט מיט רייכע אָרנאַמענטן לויט זיינע אייגענע איינפאַלן. פון זיינע הענט זענען אַרויס כוסות, בע־כערס, טאַצן, מעטאַלענע אויבער־טאָוולען צו ווערטפולע ביכער און אויך די פאַרשידנסטע קאָמפּאָזיציאָנעלע באַריעליעפן, צווישן זיי אפילו אזא, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די הייליקע מאַדאָנע. דאָרנהעלם האָט אויך געשאַפן חפצים פון רעליגיעזן קולט: בשמים־ביקסלעך, מנורות, קידוש־

בעכערס, שיידלעך פאַר מזוזות און אַנדערע. פיל פון זיינע קונסט-זאַכן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין אויסלאַנד און פון זיי איז נישט געבליבן קיין שום זכר. הגם דאַרהעלם האָט געשטעלט אַ זיגל אויף זיינע אַרבעטן, וואָס האָט סימבאָליזירט זיין פאַמיליען-נאָמען: אַ האָרן און אַ העלם, זענען דאָך זיינע אַרבעטן פאַר דער געשיכטע פאַרלוירן געגאַנגען. דעריבער קאָן מען, לײַדער, אורטיילן וועגן זיין שאַפונג נאָר לויט זיינע ווערק, וואָס זענען פאַרבונדן מיט פוילן, כאָטש ס׳איז באַוווּסט, אַז עטלעכע זיינע אַרבעטן זענען געוואָרן דאָס אייגנטום פון דײַטשישן קייסער פרידריך און אויך פון דעם רוסישן צאַר אַלעקסאַנדער. דער באַוווּסטער פוילישער היסטאָריקער וולאַדיסלאַוו לאַזינסקי (דער אויטאָר פון „דאָס פוילישע לעבן אין די אַמאָליקע יאָרהונדערט“, און „לוואָווער גאָלדשמידעריי“) האָט געקענט די משפחה דאַרנהעלם. זיי האָט אויך געקענט קאַזשימיעזש פּשיביסלאַווסקי. ביידע פאָרשער האָבן אַריינגעטראָגן אַ געוויסע קלאָרקייט אויף דעם געביט. ביידע האָבן טראַקטירט די משפחה דאַרנהעלם ווי אַ מין אוניקום אין לוואָווער געטאָ. פּשיביסלאַווסקי האָט געזען אין זיי נאָר נאָכפאָלגער און קאָפּירער פון קלאַסישע ווערק און האָט זיי געהאַלטן פאַר גראָטעסקע שעפערישע נאָכמאַכער פון אַנטיקן. דאַקעגן האָט לאַזינסקי געשריבן וועגן ברוך דאַרנהעלמען צו דעם באַקאַנטן פאַר דער מלחמה לוואָווער זאַמלער מאַקסימיליאַן גאָלדשטיין: „ברוך דאַרנהעלם איז געווען אַן אמתער פענאָמען אין זיין אַרט. אָן יעדער בילדונג, אָן אַ צייכענער, אין אַ סביבה, וואָס איז צומווייניקסטן פעיק צו אַנטוויקלען קינסטלערישע נייגונגען, אַן אויטאָדידאַקט, איז ער געוואָרן אַ מייסטער אויף זיין געביט, וואָס איז נאָך אין 16-טן יאָרהונדערט געשטאַנען אויף דער הויך פון גרויסער קונסט אין איטאַליע און אין דײַטשלאַנד און איז געווען ווי אַ פאָרשול פאַר אַזעלכע מייסטער ווי ווערראָטשיאָ פּיסאַנעלאָ, פּאָלציינעלאָ און אַנדערע.“

און ווייטער גיט איבער לאַזינסקי אין וועלכע באַדינגונגען ברוך דאַרנהעלם האָט געשאַפן זיינע ווערק: „אין זיין אָרעמען שמוציקן שטיבעלע אויף דער וועקסלאַרסקי גאַס (הײַנט הייסט די גאַס בוימאַוו) האָט ער מחיה-המתים געווען איינע פון די העכסטע קינסטלערישע געביטן פון גאָלדשמידעריי — פון דעם געביט, וואָס איז גראָד אין גאַנץ אייראָפּע געווען פאַרנאַכלעסיקט, כמעט פאַרגעסן“. „צום אומגליק איז דער דאָזיקער מייסטערהאַפטער גראַווירער געבוירן געוואָרן אין לוואָוו און דעריבער נישט געקענט אויסרעכענען אויף אַזאַ קליענטור ווי צום בײַשפּיל

צעלליני, וואָס האָט מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק געוווינט אין איטאליע. צעלליני׳ן האָבן געבאַלעוועט זיינע קליענטן נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען א סקאַנדאַליסט. מעגלעך, אז ברוך האַרנהעלם איז געווען נישט קיין קלענערער טאַלאַנט ווי צעלליני, אָבער וואָס קומט פון דעם אַרויס. ער האָט געשאַפן די נאָבעלסטע זאַכן און אין דער שטוב האָט געהערשט נויט.

איבערגענומען מיט דעם טאַלאַנט פון אָט דעם אָרעמאַן, פאַרהאָרעוועטן קינסטלער, האָב איך אים פּראָטעזשירט ווי ווייט נאָר מעגלעך, ציענדיק אויף אים די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרמעגלעכע אַמאַטאָרן. אָבער, ליידער, צוממייגסטן אָן רעזולטאַטן. לויט מיין פאַרמיטלונג און אונטער מיין אויפזיכט האָט ער געמאַכט 2 גרויסע אַרבעטן: די מאַדאָנע פאַרן פירשט אַדאַם סאַפּיעהאַ, די מאַדאָנע פאַר עוסטאַכי פירשט סאַנגושקאָ און א טיש־סערוויז (אַן ערן־געשענק) פאַרן הער אויגוסט גאַרייסקי. איך אַליין פאַרמאָג יאַ יוּוועדער־שיינעם מוסטער פון זיין טאַלאַנט און טעכניק — א טעלער, געמאַכט מיט א מייסטערהאַפטער סובטעלקייט“. *)

## הענעך גליצענשטיין

הענעך גליצענשטיין האָט בלי ספק געהערט צו די נישט־דערשאַצטע קינסטלער אין פוילן, וועלכע זענען איבערגעוואַקסן זייער דור. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1870 אין שטעטל טורעק, קאַלישער פּאָוויאַט. זיין פאָטער איז געווען א מלמד. צווישן די האָרטיקע אָפּגעשטאַנענע און פאַרהאָרעוועטע אייגוווינער האָט דאָס טאַלאַנטירטע יינגל נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו אנטוויקלען זיין טאַלאַנט.

ווען הענעך פלעגט זיצן מיט זיינע חברים אין דער ישיבה איבער דער גמרא, פלעגן די ביבלישע געשטאַלטן אזוי לעבעדיק זיך פאָרשטעלן פאַר זיינע אויגן, אז ער פלעגט דערפילן א געוואַלדיקן פאַרלאַנג זיי צו געבן א פּלאַסטישן אויסדרוק. וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אלץ שטאַרקער איז געוואָרן זיין שטרעבונג צו קאָנקרעטיזירן די בילדער, וואָס פילן

*) Jan Bolor Antoniewicz, Katalog Wystawy Sztuki Polskiej, Lwów, 1894. Świat Krakowski 1894, str. 483.

אָז זיין המיון. אָבער אין חומש האָט ער געלערנט: „לא תעשה לך פסל“. דערפון איז אין זיין נשמה אַנטשטאַנען א געראַנגל. פונדעסטוועגן פלעגט ער אין געהיים, באַהאַלטנדיק זיך פאַר די אַרומיקע, צייכענען און שניצן פון האָלץ פאַרשידענע פיגורן.

אין א געוויסער צייט אַרום ווערט ער א מצבה־קריצער אין זיין שטעטל. די דאָזיקע אַרבעט האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט פון א געוויסער שעפערישער פרייהייט, ווען אפילו בלויז אין די ראַמען פון דער מצבה־עמבלעמאַטיק. די פייגל־געשטאַלטן און פלאַנצן־פאָרמען טרעטן אַרויס אין דער מצבה־קריצעריי, ווי באַוווסט, אַלס מעטאַפאָרן און סימבאָלן פון אייננשאַפטן, וועלכע ס'פאַרמאָגן מענטשן־געשטאַלטן, וואָס מען טאָר נישט לויט דער יידישער אמונה מאָלן.

ווי א זיבעצניאָריק בחור, האָבנדיק שוין הינטער זיך א געוויסע פּראַקטיק אַלס א מצבה־קריצער, קומט גליצענשטיין אָן קיין לאָדזש. דאָ האָט געלעבט און געאַרבעט דער יונגער מאָלער שמואל הירשענבערג, דעמלט שוין באַרימט אין דער יידישער געזעלשאַפט. גליצענשטיין ווערט אַן אייננגייער אין הירשענבערגס וווינונג און באַפריינדעט זיך מיט זיין משפחה. שפעטער, ווען הירשענבערג שטודירט אין מינכען, לייענט גליצענשטיין מיט גרויס אינטערעס די בריוו, וואָס יענער שרייבט. די ערשטע טריומפן פון הירשענבערגן אויף די אויסשטעלונגען אין קראָקע און מינכען רופן אַרויס ביים יונגן גליצענשטיינען א געפיל פון אַנטציקונג, וואָס איז נישט פריי פון קנאה.

אין דריי יאָר אַרום געלינגט גליצענשטיינען צו פאָרן קיין מינכען, כדי צו שטודירן דאָרט סקולפּטור. ער ווערט אָנגענומען אויף דער דאָרטיקער קונסט־אַקאַדעמיע אין קלאַס פון פּראָפ. ווילהעלם פאָן רימאַן (1850—1906), א טיפּישן דייטשישן נעאָקלאַסיקער. רימאַן פּאַראַינטערעסירט זיך מיטן טאַלאַנט פון גליצענשטיינען, וועלכער איז געווען א פולשטענדיקער קאָנטראַסט צו אים אַליין. ער האָט אָבער נישט געקאָנט נישט באַמערקן, אַז אין דעם יונגן פּרימיטיוון בחור זענען באַהאַלטן געוויסע כוחות און הגם ער זינדיקט קעגן די אָנגענומענע קאַנאָנען פון שיינקייט, באַווייזט ער דאָך אַרויסצובאַקומען פון א פאָרמלאָזער מאַסע פאָרמען, וואָס דערנענטערן זיך שטאַרק צו דער גאָטיק פון די קאַטעדראַלע סקולפּטורן. גליצענשטיין האָט דעמלט איבערגעלעבט א שטאַרקן קאָנפליקט: זיין נשמה האָט נאָך אַלץ טיף געשטעקט אין דער ספערע פון יידישקייט, אָבער גלייכצייטיק איז ער שוין געווען אָנגעזאַפּט מיט דער

פּויליש־רוסישער קולטור. אויך אין מינכען פלעגט ער צומגערנסטן פּאַר־ברענגען אין דער געזעלשאַפט פון פּוילישע און רוסישע קינסטלער.

ווען ס'איז געקומען די צייט פון שטעלן זיך צום מיליטער, קערט זיך גליצענשטיין אום אין זיין געבורטס־שטעטל. אָבער הגם די דאָקטוי־רים האָבן נישט פעסטגעשטעלט ביי אים קיין שום פיזישן פעלער, האָט דער פאָרזיצער פון דער מיליטערישער קאָמיסיע אים באפרייט מיט די ווערטער: „זיי געזונט און לערן זיך ווייטער“.

אין יאָר 1895 קומט פאַר אין גליצענשטיינס לעבן, סיי אין פּרי־וואטן, סיי אין קינסטלערישן, א טיפער איבערברוך. זיין קאָנקורס־אַר־בעט ווערט אויסגעצייכנט. ביי דער בערלינער אַקאַדעמיע האָט עקזיס־טירט א פונדאציע געשאפן דורך דעם יידיש־דייטשישן דיכטער מיכאל בעער (1800—1833), א ברודער פון דעם בארימטן קאָמפּאָזיטאָר דזשאַ־קאָמאָ מעיער־בער (1791—1864). די פונדאציע האָט יעדעס יאָר באַ־שטימט צוויי סטיפּענדיעם מיטן נאָמען „ראָמפּרייז“ פאַר סקולפּטאָרן און מאָלער, וועלכע האָבן געזיגט אינעם קאָנקורס. פון דער דאָזיקער פונדאַ־ציע איז באשטימט געוואָרן 2250 מארק פאַר הענעך גליצענשטיין.

ווען גליצענשטיין האָט אין א יאָר ארום, זייענדיק שוין אין רוים, אריינגעטראָגן א ביטע וועגן פארלענגערן אים די סטיפּענדיע, האָט מען זי אים אָנערקענט אויך אויפן יאָר 1896.

אין רוים האָט גליצענשטיין קאָמפּאָנירט סקולפּטורן אויף טעמעס פון אלטן און נייעם טעסטאַמענט ווי אויך אויף 'אלגעמיינע און יידישע. דאָ אנטשטייט זיין בארימט ווערק „משיח“ — אַ ריזיקע פיגור וואָס זיצט פארטראַכט און אין איין אַראָפּגעלאָזטער האַנט האַלט ער א שופר, אין וועלכן ער וועט, משמעות, א בלאָז טאָן, ווען ס'וועט קומען די בא־שטימטע שעה.

עס זענען כאראקטעריסטיש גליצענשטיינס באמערקונגען וועגן זיין ארבעט און זיינע איבערלעבונגען אין רוים.

„איך באטראכט רוים פאַר דעם לעצטן אָטעם־צוג פון פרייהייט פוּ־נעם יידישן פאָלק און דעם אָנהייב פון זיין טויזנט־יאָריקער קנעכטשאַפט. דער גרויסער קאָלאָסעום איז נישט נאָר א רוימישע אַלטערטימלעכקייט, נאָר אויך אַן אַרענע, וואָס איז באשפריצט מיט מארטירער־בלוט פון יידישע קנעכט. דאָס טיטוס־טויער איז באפוצט מיט א מנורה, וואָס איז צוגערויבט געוואָרן אין בית־המקדש. אונדזער משיח, וואָס וועט באפריי־ען דאָס יידישע פאָלק, ליגט ביי די טויערן פון רוים. דאָס בינדט מיך

מיט דער אייביקער שטאָט. מיר, יידן, האָבן דאָרט אַ גרעסערע באַדייטונג ווי דער „קווירינאַל“ (לויטן זשורנאַל „שטוקי פּיענקנע“ פון יאָר 1926, זייט 324).

די סקולפּטור „משיח“ האָט גליצענשטיין געשאַפן אין עטלעכע וואַריאַנטן. איינעם פון זיי, אַ ריזיקן דענקמאָל, האָט אַוועקגעשטעלט אין זיין פּריוואַטן פּאַרק אין בערלין דער יידישער גען. טועך ד"ר מינדען. די דאָזיקע סקולפּטור איז רעפּראָדוצירט געוועו אין אַ גרויסער צאָל ציימשריפטן פון דער גאַנצער וועלט. די מינכענער ציימשריפט „די פּלאַסטיק“ האָט פאַררעכנט דעם שפּעטער פונעם „משיח“ צו די אָנגעזעענסטע דעמלטיקע סקולפּטאָרישע טאַלאַנטן ווי: ראָדען, בורצעל, הילדעבראַנד, לעדערער, האַנאַק, העלמער און אַנדערע. די וואַרשעווער אינטעליגענץ האָט דעמלט געמאַכט באַמיונגען, אַז גליצענשטיין זאָל זיך אומקערן קיין וואַרשע.

אין דער דעמלטיקער קונסט=שול אין וואַרשע איז דער פּראָפעסאָר פון דער סקולפּטור=אָפּטיילונג געווען קסאַווערי דוניקאָווסקי. אַזוי ווי ער האָט זיך איבערגעצויגן קיין קראָקע, איז דיסקוטירט געוואָרן — מיט וועמען צו באַזעצן דאָס פרייע אָרט. דער קולטור=היסטאָריקער זענאָן פּשעסמיצקי (מיריאַם) שרייבט אין זיין באַרימט ווערק „פּראָ=אַרטע“ אין צוזאַמענהאַנג מיט די רעפאָרמען, וואָס דאַרפן דורכגעפירט ווערן ביים באַזעצן די פּראָפעסאָרן=שטעלעס: „דאָרט דאַרפן זיין נישט נאָר מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אַ גרויסן טאַלאַנט און אַ סך וויסן אויף זייער געביט, נאָר חוץ מזה זיין הויך=קולטורעלע קינסטלער, וועלכע האָבן אַ סך געזען, אַ סך דורכגעטראַכט, אַ סך דורכגעפילט, און זיך אויסגעאַרבעט אַ פעסטן געשמאַק און ברייטע מיינונג“. וואָס שייך דער אָפּטיילונג פון סקולפּטור איז „שווערער“ — שרייבט ער — צו רעקאָמענדירן וועמען עס איז מיט דער פולער איבערצייגונג. ווי ס'זאָל נישט זיין, שיינט מיר, אַז דערווייל קאָן זיין אַ רייד בלויז וועגן גליצענשטיינען, ריגערן אָדער שימאַנאָווסקין“.

פּשעסמיצקי האָט זיך גוט אָריענטירט ווער ס'איז ראוי איבערצונעמען אַזאַ שטעלע. די פּראָפּאַגירטע דורך אים קינסטלער האָבן זיך שפּעטער פאַרשריבן מיט גאָלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון דער פּוילישער און אַלגעמיינער קונסט.

און ווירקלעך. אין יאָר 1911 האָט מען פאָרגעשלאָגן גליצענשטיינען איבערצונעמען די פּראָפעסאָר=שטעלע אין דער וואַרשעווער קונסט=שול.

ס'האָט אים געלאָקט די פּערספּעקטיוו אומצוקערן זיך אהיים און ער איז געקומען קיין ווארשע. אָבער די דעמאָלטיקע באַדינגונגען זענען פאַר אים געווען צו ענג. צוליב זיין היציקן און אומגעצוימטן טעמפּעראַמענט, האָט ער נישט געקאָנט זיך איינלעבן אין די באַציונגען, וואָס האָבן געהערשט אין דעם לערן־אַנשטאַלט. ער רעזיגנירט פון דעם פּראָפעסאָרן־אַמט און פאָרט קיין דייטשלאַנד, ווו ער נעמט זיך צו קלעפּן פּאָרטרעטן פון באַרימטע פּערזענלעכקייטן. אין יענעם פּעריאָד האָט גליצענשטיין גרויס דערפאָלג. אין יאַנואַר 1913 האָט זיך געעפנט די „ברעמער קונסט־האַלע" און האָט איינגעאָרדנט גליצענשטיינען אַן אויסשטעלונג. אויך די גאַלעריע „קאַמעטער" אין האַמבורג ווי אויך היינעמאַנס גאַלעריע אין מינכען אָרדענען איין אויסשטעלונגען פון זיינע ווערק. גליצענשטיין האָט דערגרייכט דעמאָלט צו דער מדרגה פון איינעם פון די ערנסטע סקולפּטאָרן פון זיין צייט.

* *
*

גליצענשטיינס קונסט האָט אַ ספּעציפישן כאַראַקטער. זי איז פול מיט קאָנטראַסטן, נישט אין זין פון קינסטלערישע וואַלאָרן, נאָר אין געוויסע שטימונגען, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין יעדער באַזונדער אַרבעט. דורך די הענט פון אַ קינסטלער באַקומט דער טויטער מאַטע־ריאַל אַ נשמה, און די שאַפונג ווערט אָפט פאַרוואַנדלט אין אַ מעטאַפאָר.

גליצענשטיין האָט געהערט צו די טאַלאַנטן, וואָס האָבן זיך זייער ערנסט באַצויגן צו זייער אייגענעם שאַפן. אין משך פון זיין גאַנץ לעבן האָט ער געפירט מיט זיך אַ קאַמף. אַלץ וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, האָט ער אויסגעדריקט אין זיינע קאָמפּאָזיציעס, אָבער ביים רעאַליזירן זיי האָט ער געהאַט געוויסע שוועריקייטן, ווייל אויך אויף אים האָט געהויערט די אומגליקלעכע טראַדיציע, וואָס האָט אָפּגעשלאָסן די יידישע סקולפּ־טאָרן, וועלכע האָבן געהאַט אַ נייגונג צו מאָנומענטאַלע פאָרמען, אין די דלת־אמות פון שול־מאָטיוון און מצבה־שאַפונגען.

הענעך גליצענשטיין, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ פרומער היים, האָט פאַרמאָגט אַלטע יידישע טראַדיציעס, אָבער ער האָט שוין אויך געהאַט איינגעזאַפּט אין זיך ווערטן פון דער מערב־קולטור. ער לעבט דע־ריבער איבער אַ שטענדיקן געראַנגל. אַזוי, למשל, סטימולירט אים זיין

שפּעטערישער אימפּעט צו גיין אין וואַטיקאַן מאָדעלירן דעם פּויפּסט, אָבער גלייכצייטיק רעזיגנירט ער נישט פון זיינע פּערזענלעכע געוווינהייטן צו דערנערן זיך בלויז מיט כשרע מאכלים. נישט געקוקט דערויף, וואָס גליצענשטיין האָט זיך אסימילירט מיט דער דעמלטיקער קולטור פון רוים און זיך צונויפגעלעבט מיט א גאנצער ריי אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער דאָזיקער קולטור, איז אין אים געבליבן טיף פאָרוואָרצלט זיין יידישקייט. און דאָס נישט בלויז אינעם זין פון אָפּהיטן די טראַדיציאָנעלע יידישע פאָרמען, נאָר אויך אינעם דראַנג אָנצוהאַלטן דעם ענגסטן קאָנטאַקט מיט די דעמלטיקע אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער, ווי: פּרץ, דוד פרישמאַן, שלום אַש, א. י. אָפּאַטאָשו און אנד. נישט איינעם פון זיי האָט ער געמאָלט און געקלעפּט, האָט אפילו מאָדעלירט געשטאַלטן פון זייערע שאַפונגען.

גליצענשטיין האָט געלעבט מיט די וויזיעס פונעם תנ"ך, נאָר שאַפנדיק די געשטאַלט פון בר־כוכבא האָט ער אים פאָרגעשטעלט נישט ווי ס'איז אָנגענומען געווען — אין א קלאַסישער פאָרם מיט איידעלע געזיכט־שטריכן און ספּעציפיש־יידישן אויסזען — נאָר ווי א פּרימיטיוון, גאַקעטן גבור. פאַרקערט אין זיין „משה“ האָט ער געגעבן א היפּער־גייסטיקע, כמעט דעמאַטעריאליזירטע געשטאַלט פון א מענטשן אן אויסגעלאָשענעם, וואָס איז אָנגעפילט בלויז מיט דער חכמה פון די הייליקע ספרים און גאָטס געבאָט. גליצענשטיינס „משה“ איז א טיפּ פון א פּוילישן ייִד, פון א געוויינלעכן, קליינשטעטלדיקן רב און איז ניכער א מאָלערישע שאַפונג, ארויסגעבראַכט מיט סקולפּטאָרישע מיטלען.

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אז גליצענשטיין איז געווען אויך א גלענצנדיקער גראַפיקער און מאָלער, וואָס האָט פאַרמאָגט א דעליקאַטע ליניע, אויסגעטאָקט ווי א בריליאַנט, און א גרויסע שימערירנדיקע לעבעדיקייט, ווי קוועקזילבער, וואָס איז ניכער כאַראַקטעריסטיש פאַר א מאָלער איידער ווי פאַר א סקולפּטאָר. אין די געמאָלטע פּאָרטרעטן האָט ער די פאָרגעשטעלטע מענטשן ארויסבאַקומען זייער בולט און אינטערעסאַנט. עס זעט אויס, אז אין פּאָרטרעט־שאַפונג איז ער אָפּט איינגעשטעלט געווען איראָניש, ווי ער וואָלט לייכט אָפּגעחוזקט פון זיין מאָדעל, וויפל איידלקייט און וויפל גייסט עמאַנירט פונעם ביוסט פון גליצענשטיינס שוואָגער — סאַמועל הירשענבערג! דער דאָזיקער פּאָרטרעט איז געוואַלדיק סוגעסטיוו און שוין פון דער ווייטנס ציט ער צו די אויפמערקזאַמקייט פונעם צושויער.

אין די ערשטע יאָרן פון זיין פאַרברענגען אין איטאַליע האָט גלי־צענשטיין זיך באַקענט און באַפרייַנדעט מיטן שרייבער גאַבריעל ד'אַנונ־ציאָ, וועלכער איז נישט נאָר געווען אַן אַריסטאָקראַט, נאָר האָט אויך פאַרמאָגט שטריכן פון אַן אויטאָקראַט און שפּעטער, ווען אין איטאַליע איז אויפגעקומען דער פאַשיזם, האָט ער דורכגעפירט אַ פּוטש אין פיומע און עס אַנעקסירט פאַר איטאַליע.

דעם אַריסטאָקראַטישן ד'אַנונציאָ איז געפעלן דער דאָזיקער יונגער, טעמפּעראַמענטפולער סקולפּטאָר. דער קינסטלער ווערט אַן אָפּטער גאַסט אין הויז פונעם דיכטער. דאָרט האָט ער געשאַפן אייניקע אינטערעסאַנ־טע ביוסט־פּאָרטרעטן פון ד'אַנונציאָס משפּחה. דער ביוסט פון ד'אַנונ־ציאָס מאַכטער, אָפּגעגאָסן אין בראָנז, געפינט זיך אין קראָקעווער נאַ־ציאָנאַלן מוזיי.

צו די אינטערעסאַנטסטע פּאָרטרעטן־סקולפּטורן פון גליצענשטיינען געהערט דער ביוסט פון הערמאַן קאָהען, דעם גרויסן יידיש־דייטשישן פילאָזאָף, דעם גרינדער פון דער נעאָקאַנטישער שול אין מאַרבורג. אין אַזעלכע פּאָרטרעטן האָט גליצענשטיין אַנטפּלעקט זיין גאַנצע אָריגינעל־קייט. שאַפנדיק זיי, האָט ער זיך אָנגעשטעלט ווי אַ פילבאַרער אינסטרו־מענט, וועלכער כאַפּט אויף יעדע גאַנצע נואַנסע פון די פאַרשידנסטע איי־שאַפטן פון זיין מאָדעל. אדאנק דעם איז אים געלונגען ארויסצובאַקומען די סובטעלסטע ניואַנסן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מאָ־דעל. גליצענשטיין האָט זיך אין זיין קונסט ארויסגעוויזן ווי אַ חכם, וועל־כער קאָן זיך פאַרטיפן אין די פאַרשידנאַרטיקסטע געשטאַלטן פון זיין צייט. ער שאַפט ביוסטן פון דעם פויפסט פיוס דעם ניינטן, פון באַלפורן, פון קעניג וויקטאָר עמאַנועל דעם דריטן, פון דוד פרישמאַנען, שלום אַשן און פיל אַנדערע.

אין וואָס פאַר אַ מאָס טרעט ארויס אין גליצענשטיינס שאַפונג דער יידישער עלעמענט? צי קאָן מען גליצענשטיינען, וועלכער האָט אָפּט גע־שעפט זיינע מאָטיוון פון דער יידישער טעמאַטיק, פאַררעכענען צו די קינסטלער, וואָס שאַפן אין דער אַזוי גערופענער יידישער פאָרם? דער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע איז נאָך עד היום נישט קלאָר. די שע־פערישע פרייד ביי גליצענשטיינען איז אָפּט גורם, אַז דער תוך פאַרלירט די פאָרם, וועלכע מען וואָלט געקאָנט באַצייכענען, ווי אַ יידישע. די טראַגעדיע פון דער טראַנספאָרמאַציע פון גליצענשטיינס סקולפּטורן באַ־שטייט דערין, וואָס זיי פאַרמאָגן אָפּט נישט די געשטאַלטונג, וואָס דער

געווייליטער מאָטיוו וואָרפּט אָן דעם ווערק. מעגלעך, אַז די סיבה דערפון איז, וואָס דער קינסטלער איז געווען צופיל עקסצענטריש.

ווען גליצענשטיין האָט זיך ארויסגעריסן פון זיין פאָטערס הויז, דעם קליינשטעטלדיקן מלמד און מצבה־קריצער, האָט ער נאָך באַזיצט אַ גאַר ספּעציפישן סקולפּטאָר־טאַלאַנט, וואָס האָט זיך שפּעטער אין מינכען, אין דער ספערע פון מאַגיערירטן פּסיידאָקלאַסיציזם, געענדערט. גע־טרוימט האָט ער צו דערגיין דורך דער דאָזיקער שול צו דער אויסגע־חלומטער יידישער קונסט. שוין זיין „משיח", וואָס האָט געזאָלט ווערן אַ סימבאָל פון דער בענקשאַפט פון יעדן פרומען ייד, האָט נישט אויסגע־דריקט דאָס דאָזיקע געפיל. דער אויסקלאַנג פון גליצענשטיינס „משיח" איז גיכער אַ מעלאַנכאָלישער, פּעסימיסטישער. ער וועקט נישט קיין בטחון, דערהייבט נישט. ער איז צופיל נאַטוראַליסטיש.

גליצענשטיינס צווייטע ביבלישע פיגור — „משה" קען מען צוזאַ־מענשטעלן אַפשאַצן פאַרגלייכנדיק זי מיט מיקעל אַנדזשעלאָס „משה", וועלכע האָט זיך אַזוי טיף איינגעקריצט אין זכרון פון יעדן קונסט־ליב־האָבער. מיט וואָס פאַר אַן אומפּאַגירנדיקער קראַפט עס אָטעמט מיקעל אַנדזשעלאָס וואונדערבאַרע סקולפּטור! גליצענשטיין האָט, שאַפנדיק „משהן", ווייזט אויס, פאַרלוירן זיין גרונטיקע קאָנצעפּציע פון דער גע־שטאַלט פון משה רבינו און האָט זיך אויסגעמיטן מיטן גייסט פון תנ"ך. און גראָד פון גליצענשטיינען האָט מען דאָך געקאָנט דערוואַרטן, אַז אין זיין אינטערפּרעטאַציע וועט די געשטאַלט פון דעם גרויסן אויסלייזער פונעם יידישן פאָלק זיין צוזאַמענגעשטן צו דער יידישער פאַרשטעלונג.

גליצענשטיינס „משה" איז אפשר עמפינדלעך אויף אַנטפּלעקונגען, אָבער ער פאַרזאָגיפיצירט מיט זיך גיכער אַ טיפּ פון אַ „מענטשן פון וואָרט". מיט די געזיכט־שטריכן, וועלכע גליצענשטיין האָט געגעבן דער דאָזיקער געשטאַלט, וואָס זענען אַזוי ווייט פון דעם טעקסט פון חומש — ס'איז דעם צושויער שווער מסכים צו זיין. משה איז דאָך געווען איינער פון די אַקטיווסטע געשטאַלטן אין דער געשיכטע פון יידן.

די גרעסטע ווערק, וואָס גליצענשטיין האָט געשאַפן, זענען געווען די, צו וועלכע דער שעפער האָט געהאַט אַ באַזונדער אינטימע באַציונג. אַזאַ איז דער ביוסט פון זיין שוואָגער סאַמועל הירשענבערג. אין דער דאָ־זיקער אַרבעט פילט מען ארוים די גרויסע עמפינדלעכקייט, מיט וועלכער דער קינסטלער האָט באַנומען די אייגנטימלעכקייט פון זיין מאָדעל. אויף גליצענשטיינען האָט קודם־כל געווירקט דער עפעקט פון דערשיינונג,

וועלכע ער האָט געשטרעבט ארויסצוברענגען, ווי אויך די שפּיל פון קאָנטראַסטן. אין אַזעלכע פאַלן האָט דער קינסטלער דערגרייכט די העכסטע שפּיצן פון זיינע שעפערישע מעגלעכקייטן.

אין העגעד גליצענשטיינען איז געלעגן א גרויסער אוצר פון יידישער קולטור און, מעגלעך, אַז ווען די עוואָלוציע פון זיין טאַלאַנט וואָלט נישט פאָרגעקומען אונטער דער ווירקונג פון מינכען, רוים אָדער פּאַרישע מערבדיקע אינטעלעקטואַליסטן, דעמאלט וואָלט זיין שאַפונג געווען אן אייגנהייטלעכע און וואָלט באַרייכערט די יידישע קונסט מיט ווערק פון א גרויסער מאָס.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט גליצענשטיין פאַרבראַכט אין אמעריקע. הגם אין רוים האָט ער זיך געפילט ווי אין דער היים און האָט אַפילו באַקומען פונעם קעניג וויקטאָר עמאַנועל דעם פּראָפעסאָר-טיטל, איז אים דאָך אַזוי דערעסן געוואָרן מוסאָליניס דיקטאַטור, אַז ער האָט פאַרלאָזט מיט א שווער האַרץ איטאַליע. אין אמעריקע האָט ער זיך וואַרשיינלעך געפילט נישט איבעריק גוט. ער האָט שווער איבערגעלעבט די ענדערונג פון דעם קינסטלערישן קלימאַט.

דערווייל זענען אויף דער וועלט-אַרענע פאָרגעקומען אויפטרייסלענדיקע געשעענישן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגער-קריג אין שפּאַניע און זיין געליבטע איטאַליע צוזאַמען מיט היטלערן האָבן דערשטיקט די יונגע רעפּובליק. שפּעטער הייבן אָן אָנקומען די ידיעות וועגן דער גרויזאַמקייט פון היטלעריסטישן רעזשים לגבי די דייטשישע יידן, צום סוף ברעכט אויס די צווייטע וועלט-מלחמה. ווידער לעבן אויף אין גליצענשטיינען די דרימלענדיקע שעפערישע כוחות. ער פילט זיך טיף פאַרווונדעט אַלס מענטש און הויפּטזעכלעך אַלס ייד. זיין ווייטיק דריקט ער אויס אין שטאַרקע ווערק, וועלכע דריקן אויס דעם געוואַלדיקן צער פון אומשולדיקע מענטשן אינעם כאַאָס פון געוואַלד מצד ווילדע בעסטיעס. ער שאַפט א לעגענדאַרע יידישע געשטאַלט, וועלכע ער רופט אָן קרים-טום, וואָס האָט זיך געבראַכט פאַר א קרבן, כדי צו ראַטעווען די מענטשהייט. נאָך דעם זיג ביי סטאַלינגראַד שאַפט ער א ווערק: „אַ פרויען-געשטאַלט“, וואָס האַלט אין דער האַנט א ריזיקע, דראָענדיקע אויפגעהויבענע קלאָניצע. די דאָזיקע סקולפּטור האָט ער א נאָמען געגעבן „פּיאָניער“. ער האָט געוואָלט געבן אין איר די פאַרקערפּערונג פון א פּאַרטיזאַנטקע, וואָס קוקט פאָרשנדיק פאַר זיך, ווי אָפּוואַרטנדיק די ברוינע בעסטיע. די דאָזיקע סקולפּטור טרייסלט אויף ווי א סימבאָל פון ריזיקער

קראפט, ווייל זי איז אנטשטאַנען פון דער טיפקייט פון זיין בלוטנדיקער נשמה.

דעם 30־טן דעצעמבער 1942 איז גליצענשטיין אומגעקומען בעת אַן אומגליקס־פאַל ביים איבערגיין די גאס אין ניו־יאָרק. זיין לוויה איז פאָר־געקומען אין די ערשטע טעג פון נייעם יאָר. ער האָט זיך גישט דערוואַרט די ידיעה וועגן אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ, וועלכן ער האָט אזוי פאָרגעפילט, שאפנדיק זיין סקולפטור „דער פיאָניער".

## מאַרעק שוואַרץ

מארעק שוואַרץ איז געבוירן געוואָרן אין 1892 יאָר אין זגיעזש ביי לאָדזש אין א הויז פון באַלעבאַטישע, אויפגעקלערטע יידן. ער האָט שטודירט סקולפטור צוערשט אין פאַריז, אין דער א.ג. „עקאָל דע באָז אַר" ביי א. מערצי, דערנאָך אויף דער קראָקעווער אַקאַדעמיע, ביי פראָפ. קאָנסטאַנטין לאַשטשקאָ. די קראָקעווער קונסט־שול איז פאַר דער אנט־וויקלונג פון שוואַרצן ווייניק סימפּאַטאַטיש, דערפאַר וועלן מיר זיך אויף דער השפּעה פון יענער צייט נישט אָפּשטעלן.

מיט דעם דאָזיקן יידיש־פוילישן סקולפּטאָר איז פארבונדן א וויכ־טיקער פּעריאָד אין דער יידישער בארעליעף־קונסט, איר רענעסאַנס. די באַנייונג פון דער יידישער קונסט האָט זיך אָנגעהויבן אין די לעצטע יאָרן פונעם ערשטן וועלט־קריג אין לאָדזש דורך א גרופּע יידישע פּלאַסטי־קער און אויך אייניקע יונגע דיכטער, וועלכע האָט זיך אָנגערופן „יונג־יידיש". איינער פון די פילאָרן פון דער דאָזיקער גרופּע איז טאַקע געווען מארעק שוואַרץ. אריינטרעטנדיק אין דער גרופּע „יונג יידיש" האָט זיך מארעק שוואַרץ פארבונדן אין גרעסטן טייל מיט קינסטלער פון פראַלע־טארישער אָפּשטאַמונג. די באַזע, דער אינספּיראַציע־קוואַל פון דער דאָזיקער קינסטלערישער גרופּע איז דער עיקר געווען דער אָרעמער האַ־רעפּאַשניק, וואָס מוז שווער האָרעווען אויף א שטיקל ברויט.

די קינסטלער פון דער גרופּע „יונג יידיש" האָבן אָפּט באַזוכט די אָרעמע יידישע שטובן, די פארדומפּענע, פינצטערע קלויזן און זיך אָנגע־זאַפּט מיט דעם קלימאַט פון דער דאָזיקער סביבה. די יונגע קינסטלער־נאַטוראַן האָבן זיך דערנאָך באַמיט אויסצודריקן אין זייערע שאפונגען דאָס אומגעוויינלעכע אָבער דאָך אמתדיקע לעבן. די שוואַרצע ווענט פון

די בתּי־מדרשים האָבן זיך אין זייערע שאַפונגען פאַרוואַנדלט אין פאַרשידנאַרטיקע עקספּרעסיווע בילדער.

עס פלעגט טרעפן, אַז זיי האָבן אין זייערע שאַפונגען אויך אויסגענוצט עלעמענטן פון קריסטלעכע לעגענדעס.

אויך מאַרעק שוואַרץ איז אין יענע צייטן געווען פאַרכאַפּט פון דער אַטמאָספער פון בית־המדרש, קלויז, קעלער־שטובן און שמוציקע יידישע הויפן. אין יענער צייט טרעפט ער זיך מיט הענעך גליצענשטיין, וועלכן ער האָט באַוואונדערט אַלס פענאָמענאַלן יידישן סקולפּטאָר. אָבער ער האָט אַן אַנדערע ווי גליצענשטיין וויזיע פון משיחן און אַפילו פון בר־כּוכבאַן. ער שטרעבט אויפצופאַסן זיינע סקולפּטורן טיפער, שעפנדיק פון דעם פאָלקס־קוואַל. פונקט ווי די אַנדערע קינסטלער פון דער גרופּע „יונג־יידיש“, חלומט ער צו געבן עפּעס נייס, סיי אין היגזיכט פון דער פאָרם, סיי לויטן גייסט. ער וויל געבן אַ לעבעדיקע קונסט. קלאָר, אַז די דאָזיקע קונסט האָט זיך געדאַרפט שטיצן אויף דער אייגנאַרטיקער יידישער אָרנאַמענטיק, מיט איר גאַנצער עמבלעמאַטיק און סימבאָליק. אַ שעפעלע, אַן אָדלער, אַ שלאַנג, אַ הירש, אַ לייב, פאַלמען און טרויבן־געוויקסן — אַזעלכע זענען די כּסדר זיך איבערחזרנדיקע עלעמענטן פון זיינע דעמאָלטיקע שאַפונגען. די ערשטע באַרעליעפן פון מאַרעק שוואַרץ האָבן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. מען האָט געזען אין דעם דאָזיקן קינסטלער עפּעס אַן אייגנאַרטיקן און פענאָמענאַלן טאַלאַנט. זיינע פרוון פון זעלבשטענדיקער אינטערפּרעטירונג פון דער אַלט־יידישער סימבאָליק און פון באַגרינדן זיינע אויפפאַסונגען אין וואָרט און אין שריפט האָבן אים פאַרשאַפט גרויס סימפּאַטיע אין די קינסטלערישע קרייזן. אין דער לאָדזשער סביבה צווישן אַזעלכע קינסטלער און שרייבער, ווי אַרטור שיק, יאַנקל אַדלער, הענעך באַרטשינסקי, יצחק בראַונער, דינה מאַטוס, משה בראָדערזאָן זענען די חלומות פון מאַרעק שוואַרץ געווען די סאַמע רעאַלסטע. בראָדערזאָן האָט מיט ווערטער געמאָלט בילדער. יאַנקל אַדלער האָט מיט פייערדיקע פאַרבן אויסגעדריקט וויזיעס. מאָדעלן פון די דאָזיקע קינסטלער זענען געווען די מענטשן פון דער גרויסער פאַבריק־שטאָט, וועלכע האָבן אין זייערע שטובן נאָך אַלץ באַנוצט נאַפט־לאָמפּן און געטראָגן עמערס וואַסער אויפן 3־טן און 4־טן שטאָק.

איבערגעטראָגן אויפן לייוונט אָדער אויסגעהאַמערט אין בלעכן, האָבן די זעלבע רעאַלע מענטשן אויסגעזען ווי פאַרגליווערט אין שיינקייט פון אַ ווייטער וועלט. די סקולפּטורן פון מאַרעק שוואַרץ האָבן פאַר־

מאָגט אין זיך די קראַפט פון אינערלעכער פסיכישער שאַפונג. ער האָט, וואָס אַן אמת, געשילדערט די ווירקלעכקייט אין איר גאַנצן טראַגיזם. אָבער פון זיינע סקולפּטורן האָט עמאַנירט אַ סך ווײַטאלער כוח און איידלקייט, ווי ערגעץ אינעווייניק אין זיי וואָלט געשטעקט און געשפּראָצט עפּעס בײַם, געזונטס און זייער שיינס.

אין די 20-קער יאָרן איז מאַרעק שוואַרץ אַוועק קיין פּאַריז. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט זיך אַזוי אָנגעזאַפּט מיט די זאַפטן פון דער פּויליש-יידישער סביבה, מאַכט ער דורך אין זיין קונסט טיפע פּסיכישע פאַרוואַנדלונגען.

די אינהאַלטן פון מאַרעק שוואַרצס שאַפונגען ווערן וואָס מער פּראָ-בלעמאַטישער. פון איין זייט אָטעמען זיי מיט רירנדיקער נאַיוויטעט, פון דער אַנדערער ווידער טרעפט, אַז דער קינסטלער פאַלט אַריין אין עקזאַל-טאַציע, און זיי נעמען דעמלט אָן כמעט אַן איראַציאָנאַלן כאַראַקטער. שוואַרץ שטרעבט צו שאַפן אין איינקלאַנג מיט דער צייט רעאַליסטישע בילדער פול מיט אָביעקטיוון אמת, אָבער גלייכצייטיק פאַלט ער אַריין וואָס אַמאָל שטאַרקער אין וויזיאָנערישקייט און אין קריסטלעכן מיסטי-ציזם. זיין ביז איצט פאָלקסטימלעכע יידישע טעמאַטיק פאַרבייט ער אויף אַ קריסטלעך-סאַקראַלער. דאָס איז אַ זעלטענע דערשיינונג, אַז אַ קינסטלער, וואָס איז אַרויס פון אַ סביבה, וואָס איז דורך און דורך אַ יידישע, וואָס האָט געשטרעבט דעם חסידיזם צו אוניווערסאַליזירן, זאָל זיך פאַרפּלאָנטערן אין אַ לאַבירינט פון פרעמדן סימבאָליזם. דאָס האָט זיך נעגאַטיוו אָפּגעשפּיגלט אויף זיין קונסט. אפילו אין אַרבעטן פון די פאָלקס-קינסטלער, וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט כמעט אינגאַנצן אין דער איקאָנאָלאָגיע, קאָן מען געפינען עלעמענטן פון זייערע פערזענלעכע עמאָציעס. פון דאַנען שטאַמט זייער איבערצייגונגס-קראַפט און זייער ווירקונג אויף דעם צושויער. אין שוואַרצ׳ס אַרבעטן אויף מיסטישע טע-מעס פילט זיך גיכער רעציטאַטיוויקייט איידער לײַדנשאַפט. דאַנק זיין גייסטיקער וויטאַליטעט, איז מאַרעק שוואַרץ פעיק געווען זיך אַריינצו-פילן אין דער עקזאַטיק פון דער נעגער-קונסט, (וועלכע האָט אויף אים געהאַט אַ גרויסן איינפלוס), אָבער מען מוז ספקן, צי ער האָט באַוויזן געענטער צו מאַכן דעם צושויער די לעגענדאַרע לוציפער-געשטאַלט פון פאַר 2000 יאָר.

שוואַרצס געוויסע אַרבעטן זענען אַזוי ווי אַ פרווו אַרויסצובאַקומען פון אַ פאַרטריקנטן ברונעם אַ דערפרישנדיקן געטראַנק. זיינע מאָטיוון

אויף טעאָלאָגישער טעמאַטיק וועלן בלייבן אויסשליסלעך זשאַנגר־סקולפּטורן.

א גוויסע צייט האָט מ. שוואַרץ געוווינט אין אָדעס און דאָרט האָט ער זיך געפונען אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון די יידישע שרייבער מענדעלע מוכר ספרים, נחמן ביאַליק, אחד־העם. דעמלט האָט זיך שוואַרץ פולקאָם צוגעפּאַסט צום גייסטיקן קלימאַט פון די שפּעטערישע אָדעסער קרייזן. ער האָט צו יענער צייט געפּרוּווט שאַפן טיפּן פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. ער האָט אויך געשאַפן דעם פּאָרטרעט פון מענדעלען.

נאָך זיין אומקערן זיך צוריק קיין פּאַריז, האָט שוואַרץ א גוויסע צייט געשאַפן אין אָדעסער און לאָדזשער גייסט. דאָך אין קעגנזאַץ צו מאַרק שאַגאַלן, וועמען פּאַריז איז נישט געווען בכוח אַראָפּצופירן פון זיין אייגנטימלעכן שפּעטערישן וועג, הייבט שוואַרץ אָן פּאַמעלעך זיך צו וואַקלען צווישן די גייסטע ריכטונגען און דעם וועג, אויף וועלכן ער איז ביז איצט געגאַנגען. מיט דער צייט ווערט דער אָפּגרונט צווישן די ביידע וועלטן אַלץ גרעסער און טיפער. פון איין זייט שאַפט ער פריידיקע פרויען־אַקטן, ווי זיי וואָלטן ארויסגעשפּראָצט פון דער פיגצטערניש אין דער ליכטיקייט און ווי יעדער עכטער סקולפּטאָר, אנטציקט ער זיך מיטן געשטאַלטיקן די שיינקייט פון קערפּער, מיטן ארויסקריגן זיין בישוף דורך דער ריטמיק פון פאָרם. פון דער צווייטער זייט, הייבט ער אָן צו פאַרקערפּערן זיינע טרוימען אין מיסטעריעס.

די פראַנצויזישע סקולפּטור, אַזוי ווי די מאָלעריי, האָט אדורכגעמאַכט א גרויסע עוואָלוציע. צו יענער צייט האָט געשאַפן איינער פון די גרעסטע פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער סקולפּטור זינט דעם רענעסאַנס — אויגוסט ראָדען (1840—1917).

מ. שוואַרץ הייבט אָן דורכצופירן אן אנאַליז צווישן זיין ביז איצטיקער קונסט, וועלכע האָט זיך איבערהויפּט געשטיצט אויף יידישע מאָטיוון, און דער קלאַסישער, פראַנצויזישער קונסט. די ביבלישע מאָטיוון, וועלכע עס האָבן געשאַפן מיקעל אַנדזשעלאָ אָדער קלאַוס סלוטער (געשט. 1406) — טיף רירנדיקע און אימפּאָנירנדיקע — האָבן שטאַרק באַווירקט דעם יונגן קינסטלער, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון חסידיזם. און שוואַרץ הייבט טאַקע אָן אין פּאַריז צו פאָרמירן אין קלאַסישן גייסט זיינע ביבלישע מאָטיוון, וועלכע פאַרלירן דורך דעם זייער נאַטירלעכע שיינקייט. אומבאַוווסטזיניק פאַר זיך פאַלט

שוואַרץ אַריין אין אַ מין עפּיגאָנישקייט פון קלאַסיציזם. זיינע אַרבעטן ווערן אַבסטראַקט און אַפילו אינגאַנצן איראַציאָנעל. זיין סקולפּטור „איוב“ (געשאַפן אין זיינע לעצטע יאָרן) איז לויט דער פאָרם אָריגינעל, ווייל דער קינסטלער, וועלנדיק אַרויסבאַקומען אַ וואָס גרעסערע עקספּרעסיע, דעפאָרמירט די געשטאַלט. גלייכצייטיק אָבער שאָקירט האָט ווערק מיט זיין צו גרויסער פאַראיינפאַכונג פון דעם פּראָבלעם. דאָס איז אַ געשטאַלט אין אַ ליגנדיקער פּאָזע, אַ ביינערדיקע און אויסגעקרימטע. זי גיט איבער די דערשיטערונגען, וועלכע האָבן אויפגעטרייסלט דעם ביבלישן איוב. די אומגליקן, וואָס האָבן זיך אויף אים געשאָטן, האָבן זיין קערפּער אויסגעקרימט און נאָר זיין פּנים איז געבליבן מענטשלעך. דעסגלייכן שוואַרצס מאַסקע פון משהן אין אַן איבערנאַטירלעכער גרייס, וועלכע איז זייער פּאָעטיש, סובטעל, עלעגיש און אויך ריטמיש און עפעקטפול פאָרמולירט, האָט באַקומט זיך אין רעזולטאַט אַ טיפּ פון אַ זקן, און ניט אַזאַ משה, וועלכער האָט זיך איינגעקריצט אין דער פאָרשטעלונג פון פאָלק. נאָך מערקווירדיקער האָט זיך ביי שוואַרצן באַקומען די סטיליזאַציע פון דער „מאַדאָנע מיטן קינד“. די דאָזיקע סקולפּטור הייסט ביי אים „דוד'ס כסא המלכות“. די מאַדאָנע איז פון איבערנאַטירלעכער גרייס, אַ פוללייביקע און גשמיותדיקע און האַלט אין איר שויס אַ קינד, פּונקט אַזאַ לייביקס ווי די מוטער. אין דער דאָזיקער סקולפּטור האָט דער קינסטלער געוואָלט סימבאָליזירן די שיינקייט פון נייעם טעסטאַמענט, אָבער אין רעזולטאַט האָט זיך באַקומען דער היפּוך — די געשטאַלטן זענען כמעט אַנימאַליש. אויך דער פּאָרטרעט פון גייסטלעכן אין דער פאָרם פון אַ ביוסט, גיט איבער ביגאָטיש און ווי נאַיוו די דאָזיקע געשטאַלט. אָבער אין עפעקט באַקומט זיך גיכער אַ דיאָניזישע פיגור.

שוואַרץ באַמיט זיך צו דערגרייכן סקולפּטאָרישע קאָנקרעטקייט, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך צו פאַראייגענען פאַרשידענע פילאָזאָפישע געדאַנקען. פונדאַנען דער שפּרונג פון אַ בעל שם, איבער דער נעגערישער קונסט צו דער סאַקראַל־קירכלעכער. דערביי פירט אים זיין סקולפּטאָרישער אינסטינקט צום קלאַסישן מוסטער. אָבער אין שוואַרצס שעפערישער אינגעוועניץ און אין דעם אופן פון זיין אינטערפּרעטאַציע איז פאַראַן עפּעס איבערראַשנדיקעס. למשל זיין סקולפּטור, וואָס ווייזט דעם נביא אליהו. אין איר מאָדעלירונג איז די סקולפּטור קוביש. דער פּראָפיל פון דעם נביא דערמאָנט גיכער אַ געשטאַלט פון אַ פּוילישן שליאַכטשיץ מיט

וואָנצעס, א מענטש א שוועד=באוועגלעכן, פארהאגהטן און דערשלאָגע=
נעם. צווישן זיינע קני שטייט א שעפעלע, וואָס זיין אויסדרוק איז מער
רירנדיק און איינדרוקספול, איידער ווי די מענטשלעכע פיגור. דורן ווי=
דער שטעלט דער קינסטלער פאָר אין א הארער, זיצנדיקער געשטאלט,
מיט אַן אויסגעצויגענעם האלדז און קליינטשיקן גוף מיט א הארפע אויף
די קני. די סטיליזאציע פון דער האָזיקער געשטאַלט איז איינגאנצן אן אנ=
דערע, ווי די, וועלכע ווערט געוויינלעך אין דער קונסט פאָרגעשטעלט.
אָבער נישט תמיד קאָמפּאָנירט שווארץ זיינע סקולפּטורן אויף אזא רעט=
זעלהאפטן אופן. ער שאַפט אויך סקולפטורן אויף הייגטצייטיקער טעמא=
טיק. אזוי צ.ב. האָט מארעק שווארץ אויך געשאפן קאָמפּאָזיציעס אויף
דער טעמע פון מארטיראָלאָגיע פון די יידן בעת דער היטלעריסטישער
אָקופּאציע. אין זיין ווערק אונטערן נאָמען „די שטים פון פארלאָזטן“
ווייזט ער די מאָקאַברע פון דערנידעריקונגען און פארפאָלגונגען פון
א יידישן מענטש אין יענער צייט. אויף א מאָדנעם אופן האָט דער
קינסטלער דעפאָרמירט די דאָזיקע געשטאלט. אן אויסגעצויגענער גוף
מיט אַ דאַר פּנים און לאנגער באָרד, וואָס דריקן אויס איבערמענטשלע=
כע ליידן. דער קאָפּ פון דעם זקן איז אויסגעדרייט כמעט אויף די פליי=
צעס, די פיס אָבער באוועגן זיך, ווי צום אנטלויפן. דער קינסטלער רע=
דוצירט די געשטאלט צום קאָפּ און צו די פיס, מאכנדיק פון איר עפּעס
א שוידערהאַפטיקן מאָנסטרום, א קאָשמאַרן שאָטן, וואָס אנטלויפט —
און קען דאָך נישט אנטלויפן. מ. שווארץ האָט אויך געשאפן א סקולפּ=
טור אונטער דעם טיטל „אָשוויענטשים“. די סקולפּטור אין פאָרם פון
א ביוסט סימבאָליזירט די מארטיראָלאָגיע פון די פארשפאַרטע אין דעם
טויטן=לאַגער אָשוויענטשים. נישט געקוקט אויף דער שטארקער עקספּרע=
סיע פון דער פיגור, גיט זי דאָך נישט קיין פולן בילד פון די גרוילקייטן
אין דעם לאַגער, ווי מיר זעען דאָס צ.ב. אין די שאפונגען אויף דער זעל=
בער טעמע פון פוילישן סקולפּטאָר קסאווערי דוניקאָווסקי.

מ. שווארץ פרווט מיט דער הילף פון סטיליזאציע צו געבן א סינ=
טעטישע פאָרם זיינע קאָמפּאָזיציעס. אייניקע זיינע סקולפּטורן זענען ווי
באווירקט פון די קולטור=שטרעמונגען ביי פארשידענע פעלקער. דער
שטאַם בלייבט אָבער דאָך שטענדיק א יידישער.

א זעלטענעם אויסדרוק האָט שווארצס „מנורה“. זי איז אויסמאָדע=
לירט אין גייסט פון יידישן מיטלאַלטער מיט אלע אירע רעליגיעזע מיס=
טיפיקאַציעס און ריטועלער שטרענגקייט. מען קאָן אין דער „מנורה“

געפינען אויך עלעמענטן פון דער קריסטלעך־רעליגיעזער קונסט. יעדער באזונדערער לייכטער איז אזוי אויסמאָדעליזירט, ווי ער וואָלט געווען א לעבעדיק באשעפעניש. אין יעדן פון די 7 אָרעמס דריקט דער קינסט־לער אוים עפּעס א באזונדערע וועזנטלעכקייט. די דאָזיקע „מנורה" איז אַן אויסערגעוויינלעכע קאָמפּאָזיציע, עס עמאנירט פון איר א מין מאָלע־רישע מוזיקאַלישקייט.

שוואַרץ איז געווען א ראסאָווער סקולפּטאָר. ווי ער זאָל זיך נישט האָבן פארלוירן אין זיינע פילאָזאָפיש־אבסטראקטע געדאנקען, האָט אין אים דאָך שטענדיק געהאַט די איבערוואָג דער אינסטינקט פון סקולפּטאָר. אזעלכע זענען זיינע קלאַסישע פרויען־אַקטן, רעאלע פיגורן אָן שום פּאַ־טאָס. די דאָזיקע אַרבעטן זיינע שטייען אויף א הויכן ניוואָ. האָרט אָבער, ווו מ. שוואַרץ וויל זיך אָפּטרייסלען פון הייגטצייטיקייט, אָפּטרעטנדיק נישט בלויז פון ריטמיק, נאָר אויך פון דער מאָדערנער עסטעטיק, קו־מען ביי אים ארוים אירראַלע דעפאָרמאציעס.

מארעק שוואַרץ איז געשטאָרבן אין פּאריז דעם 28 דעצעמבער 1958.

## חיים האַנפט

די כאראקטעריסטישע שטריכן פון חיים האנפט זענען געווען: גע־וואלדיקע אימפּולסיווקייט, אומרו און לייַדנשאַפט. דערביי איז ער גע־ווען נישט דרייסט. בעתן שמועסן פלעגט ער געוויינלעך אריבערשפּרינגען פון איין געדאנק צום צווייטן. דאָס זעלבע האָט זיך אויך געלאָזט מערקן אין דעם סטיל פון זיין ארבעט. ער פלעגט אָפּט ווארפן איין ארבעט, אין וועלכער ער האָט שוין געהאט אריינגעלייגט א שלל מיט מי, און נעמען זיך צו א צווייטער. ביי אים אין אטעליע פלעגט זיך אָנזאמלען א גרויסע צאָל סטודיעס, איבער וועלכע ער האָט איינצייטיק געאַרבעט. א סך סקולפּטורן זענען פארדעקט געווען מיט שמאַטעס און דאָס האָט געשאפן דעם איינדרוק, אז דער קינסטלער האָט זיך פארמאָסטן אויפ־צוטאָן מער פון זיינע ווירקלעכע מעגלעכקייטן.

בעתן אנטוויקלען זיינע געדאנקען פאר עמעצן, פלעגט ער אריינפאלן אין גרוים התפעלות און רעדן מיט פּאַטאָס. ער פלעגט געוויינלעך רעדן וועגן געזעלשאַפטלעכע און אַנגעווייטיקטע פראגן פון דעם טאָג־טעגלעכן

לעבן און יעדע אומגערעכטיקייט האָט גורם געווען זיין אויפרייצונג און נערוועזקייט.

חיים האַנפט איז געווען א קליינוואוקסיקער און מאָגערער. זיין נערוועז באוועגלעך געזיכט האָט געהאַט דעם קאָליר פון קופּער. בעת עס פלעגט אים באהערשן א שעפערישע אידעע, פלעגן זיינע באוועגונגען ווערן אויסערגעוויינלעך אויסדריקלעך. אין דעם דאָזיקן טראַנס פלעגט ער אויסזען ווי א פאַנאַטיקער און פאַנטאַסט. יעדע קאָנצעפּציע האָט ער אין זיין וויזיע באטראַכט אלס שוין פארענדיקט ווערק. דעריבער פלעגט אָפט צווישן אים און זיינע נאָענטע אנטשטיין מיספארשטייענישן. ער האָט זיי פאָרגעוואָרפן, אז זיי ווילן זיך נישט געבן די מי צו פארשטיין זיין קאָנצעפּציע.

די קינסטלערישע וויזיע האָט חיים האַנפט צומבעסטן אויסגעדריקט אין פלאַסטישע בילדער געשניצטע אין קופּער=בלעך. מיט דער דאָזיקער קונסט=צווייג האָבן זיך יידן פארנומען יאָרהונדערטער לאַנג, נאָך פאר דער סיריש=בבלישער עפּאָכע. נאָך א לענגערן פעריאָד, אין משך פון וועלכן די דאָזיקע קונסט=צווייג איז פארגעסן געווען, האָט זי נאָך דער ערשטער וועלט=מלחמה ווידער אויפגעלעבט צווישן די פּוילישע יידן, אָבער שוין אין א וועלטלעכער אינטערפּרעטאַציע. די צומערסטן באַווסטע פאָרשטייער פון דער דאָזיקער פלאסטישער קונסט זענען געווען: מארעק שוואַרץ, הענעך גליצענשטיין, וועלכע האָבן דירעקט געווירקט אויף חיים האנפט, און אברהם אָסטשעגאַ און אין שפּעטערדיקן פעריאָד אויך יוסף שליווניאַק, יאָהאַכים קאהאַנע, אריה מערזער, חיים שפּיגל, הענריק כאימאָוויטש, לאַסקער און אנדערע.

שוין אלס יונגער בחור איז חיים האנפט פול געווען מיט איינפאַלן אויף דעם געביט. דאָס האָט אימפּאָנירט אפילו אזא קינסטלער ווי הענעך גליצענשטיין. בעת דער ערשטער וועלט=מלחמה האָט גליצענשטיין געוווינט אין וואַרשע און האָט דערנעענטערט צו זיך דעם לעבהאַפטן און טמיכישן חיים, דערלויבט אים צו „באַלעבאַטעווען" ביי זיך אין אַטעליע.

חיים האנפט איז געבוירן געוואָרן אין 1903 יאָר אין יעדלינסק, א קליין שטעטל אין ראַדאָמער וואָיעוואָדשאַפט. לויט די אָנגאַבן פון זיין ברודער, איז חיים געבוירן געוואָרן אין 1901 יאָר. דער טאַטע האָט געהייסן גבריאל, די מאַמע — שרה — א רבנישע טאָכטער. חיים האָט געלערנט אין חדר. היות ער האָט דאָרט געלערנט נישט מיט קיין איבעריקן חשק, פלעגט אָפט קומען צו צוזאַמענשטויסן צווישן אים און זיין

פאָטער, וועלכער איז געווען א פרומער חסיד. ווען חיים איז נאָך געווען א יונג בחורל, איז די משפחה האנפט — וועלכע איז באשטאנען פון די עלטערן און זיבן קינדער — אריבערגעפאָרן קיין ווארשע. אין ווארשע האָבן די עלטערן געקויפט א קליינע האנט-דרוקעריי, אויף וועלכער דער פאָטער פלעגט אויספירן פארשידענע האנדלס-דרוקן. דעם פאָטער איז זייער שווער געווען אויסצוהאלטן אזא גרויסע משפחה, דעריבער זענען די עלטערע קינדער, און צווישן זיי אויך חיים, זייער פרי געצוווּנגען געווען פארדינען זעלבשטענדיק. חיים האָט געהאט שעפערישע פעיקייטן, פלעגט ער מאַכן פארשידענע באַפּוצונגען ווי בראָשקעס, ספּינקעס, קלאַמערעס, פאַסקעס אד״גל. די משפחה האַנפט פלעגט אָפט נישט האָבן מיט וואָס צו באצאָלן דירה-געלט און דעריבער אָפט עקסמיטירט ווערן, אָפט טוישן די דירות. א לענגערע צייט האָט די משפחה געוווינט אויף קראָכמאַלנע-גאַס, ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט די גרעסטע אָרעמקייט פון ווארשע, ווו עס איז פול געווען מיט גנבים, אַלפאָנסן און פּראָסטיטוטקעס. אין אָט דער דאָזיקער אַטמאָספער האָט חיים געלעבט, צוגעזען גרויסע עוולות און זיין נשמה איז שטארק עמפינדלעך געוואָרן אויף מענטשלעכע ליידן, אויף אומגערעכטיקייט און אויף די נויטן פון די ארומיקע.

דער דעביוט פון דעם יונגן חיים איז זיך גראָד צונויפגעפאלן מיטן ביילים-פּראָצעס פון דעם 1913 יאָר. דער דאָזיקער פּראָצעס, וועלכער האָט אויפגעטרייסלט די הומאַניטארע וועלט, האָט אויך אויפגערודערט דאָס יידישע ווארשע. חיים האנפט האָט פונעם זכרון אויסגעפירט צייכענונגען פון די הויפט-געשטאלטן פון דעם דאָזיקן שוידערלעכן פּראָצעס און פלעגט זיי אוועקטראָגן אין די רעדאקציעס פון יידישע צייטונגען, אין וועלכע זיי זענען רעפּראָדוצירט געוואָרן.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט-מלחמה, האָט מען חיימס פאָטער מאָביליזירט אין מיליטער און די משפחה האָט געמוזט זיך זעלבסטשטענדיק מפרנס זיין. שוין דעמלט האָט דער דרייצניאָריקער חיים געמאכט קליינע אויסגעשניצטע קונסטשטאַנדן און אויך צייכענונגען, וועלכע ער פלעגט פארקויפן אין די הייזער. ער פלעגט ארייַנקומען אין דירות פון גבירים, געשטאנען טיילמאָל לאנג אונטער דער טיר, ביז ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט אָנצוקלינגען. אָפט פלעגט ער אוועקגיין מיט ליידיקן. בעת די דאָזיקע וואנדערונגען האָט ער אויף דער ווילענסקע גאַס געטראָפן איטאַקסאָנען, אין אָנשטענדיקן מענטש, וועמען די

ארבעטן פונעם ייִנגל זענען געפעלן געוואָרן. ער פלעגט חיימען פארבעטן צו זיך, מכבד זיין און פון צייט צו צייט אויך א פּאָר רובל געבן.

חיים האנפט איז נאָך אלץ געווען אן אויטאָדידאקט. ער האָט אָבער געשטרעבט צו שטודירן. ווי מיר האָבן דערמאָנט, האָט דער סקולפטאָר גליצענשטיין צוגענומען חיימען צו זיך אין אטעליע, ער איז אָבער נישט אימשטאנד געווען מיט אים צו פארנעמען זיך. די אפּוטרופּות מצד גליצענשטיינען האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ער פלעגט באטראכטן חיימס ארבעטן און הבריש שמועסן מיט אים וועגן זיי. אדאנק דער אונטערשטיצונג פון גליצענשטיין איז האנפט לסוף אָנגענומען געוואָרן אין דער ווארשעווער קונסט-שול. ער האָט זיך געלערנט ביי עדווארד טראָיאנאָווסקי און האָט אויך באזוכט די לעקציעס פון ניעוויאדאָמסקי. אין יענעם פּעריאָד האָט ער זיך געטראָפן מיט עטלעכע עטוואָס עלטערע ייִדישע קינסטלער: מיט הענריק בערלעווי, יוסף זיידענבוימל און בער קראטקא. ער פלעגט זייער גערן אריינקומען אין זייערע אטעליעס און אויך באזוכן קונסט-אויסשטעלונגען. בעתן באטראכטן בילדער, האָט האנפט זיך פארהאלטן עקסצענטריש. ער פלעגט אויף א קול אויסדריקן זיין אָפּשאצונג. אין פאל, ווען זיי פלעגן אים געפעלן, פלעגט ער געוויינלעך צורופן די ארומיקע באזוכער און הויך אויסדריקן זיין אנטציקונג.

ווען די מלחמה האָט זיך פארענדיקט, איז גליצענשטיין פון ווארשע ארויסגעפאָרן. האנפט האָט אזוי ארום פארלוירן זיין בעסטן פריינד און אפּוטרופּוס. פארן אוועקפאָרן האָט גליצענשטיין איבערגעלאָזט חיימען א רעקאָמענדאציע-בריוו, וועלכער האָט דעם יונגן קינסטלער געדארפט העלפן אָנגענומען צו ווערן אין אן אויסלענדישער קונסט-שול. אין עטלעכע חדשים ארום האָט האנפט צוזאמען מיט דעם יונגן מאָלער ב. זאקהיים געלאָזט זיך אין דער וועלט אריין אָן א גראָשן געלט. ביידע בחורים האָבן געוואנדערט פון שטאָט צו שטאָט, געפאָרן מיט דער באן, געגאנגען צו פוס, ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין אדעניע אין מערב-דייטשלאנד. אין דעם לוקסוס-קוראָרט באדען-באדען איז האנפט ארעסטירט געוואָרן פאר וואגאבונדאזש, זאקהיימען איז געלונגען אויסצומיידן דעם ארעסט. נאָך דער באפרייונג לאָזט זיך האנפט קיין בערלין. דאָ טרעט ער אריין אין די רייען פון דעם דייטשישן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאריאט, וועלכער האָט זיך גרופּירט אין „ספּארטאקוס“. נאָך דעם צוזאמענברוך פון דער דייטשישער רעוואָלוציע, קערט זיך חיים אום קיין פּוילן. אויף דער גרענעץ ווערט ער ארעסטירט דורך דער פּוילישער פּאָ-

ליצײ. אַראַנק דער אינטערווענץ פון זײַן געוועזענעם לערער טראָיאַנאָווסקי, ווערט ער באפרײַט און הייבט זיך אָן ווידער צו לערנען בײַם פּראָפעסאָר טראָיאַנאָווסקי. דאָס דויערט אָבער נישט לאַנג. אין 1920 יאָר ברעכט אויס די פּויליש-סאָוויעטישע מלחמה. האַנפט ווערט מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי און פאַלט אַריין אין געפאַנגענשאַפט. אין געפאַנגענשאַפט ווערט ער אַלס קינסטלער אַרומגערינגלט מיט אַ באַזונדערער זאָרג מצד דער סאָוויעטישער מאַכט, עס ווערט אים אפילו דערלויבט צו שטודירן אין מאָסקווע. די פּרוי פון לונאַטשאַרסקי פאַראינטערעסירט זיך מיט האַנפטן. ער ווערט געשיקט קיין טאַשקענט אַלס לערער אין אַ שול פאַר קינסטלערישער מלאָכה. נאָך דער מלחמה קערט זיך אום האַנפט אַהיים. ער קומט קיין וואַרשע, ווו עס פאַראינטערעסירט זיך מיט אים דער סקולפּטאָר הענריק קונאַ. די שאַפונגען פון הײַם האַנפט און זײַנע טעמאַטישע פאַראינטערעסירונגען האָבן זיך קאַרדינאַל אונטערשיידן פון די פאַראינטערעסירונגען פון זײַן נײַעם פּראָטעקטאָר קונאַ, וועלכער האָט זיך אויסערלעך פולשטענדיק אָפּגעווענדט פון אַלץ, וואָס יידיש און אַרײַנגעפאַלן אין אַ צווייטער עקסטרעמקייט — געוואָרן אַ פאַנאַטישער באַזינגער פון דער גריכישער פאָרם. האַנפט האָט זיך צו זײַן נײַעם פרײַנד באַצויגן מיט אַ געמישט געפיל: פון איין זייט האָט ער אים פאַרערט אַלס גרויסן סקולפּטאָר, פון דער צווייטער זייט ווידער, האָט ער אים געהאַלטן פאַר אַ רענעגאַט, פאַר אַ משומד. האַנפט דאַקעגן איז פולשטענדיק פאַרבונדן געווען מיטן יידישן פאָלקלאָר. „ווי קאָן געשען, פלעגט האַנפט שרײַען, אַז אַ מענטש, וואָס האָט שיר קיין סמיכות אויף רבנות נישט באַקומען, זאָל זיך שמדן און אָפּזאָגן זיך פון דעם פאָלק, פון וועלכן ער שטאַמט. איך וואָלט עס אפשר פאַרשטאַנען, ווען ער זאָל מיט זײַן טאַלאַנט איבערשטײַגן ווײַט סטוואָש אָדער מיקעלאַנדזשעלאָ, ווען מען וואָלט אים, ווי יענעם זשעני פון דעם רענעסאַנס אָנגעטרויט אויסצובויען און צו דעקאָרירן דעם טעמפּל פון הייליקן פּיאָטר אין וואַטיקאַן". אַזוי האָט האַנפט בײַסיק איראָניזירט איבער קונאַ.

האַנפט האָט געטרוימט צו שאַפן אַזעלכע יידישע טיפּן, וועלכע זאָלן זײַן אַזוי אייגנאַרטיק און עכט, אַז בעתן באַטראַכטן זיי זאָלן אין די אויערן פונעם צושויער קלינגען מעלאָדיעס פון דעם יידישן פאָלקס-ליד. ער האָט זיך געפלייסט דורכצודריגגען זײַנע שאַפונגען מיט יידישער ריטמיק. יעדע באַזונדערע סקולפּטור זײַנע האָט געאָטעמט מיט דעם

ספעציפישן גייסט פון דעם פארדאגהטן, דערדריקטן פאראָרעמטן פוילישן יידן. האנפט האָט אין זיינע ארבעטן פארקערפערט די געשטאַלטן פון שלום=עליכמס, פרצעס און מענדעלעס ווערק. טיילמאָל פלעגט ער פאראייניקן די דאָזיקע טיפן מיט דער וויזיע פון ביבלישע געשטאלטן און פאָרמירן נייע שאפונגען, אָנגעבנדיק זיי א ספעציפיש=יידישן פאָלקלאָריסטישן אויסקלאַנג.

אלס מוסטער פאר די ערשטע פלאַסטישע ארבעטן אויף בלעך האָט פאר האנפטן געדינט נישט גליצענשטיין, נאָר גראָד די שאפונגען פון מארעק שווארץ. שווארץ האָט גענומען אין אכט די עקזאָטיק פון ביבלישן קלימאט און האָט אין זיינע בארעליעפן אויף בלעך געשאפן אַן אייגנארטיקע פאָרם, וועלכע איז טיילמאָל פארבונדן געווען מיט דער יידישער מצבה=אָרנאמענטיק. דעריבער זענען אייניקע סקולפטורן, וועלכע זענען געשאפן געוואָרן אין א געוויסן פעריאָד דורך דעם דאָזיקן פלאַסטיקער, געווען עקספרעסיווע מיט אַ כמעט מיסטישער באַפאַרבונג, און זענען געווען א גלענצנדיקע אַדאַפּטאציע פון דעם חסידיזם אין דער יידישער קונסט. אויך האנפט האָט אָנגעהויבן צו מאָדעלירן ביבלישע געשטאַלטן ענלעכע צו שווארצס שאפונגען. די דאָזיקע געשטאלטן האָט ער גענומען פון דער ארומיקער סביבה, ווייל צווישן די יידישע פאָלקסמענטשן פון די קליינע שטעטלעך און אויך פון גרויסע שטעט, ווי לאָדזש און ווארשע, האָט מען זיך מיט די דאָזיקע טיפן אָפט געקאָנט באגעגענען.

פון אונטער דער דלאָטע פון האנפטן האָבן זיך באקומען געשטאלטן, וועלכע האָבן געאָטעמט מיט עכטקייט און אייגנציימיק מיט גרוים פאַטאָס. שאפנדיק אויף ביבלישע טעמעס, האָט האנפט דרייסט פראָיעקטירט עקזאָטישע אָרנאמענטיק פון פארשידענע פאָרמען. ער האָט געשאפן א ציקל פון בארעליעפן אויף ביבלישע טעמעס מיט א פאָעטישראָמאנטישן אויסקלאַנג. ער האָט זיך אָבער נישט באגרענעצט בלויז מיט דער דאָזיקער טעמאַטיק.

כדי צו באנעמען דעם שעפערישן דיאפאַזאָן פון חיים האנפט איז צומבעסטן זיך אָפצושטעלן אויף יענע ארבעטן, וועלכע ער האָט אויסגעפירט פאר דער מלחמה אויף באשטעלונגען. דאָס זענען מערסטנס געווען רעליעפן אויף קופער=בלעך, וועלכע האָבן געדארפט דינען אלס דעקאָראציע פון וווינונגען. דאָס זענען ספעציפישע שאפונגען — געשטאנצ=

טע בלעכן מיט א פיליגראן=אָרנאמענטיק, וועלכע האָט געדינט אלס ראם צו פיגורן פון מענטשן אָדער חיות. אייניקע פון די דאָזיקע בלעכן זענען געמאכט לויטן מוסטער פון פאפיר=אויסשניטן אויף אַן אזשורן פאָן. עטלעכע פון זיי האָט ער אויסגעפירט לויט א בעשטעלונג פון דעם ווארשעווער אַדוואָקאַט פרידע, אנדערע פאר דעם פאלאץ פון די ראדזיווילס און טשאַרטאָריסקיס, א טייל אויך פארן ריכטער סטאווסקי. די דאָזיקע אַרבעטן האָבן געדינט אלס פאָרהאַנגען איבער די קאַלאָריפערן. איינע פון די בלעכן, וועלכע איז געמאכט געוואָרן פאר פרידן, שטעלט פאָר אַ בליענדיקן גאָרטן, באַגאָסן מיט זילבערנער שיין. די ביימער זענען פול מיט קליינע אמורן, אייניקע פון זיי רייסן פרוכטן, אנדערע שפילן זיך, וויגן זיך אויף די צווייגן. אויף אַן אנדער בלעך האָט ער פאָרגעשטעלט קינדער=פיגורן און יונגע מיידלעך, וועלכע טראָגן פולע קוישן מיט פרוכט. צווישן די ביימער איז פאראן א הינטל, וואָס בילט אויף א קינד, וואָס עסט פרוכט. פאר פרידן האָט האנפט אויך געשאפן צוויי בלעכן, וועלכע שטעלן פאָר די פיר צייטן פון יאָר. אויף איינער פון זיי שטעלט דער קינסטלער פאָר דעם טויטן ווינטער=פייזאזש, אלס קאָנטראסט צום פרילינג=בילד, ווען די נאַטור וועקט זיך צום לעבן. די צווייטע בלעך שטעלט פאָר דעם רייפנדיקן זומער און דעם שפעטן האַרבסט. אין די דאָזיקע אַרבעטן האָט דער קינסטלער זייער געלונגען אונטערגעשטראָכן דעם כאראקטער פון באזונדערע צייטן פון יאָר. אנדערש זענען אויס די בלעכן, וועלכע זענען געשאפן געוואָרן פאר דעם פאַלאַץ פון די טשאַרטאָריסקיס. עס פילט זיך דאָ ארויס, אז דער קינסטלער איז געצווימט געווען אין זיינע שעפערישע השגות. ער האָט געשאפן א קאָמפּאָזיציע לויט אלע כללים פון קלאסישער סקולפטור, זי האָט אָבער פארלוירן די כאראקטעריסטישע שטריכן פון דעם שעפער גופא. פרייער האָט ער זיך געפילט, בעת ער האָט געשאפן די פלאסטישע בילדער פארן פאַלאַץ פון ראדזיוויל. אויף די דאָזיקע בלעכן האָט ער אויסגעקריצט עקזאָטישע בעלי=חיים ענלעכע צו וועלף מיט וועלפלעך. ער האָט זיי געשטעלט אין אזא פּאָזיציע, אז עס שאפט זיך דער איינדרוק, ווי זיי וואָלטן זיך געווארעמט ביי די קאַלאָריפערן. פאר אַן אומבאוווסטן באשטעלער האָט האנפט געשאפן א דעקאָראטיווע בלעך, וועלכע שטעלט פאָר א שטארק צעצווייגטן בוים. די דאָזיקע ארבעט פארמאָגט נישט קיין קינסטלערישן ווערט.

האנפט איז נישט געווען אויסגעהאלטן אין זיינע פלענער. טיילמאָל

פלעגן זייטיקע געשעענישן ארויסרופן ביי אים נייע אינספּיראַציעס. ער איז כסדר געווען אָנגעשטעלט אויף עקספּערימענטירן.

האַנפּט האָט געהאַט גרויס פּיעטעט פאַר די סקולפּטאָרן פון דעם 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט, ווי ראָדען, מאַיאָל, רעסטפּוא. און דאָך האָט ער געהאַלטן, אַז עס איז נישט מעגלעך צו שטיצן זיך אויף זייער שאַפן די ספּעציפיש יידישע מאָטיוון. חיים האַנפּט איז געווען א טיפּישער יידישער פאָלקס־מענטש און זיין קונסט האָט געהאַט א סך געמיינזאַמס מיט די יידישע מצבה־קריצערס.

דער דאָזיקער קינסטלער איז געווען ווי אַ מין פּערזאָניפיקאַציע פון דעם, וואָס מען רופט א „האָמאָפּאָליטיקוס". דאָס איז געווען די ווירקונג פון זיין שווער לעבן פון דער יוגנט אָן. ווען אין וואַרשע איז אנטשטאַנען די גרופּע לינקע פּלאַסטיקער אונטערן נאָמען „טשאַפּקאַ פריגיסקאַ" איז ער אין דער דאָזיקער גרופּע אריינגעטראָטן. פאַר דעם לינקן זשורנאַל „ליטעראַרישע טריבונע" פלעגט ער גרייטן סאַטירישע צייכענונגען מיט א הומאָריסטישן שלאָג־אינהאַלט, וועלכע זענען געשטאַנען אויף א הויכן קינסטלערישן ניוואָ. עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה האָט האַנפּט אילוסטרירט אַ לערן־בוך פאַר דער יידישער שפּראַך מיט א סך געלונגענע שיינע צייכענונגען.

דאָס הויז פון חיים האַנפּט איז שטענדיק געשטאַנען אָפן פאַר פאַרשידענע מינים בונטאַרן. עס איז אריין אין געוווינהייט, אז עמעץ האָט זיך געוואָלט אראָפּרעדן פון האַרץ, איז ער געגאַנגען צו חיים האַנפּט. אַהער פלעגן קומען נישט בלויז קינסטלער און ליטעראַטן, נאָר אויך מענטשן, וועלכע האָבן ווייניק וואָס געהאַט צו טאָן מיט קונסט. עס איז באַוווּסט, אז די סאַנאַציע האָט געטאָן אַלץ, כדי צו שטערן די יידישע קינסטלער ארויסצוהייבן זיך. אָבער האַנפּט האָט ביי דער פּוילישער מאַכט געהאַט געוויסע פּריווילעגיעס, ווייל ער איז געווען א זעלנער פון דער פּוילישער ארמיי בעת דער פּויליש־סאָוויעטישער מלחמה. אַדאַנק דעם איז קונען געלונגען אויסצופירן אַ סטיפּענדיע פאַר האַנפּטן — 7.000 זלאָטעס און האַנפּט האָט געקאָנט אין משך פון עטלעכע יאָר רואיק פאַרנעמען זיך מיט שעפּערישער אַרבעט. דאָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. אין סעפּטעמבער 1939 יאָר איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און חיים האַנפּט איז אַוועק פון וואַרשע, איבערלאָזנדיק אין זיין אַטעליע זייער א סך פאַרענדיקטע און נישט פאַרענדיקטע אַרבעטן. דעם ערשטן סעפּטעמבער 1946 יאָר האָט זיך

האנפּט אומגעקערט פון ראַטנפאַרבאַנד צוריק קיין פּוילן. ער האָט זיך באַזעצט אין וורעצלאַוו, וווּ עס האָט זיך נאָך דער מלחמה קאָנצענטרירט אַ גרעסערער יידישער ישוב. האַנפּט אַנטוויקלט אַ שעפערישע אַרבעט. ער אינטערעסירט זיך זייער מיט דעם נייעם לעבן אין פאָלקס־פּוילן און דער עיקר מיט דער פראַגע וועגן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די נייע באַדינגונגען. ער שאַפט אויף דער דאָזיקער טעמע עטלעכע אַר־בעטן, אונטערן טיטל: „יידן — פויערים אויף נידערשלעזיע".

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לאַנד־אויסשטעלונג אין וורעצלאַוו אין 1948 יאָר, האָט האַנפּט אונטערגענומען זיך צו שאַפן דעם פּראָיעקט און אויך דעקאָרירן אַ ספּעציעלן יידישן פּאַוויליאָן. אויסער דער דע־קאָראַציע פון דעם דאָזיקן פּאַוויליאָן אינעווייניק, האָט ער אויך געשאַפן אַ גרויסע סקולפּטור, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן ביים אריינ־גאַנג פון דעם פּאַוויליאָן.

אין דעם דאָזיקן פעריאָד איז האַנפּט ווי אַמאָל פול געווען מיט שעפערישער ענערגיע, פאַרמאָגט צענדליקער איינפאַלן. אין יענעם פּע־ריאָד האָט ער אויך געשאַפן דעם ביוסט פון יוסף לעוואַרטאָווסקי, האָט זיך באַטייליקט אין קאָנקורס אויף דעם פּלאַקאַט לכּבוד דעם 5־טן יאָר־טאָג פון דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וווּ ער האָט באַקו־מען אַן אויסצייכענונג. אויסער דעם האָט ער אויסגעפירט אַ ריי קלענע־רע אַרבעטן.

איינער פון די לעצטע שעפערישע פּלענער, וועלכער האָט האַנפּטן פול־שטענדיק אַבסאָרבירט, איז געווען צו שאַפן שאַך־פיגורן, וועלכע זאָלן פאָרשטעלן פאַרשידענע יידישע געשטאַלטן. האַנפּט איז ווידער געווען אין זיין סטיכיע. יעדע פון די צוועלף פיגורן, וועלכע ער האָט אויסגע־שניצט איז געווען טיף דורכגעטראַכט און האָט פאַרגעשטעלט טיפּן פון פּוילישע יידן פון פאַר דער מלחמה. יעדע פיגור פאַרמאָגט איר אויס־דרוק און איז עמאָציאָנעל שטאַרק אָנגעלאָדן. אין די דאָזיקע פיליגראַן־שאַפונגען האָט דער קינסטלער אויסגעלאָדן זיינע הייסע געפילן, זיין בענקשאַפט און וויייטיק פאַר די מיליאָנען יידן, וועלכע זענען פאַרטי־ליקט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע מערדער. יעדע פיגור איז אָרי־גינעל, נישט צום איבערחזרן און טראָגט אויף זיך דעם חותם פון מאַ־יעסטאַט. איינע שטעלט פאָר אַ הויכן דיקן מאַן מיט אַ לאַנגער באָרד, וועלכער רויכערט אַ לאַנגע לולקע. אַ צווייטע שטעלט פאָר אַ הויקער, וועלכער מאַכט הוויות, אַ דריטע שטעלט פאָר אַ מענטש, וועלכער פאַ־

בעט מיט די הענט. די פּערטע פיגור שטעלט פאָר א ייד מיט א באָרד, וועלכער פאַרהאַלט זיך רואיק, מיט ווירדע, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף בכבודיקע געסט. דאָ איז אויך פאַראַן א בעטלער — א קאַליקע מיט א שטעקן אין האַנט, וועלכער בעט א נדבה און קרימט דערביי דאָס פּנים. יעדע פון די דאָזיקע קליינע פיגורקעס האָט האַנפּט אויסגעשניצט שטאַרק איבערצייגנדיק.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט האַנפּט געלעבט מיט די אילו־זיעס פון דער פאַרגאַנגענער צייט. נישט געקוקט דערויף וואָס זיינע קאָנצעפּציעס זענען ארויסגעפלאָסן פון זיין זכרון, האָבן זיי אויפגע־טרייסלט מיט זייער איבערצייגעוודיקייט און האָבן שטאַרק געווירקט אויפן צושויער. ער האָט געשטרעבט וואָס בעסער אָפּצושפּיגלען יענע מענטשן, וועלכע האָבן אים אמאָל ארומגערינגלט, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן אויף יעדן שריט און וועלכע זענען איצט פאַרבליבן בלויז אלס וויטיקלעכע דערינערונגען.

אין די לעצטע יאָרן פאַר זיין טויט, האָט האַנפּט פּלאַנירט אריבער־טראָגן זיך קיין וואַרשע, נאָך וועלכער ער האָט כסדר געבענקט. טיילמאָל פלעגט ער קומען צו פליען קיין וואַרשע אזוי, ווי מען לויפט ארויס פון אַטעליע אויף דער גאַס. ווינטער 1950 יאָר איז ער ווי געוויינלעך לייכט געקליידט געקומען צופליען קיין וואַרשע און האָט זיך דאָ פאַרקילט. אהיים האָט ער זיך אומגעקערט אין א שווערן צושטאַנד. אין קורצן האָט מען אים אוועקגעפירט קיין קראָקע, כדי דאָרט צו היילן. ליידער אָבער איז ער דאָרט אינגיכן געשטאָרבן — און צו קבורה געבראַכט געוואָרן אויפן קראָקעווער יידישן בית־עולם.

## אריה מערזער

דער וואַרשעווער מעטאַלאָפּלאַסטיקער אריה מערזער האָט דורכ־געמאַכט א סך גלגולים ביז ער איז געקומען קיין צפת. ער האָט אָבער קיין ישראל מיטגענומען מיט זיך די פּוילישע סביבה. ווי טיף זי איז אין אים אין דער רייגסטער אינקאַרנאַציע פאַרבליבן, ווייזן די 2 אַלבומען, וואָס איך האָב פאַר מיר. זיי דעקן אויף צוויי וועלטן פונעם יידישן לעבן. וואָס זענען אָפּגעטיילט פון זיך אי לויט דעם מרחק, אי לויט דער צייט; איין וועלט פון יידישן קליינעם שטעטל אין פּוילן, די צווייטע וועלט —

די אַנטיקע, דער אַלטער צפת. און הגם די שטעטלעך זענען אָפּגעטיילט גישט נאָר דורך ימים, בערג און לענדער, נאָר אויך דורך דעם קאַטאַקליזם, וועלכער האָט אָפּגעווישט דאָס יידישע לעבן אין פּוילן, זענען זיי דאָך אין דער קינסטלערישער וויזיע פון מערזערן ארויסגעוואקסן פון איין און דעם זעלבן וואָרצל. סיי דער אינהאַלט, סיי דער זין פון די דאָזיקע צוויי וועלטן, ווי אויך דאָס וואָס פאַרבינדט זיי — איז נישט קיין שום צופעליקייט, דאָס זענען רעזולטאַטן פון איין און דערזעלבער טראַדיציע, וואָס ביי מערזערן ווערט זי פאַרוואַנדלט אין א מין ריטועלן צערעמאָניאַל.

אריה מערזער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1905 און שטאַמט פון אַן אָרעמער וואַרשעווער משפחה. עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס נאָך 10 יאָר לעבן אין ישראל און כמעט אזויפיל יאָרן פאַרברענגען אין פראַנקרייך און אין דער שווייץ, וווהין עס איז אים געלונגען זיך ארויסצורייסן פון די היטלערישע נעגל — פאַרמאָגן נאָך מערזערס בילדער סימנים פונעם פּוילישן קאָלאָריט. דאָס גיט א סך גאָכצוטראַכטן. מערזערס אַרבעטן זענען אָנגעזאַפּט מיט אַן עמאָציאָנעלן קאָמפּלעקס, וואָס איז גורם, אַז די געשטאַלטן אויף זיינע בלעכן זעען אויס ווי וויזיעס פון לעבעדיקע מענטשן, צווישן וועלכע דער קינסטלער האָט אמאָל געלעבט.

אריה מערזער איז א גלענצנדיקער מאָלער, נאָר אָנשטאָט לייוונט באַנוצט ער קופּערבלעך, אָנשטאָט א פּענדזל — העמערלעך און א שטאַמאייזן.

די מעטאַלאָפּלאַסטיק איז א קונסט-געביט, וואָס יידן האָבן זיך דערמיט פאַרנומען פון לאַנגע יאָרן. אין דער דאָזיקער טעכניק זענען אויסגעפּערטיקט געוואָרן ממש פאַנטאַסטישע בשמים-ביקסן, מנורות, חנוכה-לאָמפּן און אַנדערע חפצים אין אויגסבורג, ווענעדיק, ביי אונדז אין פּוילן, דורך די סירישע יידן, ווי אויך דורך די יידן אין תימן, וועלכע זענען אין משך פון הונדערטער יאָר אָפּגעריסן געווען פון דער ציוויליזירטער וועלט.

באַרימטע קונסט-פאָרשער — פּוילישע און פון אַנדערע לענדער — געפינען אין דעם דאָזיקן קונסט-צווייג א ספּעציפיש יידישן עלעמענט. פּוילן האָט ארויסגעגעבן פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן אייניקע מעטאַלאָפּלאַסטיקער מיט א וועלט-נאָמען, ווי: מארק שוואַרץ, יאָאַכים קאַהאַנע, יצחק ברוינער, יוסף שליוואַניאַק און פון די יינגסטע — אריה מערזער און חיים האַנפט.

די יידן, וואָס זענען צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט שאַפן קיין מאָנומענטאַלע סקולפּטור=ווערק אָדער אַרכיטעקטאָנישע דענקמעלער, ווי דאָס האָבן אין פאַרשידענע עפּאָכעס געטאָן די גריכן אָדער רוימער. אויך דאָס פאַרשטעלן דעם מענטשלעכן קערפּער אין דער גאַנצער שיינקייט פון זיינע פאָרמען איז יידן געווען פרעמד. זיי האָבן די פּלאַסטישע פאָרמען גענומען פון דער נאַטור, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט און מיט זייער הילף, באַנוצנדיק זיי אין אַ געוויסער מאָס אַלס סימבאָלן, האָבן זיי אַרויסגעבראַכט פאַרשידענע שטריכן פון דער מענטשלעכער געשטאַלט. די טויב און דער ווינטרויב, דער הירש און דאָס שעפּסל, דער לייב און די פיש זענען געוואָרן די עלעמענטן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט, כדי אויסצודריקן די מעטאַפאָר.

די היינטיקע יידישע מעטאַלאָפּלאַסטיקער, מאָלער און אילומינאַטאָרן ווייזן, אַז די זעלבע אַנאָנימע קינסטלער פון די פאָריקע יאָרהונדערטער, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט סימבאָלן, זענען געווען מענטשן, וועלכע זענען אימשטאַנד געווען אויך פאַרצושטעלן מענטשלעכע געשטאַלטן אין זייער גאַנצער פאַרשידנאַרטיקייט. אין אריה מערזערס מעטאַלאָפּלאַסטישע שאַפונגען פילט זיך, ווי די אַזיקע אַמאָליקע סימבאָלישע עמבלעמאַטיק וואָלט זיך אַנטפּלעקט אין יעדער פון די אַרויסגעבראַכטע דורך אים געשטאַלטן.

זיין טעקע „בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט“ באַשטייט פון 15 פּלאַנשן, וואָס זייער טעמאַטיק איז באַזירט אויף די ווערק פון י. ל. פּרץ („די גאָלדענע קייט“, „שלום=בית“), יידישע פאָלקס=לידער („ראָזשינקעס מיט מאַנדלען“, „יידל מיטן פידל“, „העמערל, העמערל, קלאַפּ“, „אַז דער רבי אלימלך“ און אנד.), יידישן שטייגער (חופּה, כפּרות, מלווה=מלכה, הבדלה), ווי אויך געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון (דער בייגעלער=הענדלער און אנד.). אָט די אַזיקע זאַמלונג פון דעם אַמאָליקן יידישן שטייגער אין פוילן, וואָס האָט פּולסירט מיט צאַפּלדיק לעבן און ספּעציפישן ריטם, באַקומט אין מערזערס בלעכן זיין אייגנאַרטיקן אויסקלאַנג. דאָס איז ווי אַ פאַרפיקסירונג פונעם אויסגעשלאָסענעם לעבן אין זיין וועזנטלעכסטן און טיפסטן אינהאַלט. מיר די עלטערע, די לעבנגעבליבענע עדות פון דעם אַזוי טראַגיש איבערגעריסענעם לעבן אין פוילן, קאָנען אפשר צומבעסטן אַרויספילן די אינטענצן פונעם קינסטלער.

מערזער שאפט זיינע קאָמפּאָזיציעס כמעט אין א סאקראלן סטיל און אין דעם, לויט מיין מיינונג, ליגט די געפאר אריינצופאלן אין א געוויסן מאניער. כדי צו פארקערפערן א וויזיע קאָן מען זיך באנוצן מיט פארשידענע מיטלען, אָבער זיי טאָרן נישט פארטונקלען די ווירקלעכקייט. עס איז מאָדנע, וואָס טראָץ דער רעאליסטישער סטיליזאציע, מיט וועלכער מערזער באנוצט זיך, פאלט ער פונדעסטוועגן אריין טיילמאָל אין אבסטראקציאָניזם. מערזערס קאָמפּאָזיציעס באַגרענעצן זיך הויפּטזעכלעך צו א קליין און אין זיך אָפּגעשלאָסן וועלטל, אין וועלכן דער קינסטלער דערלויבט נישט אריינצודרינגען פון דרויסן דאָס לייכסטע ווינטל, כדי נישט צו שטערן די איינהייטלעכקייט פון דער סצענעריע. ער בויט הערמעטיש פארמאכטע געסלעך אָדער מויערן. איך מיין דאָ זיינע בילדער פון אַלטן צפת, אין וועלכע דער אינהאַלט איז גיכער פאַנטאזיע ווי ווירקלעכקייט. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אז אַ שטאָט, וואָס איז באוווינט מיט טויזנטער איינוווינער, זאָל מיט זיך פאָרשטעלן א מוזעאַלן אַרכיוו און זאָל נישט פארמאָגן אויך זיין היינטצייטיקן אויסזען. דער מין בילדער, וועלכע ס'שאפט מערזער, איז נאָענט צו די אלט־בבלישע אָדער אסירישע פאָרמען. אונדזערע צייטן ברענגען מיט זיך אן אנדער פּראָבלעמאטיק. די פארשידנארטיקייט, וואָס עס פארמאָגט אונדזער היינטצייטיק לעבן, ברענגט א. מערזער נישט ארויס אין זיינע בילדער. ער שטעקט נאָך אלץ אינעם אמאָל, און אין צפת פאלט ער אינגאנצן ארונטער די קבלהשע שטימונגען. א. מערזער קאָן זיך באנוצן מיט שטארקע אויסדרוקן־מיטלען, אָבער אין א טייל פון זיינע ארבעטן זענען זיי ווי געלאָשן, עס פילט זיך די השפעה פון באָריס שאצן. דאָס געשעט דאָרט, וו דער קינסטלער פאלט אריין באוווסטזיניק אין סענטימענטאליזם. געפרעסטקייט פון דער קאָמפּאָזיציע איז זייער א נוצלעכע דערשיינונג, דאָס איבערלאָדן זי מיט איבעריקע אקצעסאָריעס איז נישט נאָר אומנייטיק, נאָר אפילו שעדלעך. דאָס שוואכט אָפּ די קראפט פון אויסדרוק און אפילו די שיינקייט פון דער ארויסגעבראכטער טעמאטיק. עס שאפט זיך אן איינדרוק, אז די יונגע ישראלדיקע קינסטלער פארטיפן זיך גיכער אין ארכעאָלאָגיע, כדי, ארויסגייענדיק פון די אלטע פאָרמען, צו שאפן נייע. ביי די ערנסטע ישראלדיקע קינסטלער פילט זיך, ווי שטאַרק זיי זענען געבונדן מיט די עלעמענטן פון מזרח. דער אסיריש־בבלישער גייסט פון דער סקולפּטור, וועמענס אנאָנימער מיטשעפער עס איז געווען נישט איין יידישער סקולפּטאָר, איז, ווייזט

אויס, נישט פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזעאַלער מומיע, נאָר האָט באַפרוכפּערט די יידישע קינסטלער פון ישראל, וועלכע פילן זיך נעענ־טער צו דעם דאָזיקן גייסט, ווי צו דער ריכטונג, וועלכע וואָלט זיי גע־נייגט צו אימיטירן אייראָפּע.

אריה מערזער געפינט זיך אויפן שיידוועג צווישן די דאָזיקע צוויי וועלטן. דערווייל האָט ער אַקלימאַטיזירט זיינע פּוילישע יידן פונעם נעכטן אינעם מיטלאַלטערלעכן גייסט פון צפת. און הגם מערזער איז אַ פעיקער סקולפּטאָר, שפּרייזט ער אָבער צו אָפט אַריבער די גרענעץ פון פּלאַסטיק, אַריינפאַלנדיק אין ליטעראַרישקייט און היסטאָריזם. ווען עס זאָל אים געלינגען זיך צו באַפרייען דערפון, וואָלט מען געקאָנט זיך ריכטן פון אים גרויסע סקולפּטאָרישע ווערק.

צום סוף לאָמיר פרובירן באַשרייבן וועלכע ס'איז פון זיינע סקולפּ־טאָרישע שאַפונגען, וויל אַלע קאָן מען געמיינזאַם באַהאַנדלען, זיי זע־נען כמעט ווי מאָנאָליטיש.

לאָמיר נעמען זיין „צפת און זיינע מענטשן“. די דאָזיקע מענטשן זענען אַזוי ווי פון אַן אַלטער אַרכאַישער עפּאָכע און דאָס סיי אין אויס־דרוק פון די געשטאַלטן, סיי אין זייער קליידונג. לויט די באַגריפן פון דער סקולפּטור־פּלאַסטיק זענען אַלע בילדער פון צפת טראַקטירט מאָ־לעריש. דאָס הייסט נישט פונדעסטוועגן, אַז אין דער ליניאַרער באַוועגונג זענען זיי לייכט אָדער ריטמיש. זייער אַרכיטעקטור איז שטרענג, די טויערן פון אַ הויז זענען געשמידט שווער און זענען אין זייערע קאָנ־טורן איבערגעלאָדן. לאָמיר באַטראַכטן איין בילד פון דעם דאָזיקן ציקל, „שמחת־תורה“ (דאָס 8־טע בילד). די דאָזיקע קאָמפּאָזיציע באַשטייט פון 10 פיגורן, פון וועלכע בלויז 3 טראָגן די ספר־תורה. דאָך האָט מען דעם איינדרוק, אַז אין זייער מיסטישן עקסטאַז נעמען זיי אַרום די גאַנצע וועלט. מיט אַ סך פאַנטאַזיע און רייכקייט פון סטיליזאַציע קאָן מערזער באַאַרבעטן איין און דעם זעלבן מאָטיוו אין צוויי ווערסיעס, צ.ב. די שול אין צפת. אין איינער ווייזט ער דעם ארון־קודש און צוויי יידן, אין דער צווייטער דעם אינעווייניקסטן טייל פון דער שול מיט בלויז איין פיגור. אין די דאָזיקע אַרבעטן איז פאַראַן די דינאַמיק פונעם יידישן גאָטיק, וואָס איז נישט ווייניקער שטאַרק ווי ביי די קריסטלעכע קאַטעדראַלן. די אַטמאָספער אין דער שול איז אַ פאַרגליווערטע, אָן שום באַוועגונג. די אונטערטעניקייט, וואָס פרעסט די נשמה, פאַרגוואַלטיקט כמעט יעדן אינ־דיווידועלן געדאַנק. בלויז אינעם בילד „ל״ג בעומר“ איז די סטיליסטיק

פונעם בילד מער א לויזע, מאָלערישע און די באזונדערע עלעמענטן וויניקער ארכאיזירט. עס ווייזט מיר אויס, אז דער קינסטלער וואָלט נישט דעגראדירט זיין ווערק, ווען ער וואָלט אין אים אריינגעבראכט עטוואָס פון דעם גייסט פון דער צייט.

אנדערש טראקטירט דער קינסטלער זיין קאָמפּאָזיציע אין גרויסן פארמעסט „דאָס שטעטל". ער ווייזט אין דעם בילד א פאנטאסטישע פּאַנאָראמע פון א קליין יידיש שטעטל, אין וועלכן ס'טומלט זיך ווי אין א בינשטאָק. זיין פּייזאַזש און די מענטשן — דאָס איז א ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פונעם לעבנס-שטייגער פון די אמאָליקע פּוילישע יידן. אין דער קאָמפּאָזיציע איז דער דאָזיקער מין פאקטור נאָענט צו דער סטרוקטור פון די כינעזישע בילדער. די אקציע, וואָס איז דאָ גרויס אין פארנעם, שטייגט פון אונטן ארויף אַלץ העכער און העכער. פון די צוויי הענדלערקעס און פון דעם פּאָרל מיט עופות הינטער זיי, וואָס געפינט זיך אין דעם אונטערשטן טייל פון דער קאָמפּאָזיציע, קלעטערן מיר ארויף צו דער פּאַנאָראמע פונעם שטעטל, וואָס באשטייט פון איינציקע קליינע, צונויפגעפּרעסטע יידישע הייזלעך. נאָך העכער זעען מיר א סצענע, ווו עס ווייזן זייערע קונצן אַקראָבאַטן אונטער די קלאנגען פון א קאטערינקע און פון דער זייט א וואסערטרעגער, וואָס גייט צום ברונעם. איבער זיי געפינט זיך ווידער א פראגמענט פונעם שטעטל און העכער — א יידישע חופּה. איבער דער דאָזיקער פּיראמידע, וואָס איז דאָ און דאָרט דורכגעפלאָכטן מיט ארכיטעקטאָנישע פראגמענטן פון שטעטל, זעען מיר אַ גרופּע יידן, וועלכע זענען מחדש די לבנה. אויף אַן אָריגינעלן אופן האָט דער קינסטלער ארויסגעבישופט מיט גרויס ליבשאַפט א טאָג אין א קליין שטעטל אין פּוילן, וואָס האָט אמאָל עקזיסטירט.

עס ווייזט זיך מיר אויס, אז אין אזעלכע בילדער, ווו מערזער ווייזט דאָס געוויינלעכע טאָג-טעגלעכע לעבן, ווו ער ווייזט געוויינלעכע, פּראָסטע יידן — בליען ביי אים די שענסטע, די לירישסטע טענער.



יוסף סאַנדעל ביי דער אַרבעט

# יוסף סאַנדעל

## (שטריכן צו זיין ביאָגראַפיע)

יוסף סאַנדעל איז געבוירן אין יאָר 1894 אין מאָלערישן בייקאַרפּאַטישן קאָלאָמיי. זיינע פריע יאָרן אין דער אָרעמער, פילקינדערדיקער פאַמיליע זענען געווען זייער שווערע. הגם ער איז געווען דער בעסטער שילער אין שול, איז ער מחמת נויט נישט איינמאָל געווען געצוווּנגען בגנבה אַרומצולויפן מיט אַ פּאַק צייטונגען אונטערן אָרעם צו רייכע אַבאָנענטן. דאָס עמפּפינדלעכע יינגל האָט איינגעזאַפּט אין זיך די אַרומרינגלענדיקע אים שיינקייט פון דער נאַטור, וואָס האָט נאָך אין זיין פריסטער קינדהייט איינגעפלאַנצט אין אים דאָס געפיל פאַר שיינקייט. געווען פאַלן, ווען דאָס אָרעמע, באָרוועסע יינגל מיט די געקרייזלטע פאות פלעגט זיך אַריינגנבענען אין אַ פוסטער קירך, כדי צו באַוווּנדערן די בילדער און סקולפּטורן אין די נישעס. מיט פיל הומאָר פלעגט יוסף אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערציילן, ווי דער קירך־דינער פלעגט אים מיט זילזולים פאַרטרייבן פון דער קירך.

די שול א. נ. פון באַראָן הירש, וועלכע יוסף סאַנדעל האָט באַזוכט, האָט אים קיין פיל וויסן נישט געגעבן. אויף ווייטער שטודירן האָבן נישט דערלויבט די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען. שוין אַלס 16־יאָריק יונג בחורל, איז יוסף געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די היים, כדי צו פאַרדינען אויף חיונה. ער פאָרט קיין דרעזדען, ווו ס'האָבן זיך זינט אַ געוויסער צייט געפונען זיינע צוויי ברידער. יוסף ווערט דאָרט אַן אַגענט פון טעקסטיל־סחורות, דערנאָך אַ סובּיעקט אין אַ געשעפט און לסוף אַ פאַרקויפער אין אַ וואָקזאַל־קיאָסק מיט ביכער און צייטונגען. ער פאַרלירט אָבער שפּעטער די אַרבעט, ווען ער זאָגט זיך אָפּ (צוליב הומאַניטאַרע טעמים) איבערצונעמען דעם קיאָסק פון דער פרוי פון אַ קראַנקן חבר, וועלכע האָט פון דער הכנסה פון דאָזיקן קיאָסק אויסגעהאַלטן זיך און דעם קראַנקן מאַן.

יוסף סאַנדעל איז דעמלט געצוווּנגען זיך צו נעמען צו שווערע פיזישע אַרבעטן, כדי זיך אויסצוהאַלטן. צו יענער צייט ווערט יוסף גענומען אין דער עסטרייכישער אַרמיי, אָבער אין פרילינג 1918 ווערט ער באַזייטיקט פון מיליטער מחמת זיין קאַטעגאָרישן אָפּזאָג צו נעמען געווער אין האַנט און ער ווערט אונטער אַ וואַך אָפּגעשיקט צו די עלטערן, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין אונגאַרן. שפּעטער קומט ער קיין קאָלאָמיי, ווו ער נעמט אָן אַקטיוון

אָנטייל צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדער גראַנאַך ביים גרינדן די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און דעם יידישן פּאַרטיידיקונגס־קאָרפּוס. אָבער דער דראַנג צו בילדונג איז ביי יוסףן זייער גרויס. ער פּאָרט דעריבער קיין דרעזדען, וווּ ער הייבט אָן אַלס עקסטערן שטודירן מאָלעריי. ער גרופּירט דאָרט אַרום זיך יונגע, טאַלאַנטירטע, פּראָגרעסיווע קינסטלער און גרינדעט אַ צייטשריפט פאַר די יונגע א. ג. „דער מאָב", פאַרוואָס ער ווערט אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד אַלס „לעסטיקער אויסלענדער".

יוסף פאָרט דאַן קיין פראַנקרייך, וווּ ער איז געצוווּנגען צו אַרבעטן ביי פיזיש־שווערע מלאכות (אין אַן אייזן־הוטע, אויטאָ־פאַבריק). שפּעטער פאָרט ער אַריבער קיין ווין, וווּ ער לעבט איבער אַלס אַרבעטסלאָזער אַ זייער שווערן פּעריאָד. ווען זיינע דרעזדענער פריינד פועלן פאַר אים אויס אַן אַריינפאָר־דערלויבעניש, קערט ער זיך אומגעזאַנט קיין דייטשלאַנד, וווּ ער אַנטוויקלט אַן ענערגישע טעטיקייט אויפן געביט פון קונסט. ער גרינדעט אַן אייגענע קונסט־גאַלעריע אונטערן נאָמען: „GALERIE JUNGE KUNST JOSEF SANDEL", וווּ ער אָרדנט איין בילדער־אויסשטעלונגען פון יונגע טאַלאַנטירטע דייטשישע מאָלער. די דאָזיקע קונסט־גאַלעריע ווערט שנעל באַקאַנט און יעדער מאָלער, וואָס שטעלט דאָרט אויס זיינע בילדער, האָט אַ געזיכערטן דערפאָלג. יוסף סאַנדעל הייבט אָן איינאָרדענען אויסשטעלונגען, מיט וועלכע עס רעכענען זיך די העכסטע קונסט־קרייזן אין דייטשלאַנד. זיינע אויסשטעלונגען באַווייזן זיך ניט בלויז אין דרעזדען, נאָר אויך אין בערלין, האַמבורג, פראַנקפורט און אין אַנדערע דייטשישע שטעט.

אַזוי איז אַלץ געגאַנגען כשורה ביזן קומען פון היטלערן צו דער מאַכט. יוסף סאַנדעל עמיגרירט דאַן, אין 1933 יאָר, קיין בעלגראַד, וווּ ער אָרדנט איין אַ ריי ווערטפולע בילדער־אויסשטעלונגען, פון וועלכע איינע — א. ג. „די געשיכטע פון די סערבן אין פּרעסקן און איקאָנעס" — האָט געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג. אָבער אויך פון דאַנען ווערט ער דורך דער פּאָליציי אַרויסגעשיקט פון לאַנד.

אין 1935 יאָר קומט יוסף סאַנדעל קיין פּוילן. תחילת איז ער אַ געוויסע צייט געווען אין וואַרשע, דערנאָך פאָרט ער קיין קאָלאָמיי און שפּעטער קיין ווילנע. אין ביידע שטעט אָרדנט ער איין בילדער־אויסשטעלונגען און פּובליקירט אַרטיקלען וועגן קונסט. פאַר זיינע פאַרדינסטן אויפן געביט פון יידישער קונסט, באַשליסט די ווילנער יידישע פּלאַסטיקער־סעקציע אָנצונעמען יוסף סאַנדעלן אַלס איר ערן־מיטגליד.

עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה. יוסף סאַנדעל, וועלכער האָט זיך די לעצטע צוויי יאָר געפונען אין וואַרשע, אַנטלויפט דורך ראָווגע און ווילנע קיין לעמבערג. דאָ אַרבעט ער אין אוקראַאינישן נאַציאָנאַלן מוזיי. אויף זיין צוריקרייזע פון ווילנע, וווּ ער איז געווען אין אַ דינסט־שליחות, פאַרכאַפּט אים דער אויסברוך פון דער דייטשיש־סאָוויעטישער מלחמה. יוסף פאַראייניקט זיך צו דער כוואַליע פּליטים און ראַטעוועט זיך אין גרויסן ראַט־

לאַנד. ער ווערט מגולגל אין טורקמעניע, אין אַ ווייטן קאָלכאָז, אָפּגעריסן פון גרויסע קולטור-צענטערס. יוסף איז דאָרט 5 יאָר, אַרבעטנדיק אַלס לערער פון דער דייטשישער שפּראַך.

אין 1946 יאָר קומט יוסף סאַנדעל מיט דער רעפּאַטריאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד צוריק קיין וואַרשע, וווּ ער שטעלט זיך תיכף צו דער אַרבעט. ער האַלט פאַר זיין הייליקן חוב צו פאַרנעמען זיך מיט דער צעזייטער און צעשפּרייטער, שרעקלעך-חרובער ירושה נאָך די יידישע פּלאַסטיקער, וועלכע זענען אַכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן דורך די היטלעריסטישע רוצחים, און מיט אַלץ, וואָס ס'איז נאָך איבערגעבליבן אויפן געביט פון יידישער פּלאַסטישער קונסט נאָכן וואַנדאַליזם פון די היטלעריסטישע האָרדעס.

יוסף סאַנדעל ווערט לייטער פונעם קונסט-אָפּטייל ביים צענטראַל-קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן, פאָרט אַרום איבערן גאַנצן לאַנד אין די סאַמע שווערסטע באַדינגונגען פון יענער צייט און זוכט אויף מיט מסירת-נפש בילדער און אַנדערע קונסט-ווערק נאָך די דערמאָרדעטע יידישע קינסטלער. אויף אַזאַ אופן האָט יוסף סאַנדעל אין משך פון 3 יאָר אויפגעקויפט העכער 1.000 עקספּאָנאַטן. אין דער זעלבער צייט באַנייט יוסף סאַנדעל די פאַרמאַכטע האָרט פאַר דער מלחמה „יידישע געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט". אַלס פאָרזיצער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט אַנטוויקלט ער אַ לעבהאַפטע טעטיקייט אין הינזיכט פון העלפן מיט מאָל-מאַטעריאַלן און מיט פינאַנסיעלער שטיצע די ביים לעבן-איבערגעבליבענע יידישע מאָלער, ווי אויך יענע פּוילישע מענטשן, וועלכע האָבן זיי אין די שווערע, גרויליקע אָקופּאַציע-יאָרן אויסגעשטרעקט אַ פריינדלעכע, העלפנדיקע האַנט. יוסף סאַנדעל אָרגאַניזירט בילדער-אויסשטעלונגען הן אינדיווידועלע און הן קאָלעקטיווע. מיט אַ באַזונדערן פּיעטיזם האָט ער איינגעאָרדנט די אויסשטעלונגען אין 1948 און 1949 לכבוד דעם יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. איינע פון די דאָזיקע אויסשטעלונגען איז געוויזן געוואָרן אויף אונדזערע מערב-געביטן, וווּ ס'האָט זיך דאַן קאָנצענטרירט אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן-רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד. די „יידישע געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט" האָט אויך איינגעאָרדנט קאָנקורסן אויפן בעסטן פּלאַקאַט לכבוד די יאָרטאָגן פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און אויף פּאָרטרעטן פון די יידישע שרייבער — קלאַסיקער.

גלייכצייטיק האָט יוסף סאַנדעל צונויפגעזאַמלט דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, ווי אויך גבית-עדותן וועגן גורל פון די אויסגעמאָרדעטע יידישע קינסטלער-פּלאַסטיקער בעת דער היטלער-אָקופּאַציע. אַזוי אַרום האָט ער צונויפגעזאַמלט אַ רייכן מאַטעריאַל פאַר זיין 2-בענדיק בוך „יזכור", וואָס איז דערשינען אין 1958 אין פאַרלאַג „יידיש בוך". יוסף סאַנדעל האָט אין דער צייט אויך פּובליקירט אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן קונסט.

אין 1949 יאָר ווערט דער קונסט-אָפּטייל איבערגעטראָגן אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט. יוסף סאַנדעל, אַלס לייטער פון דער א. ג. „גאַלעריע פון יידישער קונסט", אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט אין הינזיכט פון באַרייכערן די זאַמלונגען און פון אָרגאַניזירן אויסשטעלונגען.

די לעצטע בילדער־אויסשטעלונג, וואָס .איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, האָט געמאַכט אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק און איז באַזוכט געוואָרן נישט נאָר דורך מאַסן מענטשן פון לאַנד גופא, נאָר אויך דורך אַ סך אויסלענדישע עקסקורסיעס און קונסט־מבינים, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער באַוווּנדערונג און פאַרערונג.

אַלס מיטאַרבעטער פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט האָט יוסף סאַנדעל אין די „בלעטער פאַר געשיכטע“ און אין „ביולעטין פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט“ פּובליקירט ברייטע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישער קונסט און אירע קינסטלער. אין יאָר 1952 איז אין פאַרלאַג „יידיש בוך“ דערשינען דאָס 1־טע ביכל פון יוסף סאַנדעל א. נ. „שמואל הירשענבערג“.

אין יאָר 1953 פאַרלאָזט י. סאַנדעל דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, כדי זיך איינגאַנצן אָפּצוגעבן דער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער אַרבעט. יוסף סאַנדעל ווערט אַ מיטאַרבעטער פונעם אינטערנאַציאָנאַלן לעקסיקאָן („קינסטלער־לעקסיקאָן דעס XX יאָרהונדערטס“ פון האַנס וואָלמער) אין לייפּציג און פון דעם פּוילישן ביאָגראַפישן ווערטערבוך (ביי דער פּוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע). ער דרוקט עסייען און גרעסערע אָפּהאַנדלונגען וועגן קונסט אין לאַנד, באַזונדערס אין די „יידישע שריפטן“, און אין אויסלאַנד („פּנקס וואַרשע“, בוענאָס איירעס). אינעם אויבנדערמאָנטן לייפּציגער לעקסיקאָן האָט יוסף סאַנדעל פאַרעפנטלעכט העכער 200 נעמען מיט כאַראַקטעריסטיקעס פון אומגעבראַכטע יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער, ראַטעווענדיק זיי אויף דעם אופן פון פאַרגעסונג און פאַראייביקנדיק זייער זכר לדורות; אין דעם בוך, אַרויסגעגעבן דורכן מיניסטעריום פאַר קולטור־ און קונסט אין פּוילן א. נ. „די פאַרלוסטן פון די פּוילישע קונסט־זאַמלונגען אויפן געביט פון דעקאָראַטיווער קונסט“, איז יוסף סאַנדעל פאַרטראָטן מיט אַ ברייטער אָפּהאַנדלונג א. נ. „יודאַאיקאַ“ מיט 56 טאַבעלן און בילדער פון יידישע אַלטערטימלעכע שולן און בתי־תפילות אין פּוילן (זייער אינערלעכע אויסשטאַטונג).

אין 1954 יאָר דרוקט דער פאַרלאַג „יידיש בוך“ דאָס צווייטע בוך פון י. סאַנדעל א.נ. „יידישע מאָטיוון אין דער פּוילישער קונסט“ — 15 מאָנאָגראַפיעס פון די סאַמע באַדייטנדיקע יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער פון פּוילן. דאָס דאָזיקע בוך, רייך אילוסטרירט, איז זייער גינציק אויפגענומען געוואָרן דורך דער קריטיק און איז שוין איצט ממש אַ יקר המציאות, ווייל די גאַנצע אויפלאַגע איז שוין אויסגעשעפּט. אין די יאָרן 1957 — 1958 גייט אין זעלבן פאַרלאַג אַרויס דאָס גרויסע 2־בענדיקע בוך סאַנדעלס א.נ. „י ז כ ו ר“. דאָס דאָזיקע בוך איז אַ זאַמלונג פון מאָנאָגראַפיעס פון העכער 200 אַכזריותדיק פאַרשניטענע דורכן היטלעריזם יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער אין פּוילן און איז אַ מאָנומענט לכבוד זייער ליכטיקן אָנדענק. די פילצאָליקע דאַנק־ און אָנערקענונגס־בריוו, וואָס זענען אָנגעקומען צום מחבר פון לאַנד און פון אויסלאַנד, זענען געווען א נחת־רוח און פרייִדיקע סאַטיספאַקציע פאַר דעם איינזאַמען און שוין דאַן שווער־קראַנקן יוסף סאַנדעל.

אין 1956 יאָר מאַכט י. סאַנדעל דורך אַ שווערן האַרץ-אַטאַק (אינפאַרקט). זינט דאַן האָט די אינטענסיווקייט פון זיין שעפערישער אַרבעט געמוזט, נאַטירלעכוויז, פאַלן. נישט געקוקט אָבער דערויף, איז אַחוץ דאַן, ווען ער איז געלעגן שווער קראַנק אין שפּיטאָל, נישט אַדורך קיין איין טאָג אפילו, אַז י. סאַנדעל זאָל נישט צולייגן כאָטש אַ ציגל צו זיין מיזאמען לעבנס-ווערק פון פאַראייביקן די יידישע קינסטלער, צונויפזאַמלענדיק אַ ריזיקן לעקסיקאָגראַפישן מאַטעריאַל. ווייל דער טרוים פון י. סאַנדעל אַלע זיינע יאָרן איז געווען, עס זאָל דערשיינען אַ לעקסיקאָן פון יידישע קינסטלער-פּלאַסטיקער.

שטייענדיק אַקסל ביי אַקסל מיט יוסף סאַנדעלן די לעצטע 18 יאָר, אין אָנהייב אלס סעקרעטאַר פון דער „יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט“, דערנאָך אַלס זיין פרוי און מיטאַרבעטערין, האָב איך געהאַט דאָס גליק און די געלעגנהייט צו דערקענען און אָפּצושאַצן דעם דאָזיקן ווערטפולן און הויפער-באַשיידענעם מענטש. זיין איידל און פילבאַר האַרץ איז אים געווען אַ וועגווייזער און עמוד-האש פאַר זיין גאַנצן רייכן לעבנס-וועג. ער האָט בעסער געוואָלט אַליין ליידן אַן עוולה, איידער עמעצן אַן עוולה טאָן. ער האָט שטענדיק פאַר יעדן מענטשן געפונען אַ פאַרענטפערונג און אַ באַרעכטיקונג. מיט זיין גרויסמוטיקן און פאַרגעבנדיקן שמייכל האָט ער געלינדערט שווערע און ביטערע צייטן.

נישט מעגלעך, נאַטירלעך, אין קאַרגע ווערטער כולל צו זיין אַלץ, וואָס ס'וואָלט זיך געוואָלט זאָגן וועגן דעם דאָזיקן פרעכטיקן מענטשן און אומדערמידלעכן פאָרשער.

זאָל דער דאָזיקער קורצער ביאָגראַפישער שקיץ פאַרטרעטן די אַלע ווערטער, וועלכע רייסן און בעטן זיך אַרויסצוזאָגן, כדי אויסצודריקן די פאַרדינטע באַוווּנדערונג און כבוד פאַר יוסף סאַנדעל.

ערנעסטינע (אסתר) פאָרהאָריצער-סאַנדעל

# רעפּראָדוקציעס



דוד פֿרידלענדער — פֿראַגמענט פֿונעם באַרעליעף אויף דער מזרח=וואַנט
און ארון=קודש אין דער ווישעגראָדער שול



דוד פרידלענדער — מצבה=מאָנומענט אויפֿן קבר פֿון בער זאָנענבערג
(שמואל זביטקאָווערס זון) אויפֿן וואַרשעווער בית=עולם



יאַן סאַלאָמאָן מינהיימער — אַ מעדאַל (אין גאָלד) פון הראביע לעאָן לוביענסקי
(מעטאַלאָפּלאַסטיק)



מאַקסימיליאַן פאַיאַנס — פּאָרטרעט פון הראביע ל. לוביענסקי (ליטאָגראַפיע)



מאַקסימיליאַן פאַיאַנס — קאַלענדאַר אויפן יאָר 1859
(אויסגעפירט אין מ. פאַיאַנס כראָמאָליטאָגראַפישער דרוקעריי אין וואַרשע)



לעאָפּאָלד האָראָוויץ — פּאָרטרעט פון וולאַדיסלאַוו ראַוויטש
(אַנטײלנעמער אין פּוילישן אויפשטאַנד קעגן צאַריזם, אומגעבראַכט אין שעדלעץ
אין 1869 יאָר), א״ל.



לעאָפּאָלד האָראָוויץ — אַדאַם מיצקעוויטש (צייכענונג)



לעאָפּאָלד האָראָוויץ — פּאָרטרעט פון געאָרג בראַנדעס (צייכענונג)



שמעון בוכבינדער — די פוילישע קעניגין באָנאַ (אייל)



שמעון בוכבינדער — אַ יידישער באַנקיר (אייל)



יאַן באַגומיל ראָזען — קאַוואַלעריע־דעפילאַדע פאַרן גרויספירשט קאָנסטאַנטין
אויפן זאַקסישן פּלאַץ אין וואַרשע אין 1824 יאָר (אייל)



יאַן באָגומיל ראָזען — רעקאָגנעסאַנס (אײל)



שאול וואהל — די אבדיקאציע פון דער קעניגין (אייל)



אפרים משה ליליען — אַ סאַמאַריטאַנער רב (גראַפיק)




אפרים משה ליליען — עקס ליבריס (גראַפיק)



אורי לעססער — דוד (אייל)



לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי — אָפּרו (אייל)



אורי לעססער — משה מיט די לוחות (עשרת הדברות)



לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי — וואַנדערער (אייל)



יאַקוב וויינלעז — אַ ייד (אייל)



ווילהעלם וואַכטעל — ליכט־בענטשן ערב־שבת (גראַפיק)



לעאָפּאָלד גאָטליב — ביי דער אַרבעט (אייל)



לעאָפּאָלד גאָטליב — פּאָרטרעט פון ד״ר קופּטשיק פון קראָקע
(מעצענאַט פון יידישן טעאטער)



יאקוב שטיינהארדט — אין שול (גראַפיק)



יעזשי מערקעל — אַ מיידל (אייל)



יעזשי מערקעל — פיגורן־קאמפאזיציע



עוגעניוש זאַק — פּייזאַזש (אויל)



עוגעניוש זאַק — אויטאָפּאָרטרעט (אייל)



רודאָלף לעווי — צוריקקער פון אַ מאַטראָס (אייל)



דוד האַלטערעכט — אַ מאָנגאָליש מיידל מיט אַ קויש אויף די פּלייצעס (אייל)



יוסף זיידענביימעל — אַ יידענע מיט אַ קרבן־מנחה־סידור (אייל)



יוסף זײדענבײטעל — ש. אַנס—קי אויפן טויט־בעט (צײכענונג)




אַרטור שיק — יידישע גאָלדשמידן (קאָלירפולע גראַפיק פאַר מ. גאָלדשטיינס קונסט־קאָלעקציעס)



אַרטור שיק — דער יידישער בחור לאַנדע אין אַ פּאַטריאָטישער מאַניפעסטאַציע
אויפן מאַרק פון אַלטשטאָט אין וואַרשע אין 1861 יאָר (קאָל. גראַפיק)




יאַקוב שטיינהאַרדט — פון פרעהס עשר מכות: „אַרבע“ — הוישעריק (האָלצשניט)



משה קיסלינג — אויטאָפּאָרטרעט (א.ייל)



משה קיסלינג — אַ דאָרפיש מיידעלע (אייל)




יוסף בודקאָ — „הגדה של פסח“ (גראַפישע טעקע)



יאַנקל אַדלער — מײַנע עלטערן (אויל)



יאַנקל אַדלער — דעם רבינס לעצטע מינוטן (אייל)



יאַנקל אַדלער — אַ יונגער אַרבעטער (אײל מיט אינקרוסטאַציעס)



יהודה װערמוס: אילוסטראַציע צו פּרץ'ס „די גאָלדענע קייט" — ייִדן סודען זיך



יהודה ווערמוס: אילוסטראַציע צו פּרץ'ס „די גאָלדענע קייט" — יידן פאָרן צום רבין (האָלצשניט)




הענריק סטראַנג — סורעאַליסטישע קאָמפּאָזיציע פון 1930 יאָר (צייכענונג)



ברוך דאָרנהעלם — אַ זילבערנע מזוזה (מעטאַלאָפּלאַסטיק)



מארעק וולאָדארסקי — טויבן אויף מ.ד.מ.



העניק גליצענשטיין — משיח (בראָנז־סקולפּטור)



הענעך גליצענשטיין — דער קינסטלער אין זיין אַטעליע



הענעך גליצענשטיין — די פּאַרטיזאַנערין (שטיין־סקולפּטור)



העגעך גליצענשטיין — מוטערשאַפט (האָלץ־סקולפּטור)



מאַריעק שוואַרץ — אַ מנורה (מעטאַל־קריצונג)



מאַריעק שוואַרץ — די שטים פון אַ פאַרלאָזטן (האָלץ־סקולפּטור)



חיים האַנפט — „פּוטטאַ“ (מעטאַלאָפּלאַסטיק) דעקאָראַטיווע באַצירונג
פונעם סאַלאָן — קאַמין אין פּאַלאַץ פון הראַביע טשאַרטאָריסקי



חיים האַנפט — אַ מחיצה צו די קאַלאָריפערן (מעטאַלאָפּלאַסטיק)



אַריה מערזער — אַ ייִדישער וואַסערטרעגער (מעטאַלאָפּלאַסטיק)



אריה מערזער — פאָלקס־לידער (מעטאַלאָפּלאַסטיק)



אריה מערזיער — „ייִדל מיטן פֿידל“ (מעטאַלאָפּלאַסטיק)

# אינהאַלט:


| | זייט |
|---|---|
| פאָרוואָרט | 7 |
| דוד פרידלענדער | 21 |
| סאַלאָמאָן יאָן מינהיימער | 25 |
| מאַקסימיליאַן פאַיאַנס | 30 |
| לעאָפּאָלד האָראָוויץ | 34 |
| שמעון בוכבינדער | 42 |
| יאָן באָגומיל ראָזען | 52 |
| סאַול וואָהל | 56 |
| אפרים משה ליליען | 61 |
| לעססער אורי | 69 |
| לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי | 78 |
| יעקב וויינלעז | 83 |
| ווילהעלם וואַכטעל | 87 |
| לעאָפּאָלד גאָטליב | 91 |
| יעזשי מערקעל | 97 |
| עוגעניוש זאַק | 100 |
| רודאָלף לעווי | 107 |
| מאַקס ראַפּאָפּאָרט | 113 |
| דוד אַלעקסאַנדער האַלטערכט | 115 |
| יוסף זיידענבייטל | 119 |
| אַרטור שיק | 126 |
| יאַקוב שטיינהאַרדט | 132 |
| משה קיסלינג | 138 |
| יוזעף בודקאָ | 143 |
| יאַנקל אַדלער | 146 |
| יהודה ווערמוס | 155 |
| מאַרעק וולאָדאַרסקי | 158 |
| די משפחה האָרנהעלם | 163 |
| הענעך גליצענשטיין | 165 |
| מאַרעק שוואַרץ | 174 |
| חיים האַנפט | 180 |
| אריה מערזער | 189 |
| יוסף סאַנדועל (שטריכן צו זיין ביאָגראַפיע) | 197 |
| רעפּראָדוקציעס | 203 |